NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08258

# LEYENBIKHER FAR DER IDISHER SHUL

Israel Steinbaum

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# לייענביכער פאַר דער אידישער שול

צוזאַמענגעשטעלט פון
**י. שטיינבוים**

## דאָס פינפטע לייענבוך

אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג „ערציאונג“
ניו־יאָרק — 1928

הויפּט פאַרקויף ביים פאַרלאַג פון
מאַקס נ. מייזעל
224 גרענד סטריט, ניו־יאָרק.

Copyright, 1928, by
ISRAEL STEINBAUM
New York, N. Y.

# לייענביכער פאַר דער אידישער שול

## דאָס פינפטע לייענבוך

## עטלאַכע באַמערקונגען

1) דאָס איצטיקע לייענבוך דאַרף באַנוצט ווערן מיט קינדער, וואָס האָבן שוין געלערנט אַ צוויי־דריי יאָר אין אַן אָנפאַנגשול, ד. ה. קינדער וואָס באַהערשן שוין גוט די טעכניק פון לייענען און שרייבן און קענען זיך באַנוצן מיט דער שפּראַך ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן: שמועסן, לייענען אַ צייטונג, אַ בוך, שרייבן אַ קאָמפּאָזיציע, א. אַז. וו.

2) ס'איז אַבסאָלוט נייטיק, אַז דאָס לייענבוך זאָל באַנוצט ווערן אין שול אין דעם זעלביקן סדר, ווי ס'איז צונויפגעשטעלט. די פאַרשידענע אָפּטיילן אין בוך שטעלן מיט זיך פאָר אַזאַ ציקל פאַסירונגען און ערפאַרונגען, וואָס ס'איז ווינשענסווערט, אַז די קינדער זאָלן זיך מיט זיי באַקענען און זיי דורכלעבן אין דעם אָנגעגעבענעם סדר, ווייל לאָגיש איז איין אָפּטייל אַ רעזולטאַט פון דער צווייטער.

3) קינדער פון דעם עלטער און מיט אַזוינע קענטעניש דאַרפן ניט פאַרברענגען אַ יאָר צייט אין קלאַס בלויז אויף דעם לייענבוך. דאָס לייענבוך דאַרף עפענען דעם וועג, אַריינפירן, אָנרעגן, אָבער טאָר בשום אופן ניט זיין דאָס איינציקע לייענמאַטעריאַל אין קלאַס. פאַראַלעל מיטן לייענבוך דאַרפן די קינדער לייענען גאַנצע ווערק, וואָס האָבן אַ דירעקטן און אפילו אַביסל אַ

ווייטן שייכות מיט דעם מאַטעריאַל פון לייענבוך. דאָס וועט נישט נאָר באַרייכערן דאָס לייענען פון טעקסטבוך, נאָר וועט איינשטעלן די נייטיקע געוואוינהייט פון אונטערנעמען זיך צו לייענען אַ גאַנץ בוך און האָבן דאָס פאַרגעניגן פון ענדיקן אַזוינע ביכער.

4) הגם אונזער ליטעראַטור איז גאַנץ רייך מיט ווערק, וואָס זיינען פּאַסיק פאַר אַזוינע קינדער, זיינען אָבער די מערסטע פון זיי אַרויסגעגעבן אַזוי, אַז ס'איז שווער זיי צו נוצן אין קלאַס. מיר מוזן זיך אָבער מיט זיי באַנוצן מיט דער האָפענונג, אַז דאָס וועט באַוועגן די אַרויסגעבער צוצוגרייטן בעסערע אויסגאַבעס.

5) צוזאַמען מיט דעם לייענבוך קען מען באַנוצן אַזוינע ווערק, ווי:

א) דאָס ליטווישע אינגל פון א. קאַצאָוויטש.

ב) אין יענע טעג פון יהודה שטיינבערג.

ג) יואליק פון יעקב פאַט.

ד) יאָסעלע פון יעקב דינעזאָן.

ה) אָן אַ לשון פון קאָראָלענקאָ, און אַנדערע.

6) דער צוזאַמענשטעלער האָט זיך, נאַטירלאַך, באַנוצט מיט געוויסע מאַטעריאַלן פון אַנדערע לייענביכער, אָבער דאָס רוב מאַטעריאַל איז ניי.

די והיים־שול — סעפּט. 1928.

# אין דער משפחה

## אינהאַלט:


1) אַ מאַמע (אַן אונגאַריש פֿאָלקס־מעשה'לע) — ל. מלאַך 6

2) ביים קינדס וויגל (בילד) — ז. מאָוד — — — — — — 11

3) אַ מאַמע — י. קרעפּליאַק — — — — — — — — — 12

4) די מאַמע (ליד) — ז. וויינפּער — — — — — — — 19

5) אונזער באבעשי — מ. קאָנאָפּניצקאַ (אידיש מ. ציווין) — 20

6) אין אַ שטיבל (ליד) — ה. לייוויק — — — — — — 24

7) ערשטע טריט (בילד) — מילעט — — — — — — — 25

8) אַ אינגעלע אַזאַ (ליד) — י. י. סיגאַל — — — — — — 26

9) דריי קעפּלאַך — שלום עליכם — — — — — — — — 27

10) קינדער (ליד) — י. דאָברושין — — — — — — — 35

11) פֿארן שלאָף (ליד) — נפתלי גראָס — — — — — — 36

12) די־דריי טרובעס — ר. אייזלאַנד — — — — — — — 37

13) קראַנקע קינדער (ליד) — נפתלי גראָס — — — — — — 43

14) בום־בום — זשול קלאַרעטי (איד. מנוחה ר.) — — — — 44

15) קינדער — מ. ספּעקטאָר — — — — — — — — — 57

16) אין קלאַס (בילד) — זשאָפּראָי — — — — — — — 69

17) אַ תּפֿילה (ליד) — אברהם רייזען — — — — — — — 70

# אַ מאַמע.

(אונגאַריש פאָלקס-מעשה׳לע)

אַ גראַף פון אונגאַרן, אַ קעמפער פאַר פרייהייט
פאַר׳משפט צום טויט, איז געזעסן
פאַרשפאַרט אין דער פינסטערער איינזאַמער תפיסה,
פאַרשפאַרט און פאַרלאָזט און פאַרגעסן.

די נאַכט איז אין דרויסן אַ ווייסע געוועזן,
באַהאָנגען מיט זילבערנע שטראַלן.
עס איז אויך דער שיין דורך די אייזערנע גראַטן
צו אים אין דער תפיסה געפאַלן.

מען הערט ניט קיין שאָרך פון קיין לעבעדיק נפש,
פאַרזונקען איז אַלץ אין אַ דרימל.
עס וואַכן נאַר בלויז די לבנה און שטערן,
אין פראַכטיקער בלויקייט פון הימל.

און פלוצלונג עס הערט זיך אַ קלינגען פון שליסלען
און ווערט אין דער שטילקייט צעגאָסן.
„ווער קומט עס“, געטראַכט האָט דער גראַף מיט אַ ציטער,
און אָט איז די טיר אויפגעשלאָסן.

אָט זעט ער דאָס ליכט פונם וועכטערס לאַמטערן,
מיט אים אַ געשטאַלט קומט אין שוואַרצן,
אָט הערט ער אַ שטימע אַ ליבלאַכע רופן,
און אָט דריקט אים עמיץ צום האַרצן.

אָט פילט ער, ווי צערטלאַכע ליפּן באַרירן,
באַדעקן מיט קושן זיין שטערן,
עס שווידערט זיין גוף אויף אין אַנגסטלאַכן שטוינען,
עס ציטערט זיין שטימע פון טרערן.

— „דו מאַמע! אָ, מאַמע, ווי ביסטו געקומען,
צען־פאַכיק פאַרשלאָסן איז ס'טויער ?"
— „די ליבע אַ מאַמעס רייסט שלעסער און ריגלען,
צעברעכט און שפּאַלט איבער אַ מויער!"

— „אָ, מאַמע, מיין מאַמע! איך ווייס דיין כונה:
מיין נאַכט איז די לעצטע מסתמא,
געזעגענען ווילסטו זיך, מאַמע, איך פיל דאָס,
געזעגענען... מאַמע, אָ, מאַמע!..."

— „זיי רואיק — האָט ווידער די מאַמע געענטפערט —
איך זאָג דיר, מיין זון, דו וועסט לעבן,
כ'וועל לויפן צום קייסער אַהין פאַר דיר בעטן,
ער וועט און ער מוז דיר פאַרגעבן.

„מיט אים איז אַ הייפל פון שררות און שרים,
תלינים און חיל באַלוינטע,
מיט דיר איז דאָס פאָלק דאָס צעברויזטע אין גרויסקייט,
פאַר וועלכן עס שרעקט די געקרוינטע.

„נאָך שטאַרקער פון דעם איז די ליבע אַ מאַמעס,
ברעכט הערצער פון שטאָל און פון אייזן,
דער ווילן פון פאָלק און די ליבשאַפט אַ מאַמעס —
זיי קאָנען דאָך וואונדער באַווייזן.

„דעריבער, מיין קינד, אַז דער תליון וועט קומען
באַגינען דיך פירן צום הענגען,
דאַן גיי און זיי זיכער, מען וועט דיין באַפרייאונג
די לעצטע מינוטן דיר ברענגען.

„איך גיב דיר, מיין קינד, צוויי סימנים, זאָלסט קוקן,
ביים תליה-פלאַץ נאָנט אויף אַ מויער,
און אויב, אַז דו וועסט מיך דערזען און דערקענען
אין שוואַרצן געקליידט און אין טרויער,

„אַ דאַן זאָלסטו וויסן, אַז אַלץ איז פאַרפאַלן,
פאַרשפילט האָסטו שוין דיינע יאָרן,
מיין קינד, אַז דו שטאַרבסט ווי אַ העלד פאַרן אמת
זאָל בלייבן ביי דיר אין זכרון.

„פֿאַרקערט, אַז דו וועסט אָבער זען מיך, דיין מאַמען,
געהילט אין אַ שלייער אַ ווייסן,
דאַן וויס, ס׳האָט דיין מאַמע גע׳פּועל׳ט ביים קייסער
און ר׳האָט דיך באַפרייען געהייסן.

„אַפילו דער תּילון וועט נעמען די פּעטליע
און וועט אויף דיין האַלז זי פֿאַרלייגן,
דאַך זאָלסטו זיין רואיק, זאָלסט וואַרטן און האָפֿן,
זאָלסט שמייכלען און גאָרנישט זיך פֿרעגן“...

---

עס האָבן באַגינען געטראָגן זיך קלאַנגען
פֿון גרויסע פֿאַרבאָרגענע גלאָקן,
ווי סודות פֿון אימה און טרויער און פּחד
אַזוי האָט דאָס קלינגען געשראָקן.

ס׳איז טריב דער פֿרימאָרגן. עס האָט זיך דער הימל
מיט וואָלקנס מיט שוואַרצע פֿאַרצויגן,
דאָס פֿאָלק איז געשטאַנען אַרום ביי דער תּליה
די קעפּ צו דער ערד שטיל געבויגן.

עס שאַלן טראָמפּייטן און ס׳קלאַפּן די פּויקן,
באַוואַכט איז דער קעמפער געקומען,
ער שמייכלט אַרויף צו די פענסטער, פֿונוואַנען
מען האָט אים באַוואָרפֿן מיט בלומען.

אַט האָט שוין די שעה אויסגעשלאָגן די לעצטע,
עס הערן צום לעצט זיך די שאַלן,
עס רייסן זיך זיפצן אַרויס פון די הערצער,
עס גיסן זיך טרערן ווי קוואַלן.

נאָר איינער איז רואיק, דער גראַף פון אונגאַרן,
ער זעט דאָרט זיין מאַמען אין ווייסן;
ער ווייסט, ס'וועט באַלד קומען דעם קיניגס שליח
און וועט זיין פסק־דין דאָך צערייסן.

אַט לייגט מען די שטריק אויף זיין האַלז — און ער שמייכלט,
און שמייכלענדיק ווערט ער געהאַנגען...

— — — — — — — — — — — — — —

דאָס פאָלק האָט זיך טרויעריק געשטעלט אויף די קניען
אַ תפילה געזאָגט און צעגאַנגען.

ל. מלאָך.





# אַ מאַמע.

פאַר יום טוב איז יוסף פריי פון חדר. ווי שטענדיק, האָט ער קיינעם אין שטוב ניט דערציילט און איז זיך אַוועק אין סאָסנע־וואַלד קלייבן בעטקעס (שוועמלאַך).

ער ווייס, ער האָט זיך שוין פאַרשפּעטיקט. די מאַמע קוקט שוין די אויגן אויס. אָבער ער האָט נאָך אַ סך צו טאָן: ער מוז נאָך אָנקלייבן שוואַרצע יאַגדעס פון וועלכע ער אַליין נאָר ווייס „אַן ערטל“; ער מוז נאָך אַרויפקלעטערן אַ קוק טאָן צו זיין נעסט פון וועווערקעס — זעקס קליינינקע, געלינקע זיינען זיי דאָרטן; ער האָפט נאָך צו געפינען אויך האָזענע ניסלאַך אונטן אין נאָסן וואַלד.

צווישן די אַלשענע און ניסן־בוימלאַך, איינגעפּלאָנטערט אין ווילדע האָפּן און קראָפּיווע, דאַרפן שוין זיין צייטיקע ווינטערדיקע מאַלינעס, קלערט ער, „כ׳וועל זיי אויך אָנקלייבן. אפשר וועל איך קענען זיך פאַרענטפערן פאַר דער מאַמען, — זע, וואָס כ׳האָב אָנגעבראַכט: בעטקעס, שוואַרצע יאַגעדעס, האָזענע ניסלאַך און אפשר נאָך ווינטערדיקע־מאַלינעס אויך“...

און ווייטער טראַכט ער, אַז מען וועט זיך נאָך דאַרפן אויף גיך אַ באָד טאָן אויך, אַז די מאַמע זאָל ניט וויסן... ווייל פאַרנאַכט איז דאָס וואַסער וואַרים — מחיה׳דיק!

אַ חוץ אין „קעסל־גרוב", וואו פון פאַר'כישופ'טן זומפּ אין וואַלד, פון אונטערן תהום קומט אַרויס דער „וואַסער־מענטש" און שלעפּט אַראָפּ צום גרונט אַזעלכע קליינע אינגלאַך ווי ער און וואו זיי וואַרפן אַריין אַלע יאָר אַ קאַץ פאַר אַ כפרה...

אָבער הלואי טרעפט ער נאָר דעם בעל־עגלה'ס זון מיט דער פּאָר פערד, איין פערד וועט ער אים שוין געבן צום אויסבאָדן. דעם בעל עגלה'ס זון ווייס, אַז ער קען. אויב ניט, וועט ער זיך ווידער אָנטשעפּן אָן ווײַדל, אַ דאגה אים — אַבי אַריבערשווימען די „קעסל־גרוב" און אויפן צווייטן ברעג איז אַ מחיה זיך צו קייקלען נאַקעטערהייט איבערן לאָנקע!

דער פּאַרנאַכט קומט אָן און ער אײַלט זיך. פון אַ פּאָליאַנע זעט ער, די זון האָט זיך ווי אַ רויטער טייך צע־שוואומען איבערן הימל, איין זײַט איז באַדעקט מיט גע־דיכטע וואָלקנס און ס'ווערט טונקעלער. איצט וועט שוין ביי אים לאַנג ניט דויערן. די פּאַדעשוועלאַך זײַנען ביי אים גליטשיק פון די פּעכיגע נאָדלען, ער גייט און גליטשט זיך — ער גיט זיך אַ זעץ־צו, אַ גליטש. און אָט איז ער אין נאַסן־וואַלד.

ס'אַראַ מאַלינעס! ער האָט זיך גאָרניט געריכט — גרויסע און אָנגעשאָטענע! זיי זײַנען אַזש שוואַרץ פון אָנגעגאָסענעם זאַפט. די שטעכיקע שטעקעלאַך בייגן זיך אַרונטער.

ער וואַרפט זיך אין די צונויפגעפלאָנטערטע האָפּן,

ברעכט איבער און טאַפּטשעט איין די ברייענדיקע קראַ־
פּיווע, אַ־אַ, ער וועט זיי אָנקלייבן אַ סך...

פלוצלונג איז עפּעס פאַרביי אים דורכגעלאָפן און זיך
אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן אויף אַן אויסגעפוילטן פּיען. ער
האָט זיך איינגעאַנצן אָנגעצונדן און פאַרהאַלטן דעם אָטעם.
ער זעט אַ וואַסער־פויגל שפּרינגט פאַרזיכטיק אַרום און
פלאַטערט מיטן צושטרייפטן וויידעלע.

„כ׳קען זיך שווערן, ס׳איז אַ נעסט — גיט אים אַ
קלאַפּ אין הערצל. — כ׳וועל האָבן מיט וואָס זיך גרויס
צו האַלטן אין חדר: אַ נעסט פון וועווערקעס האָב איך
שוין, איצט — פון וואַסער־פייגעלאַך״.

ער האָט זיך פאַרטאַיעט: „זאָל איך נאָר זען, וואו זי
שפּרינגט אַריין, וועלן זיי שוין זיין מיינע!״

נאָר דאָס וואַסער פייגעלע האָט אים דערשפּירט, און
קרום פון דער זייט אויף אים א קוק געטאָן, אָפּגעפלויגן אַ
שטיקל און זיך געשטעלט אויף אַ צווייטן בוים, באַהאַלטנדיק
זיך אונטער צווייגן, ווי דאָרטן וואָלט געווען דער נעסט.

„ניין, וועסט מיך ניט אָפּנאַרן. כ׳וועל אַזוי לאַנג
וואַרטן, ביז דו וועסט מוזן אַריינפליען״, טראַכט ער.

אַ צווייטע איז באַלד צוגעפלויגן און זיך אָפּגעשטעלט
אויפן זעלבן פּיען. די ערשטע האָט פאַרצווייפלט אַ סווים־
טשער געטאָן, ווי אָנזאָגנדיק, אַז דאָ לויערט אַ שונא.

זיי האָבן זיך געדרייט און אַרומגעפלויגן. ער איז די
גאַנצע צייט געלעגן צונויפגעקאָרטשעט אין די קוסטעס און
געטשאַטעוועט. ס׳איז אים מיט אַמאָל היים געוואָרן...

ער זעט איין פויגל האָט זיך שטיל אַריינגע'גנב'עט, און גאָר עפּעס אונטער אַ וואָרצל.

„אָט גאָר, אַבי איך האָב געמיינט אין פּיען"...

ווי די צווייטע איז אַריין, האָט ער שוין גאָר ניט באַמערקט, נאָר ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זי איז אינווייניק. שטילינקערהייט האָט ער זיך גענומען שאַרן צום נעסט.

מיט האַרצקלאַפּעניש האָט ער אַריינגערוקט די האַנט אונטערן פּיען... אַ געשריי געטאָן און באַלד אַרויסגעכאַפּט די האַנט צוריק. פון ווייטיק האָט ער אָנגעהויבן שפּרינגען אויף איין פיסל און בלאָזן אויפן צעבלוטיקטן פינגער. אַ שטיק הויט האָט זי אים אויסגעפּיקט מיטן שאַרפן, דינעם שנאָבל. און מיט אַמאָל — באַץ! און די ביידע פייגל זיינען פאַר זיינע אויגן אַרויסגעפלויגן, און פאַרפאַלן!

ער קוקט זיך אַרום — שטאָק-פינסטער, און ער איז איינינקער אַליין, ביי נאַכט אין וואַלד. ער צאַפּלט זיך פון שרעק. ער וויים: וועלף נישטערן ביי נאַכט, און ערגעץ אין מיטן וואַלד — דער פאַר'כישופ'טער זומפּ מיטן וואַסער-מענטש, מיט זיינע שרעקן, וואָס פאַרנאַרט אַלעמען און פון וואַנען קיינער קערט זיך ניט אום. און דער וואַלד איז שטיל — דער וואַלד שווייגט.

פלוצלונג האָט אַ בייזער פייף זיך דורכגעטראָגן דורכן וואַלד. די ביימער האָבן צעצאָרנטע אָנגעהויבן הודזשען, ווי אַ בייזע האַנט וואָלט זיי געשויבערט די צעוואַקסענע

קעפּ. אַ שלאַקס־רעגן האָט אַ גאָס געטאָן און מיט געררויש אָנגעהויבן פּויקן איבער די בלעטער.

פון שרעק לאָזט ער זיך לויפן פון וואַלד אַרויס, נאָר די פינסטערניש באַגעגנט אים פון אַלע זייטן און ער ווייס ניט, וואוהין צו לויפן. ער פּלאָנטערט זיך אין די ווילדע האָפן, ווי משונה׳דיקע לאַפּעס ציען זיך נאָך אים די אַרויס־שטאַרצנדע וואָרצלען. ער פאַלט איבער זיי, הויבט זיך אויף און פאַלט ווידער, ער בריט זיך אָן דער שטעכיקער קראַ־פּיווע. קאַלטע שטראָמען וואַסער נעצן אים דורך און רינען אים איבערן לייב. ער פאַרזשמורעט די אויגן פון די בלענ־דענדע בליצן, קנוילן־ווייז פליקן זיי דעם הימל; דוכט אים, אָט נעבן אים פאַרטויבן די דונערן, שפּאַלטן זיךביימער און וועלן אים אין פּיצלאַך צעהאַקן... ער וויל זיך צו־טוליען צו אַ בוים, נאָר ס׳טרייסלט אים עפּעס אין גאַנצן. פייערדיקע קוילן דרייען זיך אים פאַר די אויגן. אים דוכט, אַז ער הויבט אָן זינקען — פאַרזינקען אין פאַר׳כישופ׳טן זומפּ, און ער צאַפּלט אין גאַנצן, שטרעקט אויס די הענט־לאַך און מיט די לעצטע כחות רופט ער:

— מאַמע, מאַמעלע מיינע!

ווי דורכן חלום הערט ער דער מאַמעס קול. ער פילט נאָר, ווי זי נעמט אים אויף די הענט. ער קלאַמערט אַרום איר נאַסן האַלז. און זי טראָגט אים אין מיטן שטורם, טוליעט אים צו זיך און רעדט שטיל: אויסגעמאַטערט קינד מיינס, אינגעלע מיינער...

— — — — — — — — — — — — — — — —

נאָכדעם איז דער וואַסער-מענטש פון זומפּ געקומען און האָט אים געמוטשעט און ערגעץ וואו געשלעפּט. ער האָט זיך געוואָרפן, געצאַפּלט און געוועדט, אָבער צווישן די משונה'דיקע מענטשן, וואָס פלעגן מיט מאָדנע הויות אַרומשפּרינגען אַרום אים, האָט ער זיין מאַמען ניט געזען, אַליין איז ער געווען, און דער וואַסער-מענטש איז ווידער געקומען, האָט אים אַ כאַפּ געטאָן, צוגעשטיקט און זיך גענומען מיט אים אַרונטערלאָזן טיף-טיף אין פאַר'כישוף'טן זומפּ...

פלוצלונג פילט ער, ווי די מאַמע רייסט אים אַרויס און ער שווימט, שווימט אַרויס פון אָפּגרונד, און ס'ווערט אים אַזוי גוט, לייכט ער עפנט די אויגן און פאַרוואונדערט זיך, ער ליגט גאָר אין דער מאַמעס בעט און עפּעס אַזוי שטיל איז אין שטוב. נאַכט. דער לאָמפּ מיט דער טונקעלער שיין ברענט אויפן טיש. אַ סך רפואה-פלעשלאַך שטייען אָנגעשטעלט נעבן בעט אויף אַ שטול. איינס געפעלט אים, אַ שמאָלענקע, אַ רויטינקע. ער גיט באַלד אַ קלער: מען וועט קענען מיט איר אַרויפשעפּן גרונט-וואַסער. ער קוקט זיך אַרום און פאַרוואונדערט זיך נאָך מער. די מאַמע טוט עפּעס גאָר ניט אין שטוב, נאָר זיצט עפּעס איינע אַליין ביים טיש, דעם פּנים באַהאַלטן אין די הענט און ער קאָן ניט וויסן צי זי שלאָפט, אָדער זי טראַכט, נאָר דעם אָפענעם „זיידנס תהילים" מיטן לעדערנעם רוקן דערזעט ער אונטער אירע עלנבויגנס און ער קלערט: וואָס זיצט עפּעס די מאַמע אַזוי? און ער רופט זי:

— מאַמע!

ער פֿאַרוואונדערט זיך, ווי פֿאַרענדערט זיין קול איז, און אים דוכט זיך, אַז די מאַמע האָט אים ניט דערהערט; מער ניט אירע עלנבויגנס האָבן עפּעס אַ ציטער געטאָן און ער רופֿט נאָך אַמאָל:

— מאַמע!

ער קאָן ניט פֿאַרשטיין, וואָס די מאַמע האָט זיך אַזוי צעמישט אויפֿגעהויבן און פֿאַלט צו מיט אַ געוויין צו אים. אָבער פֿון אירע טרערן ווערט אים אַזוי גוט און ליבלאַך אויפֿן האַרצן. זי קוקט אים אין די אויגן, ווי זי וואָלט זיך ניט געגלויבט, און פֿון איר בליק צאַפּלט פֿריידיק זיין נשמה. אָבער אירע אויגן קוקן אים מאָדנע אויס, אַזעלכע רויטע, אָנגעצונדענע. ער קוקט און וואונדערט זיך: פֿון וואַנען זיינען ביי דער מאַמען אַזעלכע אויגן געוואָרן מיט אַמאָל? נאָר ער פֿילט, אַז ס'טויג עפּעס ניט צו פֿרעגן און ער קוקט זי שטום אָן.

זי גלעט אים צאַרט דעם שטערן און רעדט שטיל:

— אויסגעמוטשעט קינד מיינס, אינגעלע מיינער...

י. קרעפּליאַק.



# די מאַמע

האָסט צוגעדעקט מיך מיט דיין וואַרעם קלייד,
אַ ריר געטאָן מיין קישן מיט דער האַנט;
און אויף די שפּיצן פינגער שטילערהייט
ביסטו אַוועק אין ווינקל צו דער וואַנט.

אַ לעמפּל האָט אין ווינקל קאַלט געברענט,
און פעדערן געפליקט, געפליקט געשווינט
האָסטו מיט דיינע ציטערדיקע הענט,
מיט דיינע בלייכע, ציטערדיקע הענט,
פאַר מיר, דיין קינד.

ז. וויינפּער.

# אונזער באָבעשי



די באָבעשי אונזערע איז אַלט, זייער אַלט! גרוי איז זי, ווי די גרויע טויב, בלייך איז זי, ווי דאָס בלייכע בלומענ־בלעטל. די ליפּע, וואָס ביי אונזער שטוב, איז קיין סך ניט עלטער פאַר איר. סיי די ליפּע, סיי די באָבעשי געדענקען, אַלטע, גאָר אַלטע צייטן.

נעמט די זון וואַרימען, קומט דער שיינער פרימאָרגן, ערד און הימל ווערן מיט גאָלד באַגאָסן, זעצט זיך אונזער באָבעשי אונטער דער ליפּע, האָט הנאה פון דער זון, שעפּט נחת פון פרילינג.

די ליפּע רוישט, רוישט מיט אירע קליינע בלעטלאַך, און די באָבעשי טראַכט און טראַכט.

איבער דער ליפּעס בלעטלאַך פליט דורך אַ לייכט ווינטעלע, אין דער באָבעשיס גרויען קאָפּ לויפן דורך אַ סך, אַ סך מחשבות.

אָט טראָגט זיך איבער דער ליפּע אַ וואָלקנדל, באַלד באַגילדט איר די זון מיט העלע שטראַלן — דער באָבעשיס פּנים איז פאַר׳דאגה׳ט, באַלד שמייכלט זי ליבלאַך.

רוישט די ליפּע, האָרכט זיך די באָבעשי צו; שעפּ־טשעט און זיפצט די באָבעשי, שטייט די ליפּע שטיל, שטיל,

קיין ריר פון אַ בלעטעלע. ווי זיי וואָלטן זיך פאַרשטאַנען, איינע פאַר דער אַנדערער דאָס האַרץ אויסגעגאָסן.

לויפן יאָרן נאָך יאָרן, דער באָבעשים רוקן בייגט זיך וואָס אַ יאָר נידעריקער צו דער ערד, צו דער שוואַרצער. די ליפּע וואַקסט וואָס אַמאָל העכער צום הימל, צום לויטערן.

צעבליט זיך די ליפּע, פליען אָן די בינען מחנות־ווייז, דרייען זיך און דרייען, מאַכן מיט די פליגעלאַך, זיי קומען נאָך דעם האָניק, נאָך דעם זיסן, נאָך דעם ווייסן, וואָס שמעקט אַזוי מחיה׳דיק פון דער ליפּעס בלימעלאַך.

דערמאָנט זיך די באָבעשי, וואָס פאַרצייטנס איז פאַר־לאָפן, רינגלען מיר זי אַרום, טרעטן ניט אָפּ און בעטן זיך:

— באָבעשי! טייערינקע! דערצייל אונז, באָבעשי, דערצייל אונז מעשה׳לאַך!

וואָרים ווי דער האָניק איז זיס, אַזוי זיס זיינען די ווערטער פון דער באָבעשים מויל.

און די באָבעשי גלעט אונזערע קעפּלאַך מיט איר דאַ־רער האַנט און דערציילט מעשה׳לאַך פון אַמאָל, וואָס אַלטע געדענקען, וואָס אין די אַלטע ביכער שטייט געשריבן.

און האָרכן מיר זיך צו, איז עס ניט דער דאָרף, ניט די שטוב, ניט דער בושל ביים וועג, נאָר שלעסער און טורימס, גרויסע חיילות, באַפליגלטע רייטער מיט פלאַטערנדיקע פאַנעס איבער די קעפּ. עס גלאַנצן און בליצן פייערן. פון ערגעץ דערטראָגן זיך גלאָקנקלאַנגען, טרומייטן שאַלן. און מענטשן זיינען דאָ אַ ים. באַ! צען מאָל אַזויפיל ווי אין שניט־צייט, און אפשר נאָך מער.

יאַנעק האַלט אָפּן דעם מויל און האָרכט, האָרכט און אַז די פערד נעמען הירזשען אויף דער לאָנקע, קוקט ער זיך אום, צי וועט ער באַלד ניט דערזען אַ באַפליגלטן רייטער אויף זיין פערד.

און זאָסיע פאַרשטאָפּט די אויערן מיט ביידע הענט־לאַך, זי זאָגט, די טרומייטן שאַלן אַזוי הויך, די פּאָנעם פלאַטערן אַזוי שטאַרק, מען קען אַזש פאַרטויבט ווערן.

און דאָס זיינען ניט די טרומייטן, דאָס זיינען ניט די פּאָנעס, דאָס רוישט נאָר די ליפּע. זי רוישט פונקט ווי פליטן וואָלטן די לופט מיט שיינע קלאַנגען פאַרפולט, דער באָבעשים ווערטער באַגלייט.

די באָבעשי האָט שוין אויפגעהערט צו דערציילן, און די ליפּע רוישט נאָך, ווי זי וויל אונז נאָך דערציילן פון יענע אַלטע צייטן, און טאָדזיאָ פאַרטראַכט זיך, פאַרהערט זיך, ער ווייס שוין אַפילו ניט, ווער האָט אונז דערציילט — די ליפּע, צי די באָבעניו.

אַז דאָס וואַרים ווינטעלע פאַרנייגט זיך, לייגט זיך אויף די גרעזעלאַך, די ליפּע באַרואיקט זיך, רירט ניט מיט קיין איינציק בלעטעלע, און ס׳ווערט שטיל, שטיל, ווי אַלץ וואָלט איינשלאָפן — טוליעט אונז די באָבעשי צו זיך, קושט אין שטערן זאָסיען, באַלד דעם קליינעם יאַנעק, טאָדזיען און זאָגט פריילאַך און מונטער:

— נו, קינדערלאַך, איצט זינגט אַ לידעלע!

ענטפערן מיר אָפּ:

— אָבער די באָבעשי אויך מיט אונז!

שמייכלט די באָבעשי, שמייכלט, דערמאָנט זיך עפּעס,
און די זון שיינט אויף איר גרויען קאָפּ.

צום סוף הייבט זי אָן מיט אַ שטילן ציטערדיקן קול:
„דאָרט אין פעלד, בליט די וועלט“.

און זאָסיע העלפט גלייך אויף איר דין קול'כל, נאָך איר טאָדזיע און יאַנעק. צוערשט שטיל, וואָס אַמאָל העכער און העכער, ביז עס צעטראָגט זיך איבער דער לאָנקע, אי־בערן פעלד.

דאָס ווינטל כאַפּט זיך אויך אויף, די ליפּע נעמט רוישן און אַזוי זינגען מיר אַלע דאָס אַלטע לידעלע, מיר, קינדער, די באָבעשי אונזערע און די ליפּע, די אַלטע.

מאַריע קאָנאָפּניצקאַ.

יידיש: מ. ציווין.



# אין אַ שטיבל

אַ שטיבל אַ קליינס און אַ נידעריקס
אין ווייטן געפרווירענעם לאַנד ;
אין שטיבל צוויי מענטשן דערשראָקענע
זיי זיצן און וואַרטן געשפּאַנט.

און איינע אַ פרוי, אַ געווינערן
גייט אויס פון געשריי צו געשריי ;
ווערט רואיק און שטיל די געווינערן —
פאַרברעכן די פינגער די צוויי.

אין דרויסן — אַ שניי און אַ פינסטערניש
אַ שטילער, אַ נאָגנדער ווינט ;
דורך טרויער מוז קומען, דורך ווייטיקן
דאָס נייע דערוואַרטעטע קינד.

עס האָבן די ווייזערס פון זייגער נאָך
די העכסטע מינוט ניט דערגרייכט ;
עס האָט נאָך די מוטער איר אָטעם־צוג
דעם לעצטן נאָך ניט אויסגעהויכט.

און פלוצלונג צעזייט זיך די פינסטערניש,
אַ קלאָרער באַווייזט זיך דער שניי ;
אין שטיבל צוויי מענטשן דערשראָקענע
דערהערן אַ קינדיש־געשריי.

ה. לייוויק.



# אַ אינגעלע אַזאַ

אַ אינגעלע, אַ אינגעלע,
אַלט איז ער צוויי יאָר.
קויפט מען אים אַ פערדעלע,
וויל ער צוויי — אַ פּאָר.

אַ אינגעלע, אַ אינגעלע,
אַלט איז ער צוויי יאָר.
האָט די מאַמע אַ מיידעלע,
וויל ער צוויי — אַ פּאָר.

אַ אינגעלע, אַ אינגעלע,
אַלט איז ער צוויי יאָר.
גיט מען אים אַן עפּעלע,
וויל ער צוויי — אַ פּאָר.

אַ אינגעלע, אַ אינגעלע,
אַלט איז ער צוויי יאָר.
גיט מען אים אַ פּעטשעלע,
וויל ער צוויי — אַ פּאָר.

י. י. סיגאַל.

# דריי קעפּלאַך

## א.



אַלע דריי, אַבראַמטשיק, מאיסייטשיק און דבורהקע זיינען געבוירן און געוואַקסן אַלע אויף איין אָרט — צווישן וואַנט און צווישן אויוון. אַלע דריי זעען פאַר זיך אַלע טאָג איינס און דאָס זעלבע: דעם פריילאַכן טאַטן, וואָס שניידט קאַרטאָן, קלעפּט שאַכטלאַך און זינגט ניגונים, און די פאַרזאָרגטע, אויסגעטריקנטע מאַמע, וואָס קאָכט און באַקט און קערט און ראַמט און איז קיין מאָל נישט פאַרטיק. ביידע זיינען זיי שטענדיק אין ד ע ר אַרבעט: די מאַמע ביים אויוון, דער טאַטע ביי די שאַכטלען. אויף וואָס דאַרף מען אַזוי פיל שאַכטלען? ווער דאַרף עס אַזוי פיל שאַכטלען? אפנים, אַז די גאַנצע וועלט איז פול מיט שאַכטלען?... אַזוי טראַכטן די דריי שיינע קעפּלאַך און קוקן שוין אַרויס, אַז ביים טאַטן זאָלן זיך שוין אָנקלייבן אַ סך, אַ סך שאַכטלען, און ער זאָל זיי נעמען אַלע אויפן קאָפּ און אין ביידע הענט — אפשר טויזנט שאַכטלען — און זאָל מיט זיי אַרויסגיין אין מאַרק אַריין און קומען צוריק אָן שאַכטלען, נאָר מיט געלט פאַר דער מאַמען און מיט בולקעלאַך, בייגעלאַך אָדער צוקער-קעס פאַר די קינדער... אַ גוטער, אוי, אַ גוטער טאַטע ביי

זיי; אַ גאָלד! די מאַמע איז אויך אַ גוטע, נאָר אַ בייזע. מ'כאַפּט פון איר אָפּט אַ זעץ, אַ שטורך אין זייט, אַ דריי פאַר די אויערן. זי האָט פיינט, אַז מ'מאַכט איר אָן אַ הקדש, זי וויל נישט, אַז די קינדער זאָלן זיך שפּילן אין טאַטע־מאַמע, זי וויל נישט, אַז אַבראַמטשיק זאָל שניידן די אַראָפּגעפאַלענע שטיקלאַך קאַרטאָן, אַז מאָיסייטשיק זאָל גנב'ענען פּאַפּ ביים טאַטן און אַז דבורה'קע זאָל באַקן ברויט פון זאַמד מיט וואַסער... די מאַמע וויל, אַז די קינדער זאָלן זיצן שטיל, סטאַטעטשנע. די מאַמע ווייסט נישט, אַפנים, אַז יונגע קעפּלאַך אַרבעטן, אַז יונגע נשמות רייסן זיך, רייסן זיך, רייסן זיך — וואוהין? אין דרויסן! צו דעם ליכט! צום פענסטער! צום פענסטער!

## ב.

סך־הכל איין פענסטער, איין שטיקל פענסטער. אַלע דריי קעפּלאַך שלאָגן זיך פאַרן שטיקל פענסטער, און וואָס זעט מען דאָרט? אַ וואַנט אַ הויכע, אַ ברייטע, אַ גרויע, אַ נאַסע וואַנט. שטענדיק, אייביק איז זי נאַס, אַפילו זו־מער!... קומט אַמאָל אַהער די זון? געוויים קומט אַמאָל אַהער די זון. דאָס הייסט, נישט די זון אַליין, נאָר אַ שיין פון דער זון. און דעמאָלט איז אַ יום־טוב, אַלע דריי שיינע קעפּלאַך שפּאַרן זיך צום שטיקל פענסטער, קוקן אַרויס גאַנץ אויבן און זעען אַ לאַנגן, שמאָלן, בלויען פּאַס, ווי אַ לאַנגע, בלויע סטענגע.

— אָ, זעט איר, קינדער? אָט דאָס איז הימל!

אַזוי זאָגט אַבראַמטשיק. אַבראַמטשיק ווייסט, אַב־ראַמטשיק גייט אין חדר, ער לערנט שוין קמץ־אלף. דער חדר איז טאַקע דאָ נישט ווייט, די צווייטע שטוב, דאָס הייסט די צווייטע טיר. אַך! וואָס אַבראַמטשיק דער־ציילט זיך אָן פאַר חידושים פונם חדר! אַבראַמטשיק דערציילט, אַז ער האָט אַליין געזען, ער זאָל אַזוי זען אַלדעם גוטס, אַ גרויסן מויער פון סאַמע פענסטער פון אויבן ביז אַראָפּ. אַבראַמטשיק שווערט, אַז ער האָט אַליין געזען אַ קוימען, אַ הויכן קוימען, און פונם קוימען גייט אַ רויך... אַבראַמטשיק דערציילט, אַז ער האָט אַליין געזען, ער זאָל אַזוי זען אַלדעם גוטס, אַ מאַשינע, וואָס מ'נייט אויף איר אָן הענט... אַבראַמטשיק דערציילט, אַז ער האָט אַליין געזען, ער זאָל אַזוי זען אַלדעם גוטס, אַ וואָגן, וואָס פאָרט אָן פערד... און נאָך אַזעלכע נסים ונפלאות דערציילט זיי אַבראַמטשיק פונם חדר, און מאַיסייטשיק, און דבורה'קע הערן און זיפצן און זיינען אים מקנא, וואָס אַלצדינג ווייסט אַבראַמטשיק, אַלצדינג!

למשל, אַבראַמטשיק ווייסט, אַז אַ בוים וואַקסט. אמת, ער אַליין האָט נאָך, גלייך מיט זיי, קיין מאָל נישט געזען, ווי אַזוי עס וואַקסט אַ בוים. נישטאָ קיין ביימער אויף דער גאַס. נישטאָ! ער ווייסט אָבער (אין חדר האָט ער עס געהערט), אַז אויף אַ בוים וואַקסן פירות, — און דער־פאַר מאַכט מען אויף אַ פּרי בורא פּרי העץ. אַבראַמטשיק ווייסט (וואָס ווייסט ער דען נישט?), אַז קאַרטאָפלעס,

למשל, אָדער אוגערקעס, אָדער ציבעלעס, אָדער קנאָבל וואַקסן אויף דער ערד, און דערפֿאַר מאַכן מיר אויף זיי בורא פרי אדמה. אַלצדינג ווייסט אַבראַמטשיק. ער ווייסט נאָר נישט, וואו און ווי אַזוי דאָס וואַקסט, וואָרים ער האָט דאָך דאָס נאָך, גלייך מיט זיי, קיין מאָל נישט געזען, וואָרים אויף זייער גאַס איז נישטאָ קיין פעלד, נישטאָ קיין גאָרטן, נישטאָ קיין בוימער, נישטאָ קיין גרעזל, — נישטאָ, נישטאָ!

אַפילו אַ פייגעלע זעט מען דאָ זעלטן. עס פֿאַרבלאָנדזשעט אַמאָל אַהער אַ וואָראָבייטשיק, איז ער גרוי, אַזוי ווי די גרויע וואַנט. פיק־פיק די גרויע שטיינער, הייבט זיך אויף און פליט אַוועק... פון עופות זעען זיי אַמאָל אויף שבת אַ פערטל עוף מיט אַ בלאַס אויסגעצויגן פיסל. וויפיל פיס־לאַך האָט אַן עוף! — זעלבסטפֿאַרשטענדלאַך, פיר! עלעהיי אַ פערד! אַזוי פסק׳נט דער עלטערער אַבראַמטשיק, און אַבראַמטשיק ווייסט דאָך אַלץ!

אַלע דריי קינדער האָבן נאָך קיין מאָל נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו זען פאַר זיך לעבעדיקערהייט נישט קיין עוף, נישט קיין חיה, נישט קיין בהמה, אויסער אַ קאַץ. אַ קאַץ האָבן זיי אַן אייגענע, אַ לעבעדיקע, אַ גרויסע קאַץ, גרוי, ווי די גרויסע גרויע, נאַסע וואַנט... די קאַץ איז זייער גאַנץ פאַרגעניגען. מיט דער קאַץ שפילן זיי זיך שעה׳ן לאַנג, טוען איר אָן אַ פאַטשיילע אויפן קאָפּ, רופן זי „מחותנת׳טע" און לאַכן, לאַכן, לאַכן אָן אַ שיעור! דערזעט די מאַמע און טיילט זיי איין: שענקט זיי — דעם אַ זעץ, דעם אַ שטורך אין זייט, דעם אַ דריי ביים אויער. די קינ־

דער צעגייען זיך אויף זייערע ערטער הינטערן אויוון. דער עלטערער, אבראַמטשיק, דערציילט עפּעס, און די קלענערע, מאַיסייטשיק און דבורה'קע, האָרכן; קוקן אויף זייער על־טערן ברודערל מיט גרויסע אויגן און האָרכן. אבראַמטשיק זאָגט, אַז די מאַמע איז גערעכט. אבראַמטשיק זאָגט, אַז מיט אַ קאַץ טאָר מען זיך ניט שפּילן, ווייל אַ קאַץ איז אַ טמא זאַך און אַ מזיק. אַלצדינג ווייסט אבראַמטשיק! ס'איז דען דאָ אַ זאַך אויף דער וועלט, וואָס אבראַמטשיק זאָל נישט וויסן?

## ג.

אַלצדינג ווייסט אבראַמטשיק.

אַלצדינג! אַפילו, וואָס אויף יענער וועלט טוט זיך. למשל, ער ווייסט, אַז אויף יענער וועלט איז דאָ אַ גן־עדן. פון אידנס וועגן, געוויינלאַך; אין גן־עדן זיינען דאָ ביימער אַ סך מיט די שענסטע פּירות; טייכן, וואָס פליסן בוימל; דימענטן און בריליאַנטן וואַלגערן זיך אין די גאַסן: בייג זיך אָן, נעם און שטאָפּ אָן פולע קעשענעס; און ערלאַכע אידן זיצן דאָרטן טאָג ווי נאַכט און לערנען און האָבן הנאָה פון דער שכינה... אַזוי דערציילט אבראַמטשיק, און ביי מאַיסייטשיק'ן און ביי דבורה'קען ברענען די אייגעלאַך, און זיי זיינען מקנא זייער עלטער ברודערל, וואָס ער ווייסט אַלצ־דינג, אַלצדינג ווייסט ער! אַפילו, וואָס אויפן הימל טוט זיך. אבראַמטשיק שווערט, אַז צוויי מאָל אין יאָר —

הושענא־רבה אויפדערנאַכט און שבועות אויפדערנאַכט — שפּאַלט זיך דער הימל; אמת, ער אַליין האָט נאָך קיין מאָל נישט געזען, ווי דער הימל שפּאַלט זיך, ווייל ס׳איז נישטאָ ביי זיי קיין הימל, דערפאַר האָבן זיינע חברים געזען. זיי שווערן, אַז זיי האָבן אַליין געזען, זיי זאָלן אַזוי זען אַלדאָס גוטס. זיי וועלן דאָך נישט שווערן אויף אַ ליגן. ווי טאָר מען שווערן אויף אַ ליגן? אַן עבירה, וואָס ביי זיי אויף דער גאַס איז נישטאָ קיין הימל. ס׳איז דאָ אַ לאַנגער, שמאָלער, בלויער פּאַס, ווי אַ לאַנגע, שמאָלע, בלויע סטענגע. וואָס קאָן מען אין אַזאַ שטיקל הימל זען, אַ חוץ צוויי־דריי קליינע שטערנדלאַך מיט אַן אָפּשיין פון דער לבנה?...

## ד.

— קינדער! אַנו טרעפט, וואָס וועט היינט דער טאַטע ברענגען אַ מתנה פונם מאַרק?

אַזוי זאָגט אַבראַמטשיק, און די קינדער הייבן אָן טרעפן, וואָס וועט דער טאַטע זיי ברענגען אַ מתנה פונם מאַרק. זיי רעכענען אוים אויף די פינגער אַלצדינג, וואָס ס׳איז דאָ אין מאַרק, אַלצדינג, וואָס אַ מענטשנס אויג קאָן זען און וואָס אַ מענטשנס האַרץ קאָן גלוסטן: בולקעלאַך און בייגעלאַך און צוקערקעס — און קיינער האָט נישט גע־טראָפן, און איר וועט, האָב איך מורא, אויך נישט טרעפן. פייסי דער איינבינדער האָט געבראַכט צו טראָגן היינטיקס מאָל נישט קיין בולקעלאַך, נישט קיין בייגעלאַך, נישט קיין

צוקערקעס — גראָז האָט ער געבראַכט צו טראָגן; אַ פּאַק מיט גראָז, מאָדנע, לאַנגע, גרינע שמעקנדיקע גראָזן.

און אַלע דריי שיינע קעפּלאַך, אַבראַמטשיק, מאָיסיי־טשיק און דבורה׳קע, האָבן אַרומגערינגלט דעם פּאָטער:

— טאַטע, וואָס איז דאָס, אָט דאָס אָ?

— דאָס איז גרינס.

— וואָס הייסט דאָס גרינס?

— גרינס אויף יום־טוב, אידן דאַרפן יום־טוב גרינס.

— וואו נעמט מען דאָס, טאַטע?

— וואו מ׳נעמט עס? המ... אין מאַרק קויפט מען דאָס, אין מאַרק...

אַזוי זאָגט דער טאַטע, און ער צעוואַרפט דאָס גרינע שמעקנדיקע גראָז איבער דער נאָר וואָס אויסגעקערטער שטוב, און ער קוועלט, וואָס ס׳איז גרין און עס שמעקט, און ער זאָגט צו דער מאַמען פריילאַך, ווי זיין שטייגער איז:

— פעסי, אַ גוט יום־טוב דיר!

— מזל־טוב, אַ נייער הקדש! די ממזרים זיינע וועלן שוין האָבן וואָס צו מיסטיקן!...

אַזוי ענטפערט די מאַמע נישט צופרידן. אַ מאָדנע מאַמע ביי זיי: קיין מאָל איז זי נישט צופרידן, תמיד פאַר־אומערט, שטענדיק פאַרזאָרגט, פונקט דעם היפוך פונם טאַטן!

און די דריי שיינע קעפּלאַך קוקן אויף דער מאַמען, קוקן אויפן טאַטן, קוקן איינס אויף דאָס אַנדערע. און אַז טאַטע

מאַמע קערעוועץ אַפּ אַ ווײלע אויף אַ זייט, טוען זיי זיך אַ וואָרף אַלע דריי אויף דער ערד, פאַלן צו מיטן פּנים צום שמעקנדיקן גראָז, קושן דאָס שמעקנדיקע גראָז, וואָס מ׳רופט דאָס גרינס, און וואָס אידן דאַרפן דאָס אויף יום־טוב און וואָס מ׳קויפט דאָס אין מאַרק...

אַלצדינג איז דאָ אין מאַרק, אַפילו גרינס, אַלצדינג קויפט דער טאַטע, אַלץ דאַרפן אידן און אַלצדינג האָבן אידן, אַפילו גרינס!... אַפילו גרינס!...

שלום־עליכם.



# קינדער

לאָמיר קינדער גאָר אײנגאַנצן
זיך אין פעלד און װאַלד פאַרפלאַנצן!
אויף די לאָנקעס בײ די טײכן
װאַקסן קינדער אונזער גלײכן,
מזל־ברכה דאָרט געפונען,
טרינקען טויען, עסן זונען,
װעלן מיר מיט זײ צוזאַמען
לעבן בײ דער ערד דער מאַמען.

לאָמיר קינדער, גאָר אײנגאַנצן
זיך אין װאַלד און פעלד פאַרפלאַנצן!
װעלן גוטע װינטן בלאָזן
און אויף װעלט אַ קלאַנג צעלאָזן,
אַז שוין אומעטום אויף פעלדער
װאַקסן קינדער אין די װעלדער,
װאַקסן, װאַקסן קינדער קלײנע,
שאַפן, שאַפן װעלט אַ שײנע,
אַ געזונטע און אַ נײע
— װי איר פעלד־קינדער די פרײע

לאָמיר קינדער גאָר אײנגאַנצן
זיך אין װאַלד און פעלד פאַרפלאַנצן!...

י. דאָברושין.

# פאַרן שלאָף

ווען די קינדער גייען שלאָפן
און ס'ווערט שטילער אין דעם הויז,
מאַכן מיר דאָס פייער קלענער,
גייען פון דעם הויז אַרויס.

דרויסן איז אַ וואַר'מער אָוונט,
און מיר גייען זייט ביי זייט —
אויפן הימל קליינע וואָלקן,
העלע בליצן אין דער ווייט.

שטיל איז שוין ביי אַלע שכנים,
רו און פרידן אומעטום;
און מיר גייען אין דער שטילקייט
פאַר דעם הויז אַזוי אַרום.

ריידן פון די קליינע קינדער,
פון דעם היינט און זיך אַליין,
פון דעם מאָרגן, וואָס וועט קומען —
ביז מיר דאַרפן שלאָפן גיין.

נפתלי גראָס.

# די דריי טרובעס

דער פעטער יאָסל איז זייער אַ גוטער. ער קומט שטענדיק צוגיין מיט פולע קעשענעס, און עטל און דזשייקי און דער קליינער סעמי שטעלן זיך אַרום אים, אַרום, הענגען זיך אים אָן אויף די פּלייצעס, קריכן צו אים אויפן שויס, און גאָר דער קליינער סעמי שטעלט זיך אויף די שפּיץ פינגער און רוקט אַריין זיין הענטל אין דער טיפער קעשענע, און שלעפּט עפּעס אַרויס פון דאָרטן.

און אַז ס'איז געקומען „טהענקסגיווינג דעי“, האָט דער פעטער יאָסל געבראַכט דריי טרובעס. דריי גרויסע, בלעכענע טרובעס, מיט רויטע, ווייסע און בלויע פּאַסן, און די פרייד איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַלע דריי האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט אויף דעם פעטער און אים געקושט און מיט אים געטאַנצט. דעם קליינעם סעמי האָט ער געמוזט נעמען רייטנדיק אויף די פּלייצעס און אַרומטאַנצן מיט אים איבער אַלע שטיבער.

דערנאָך האָבן זיך די דריי קינדער אָנגעטאָן אין די ווינטערדיקע מענטעלאַך, פאַררוקט די היטלען ביז איבער די אויערן, און זיינען אַרויס אין גאַס. זייער גרויסע פרייד האָבן זיי אַרויסגעבלאָזן דורך די טרובעס, און זייערע פּנימלאַך זיינען אַזש געוואָרן רויט פאַר פרייד און פון דעם

פרעסטל, וואָס האָט געביסן אין די אויערן און אָנגעפּאַרבט די נעזלאַך אויף בלוי.

די קינדער האָבן גאָר פאַרגעסן, אַז זיי דאַרפן עסן. די מאַמע האָט געשריען און גערופן דורכן פענסטער און זי איז געווען בייז, נאָר די קינדער האָבן זי ניט געהערט און דעם גאַנצן טאָג, ביז שפּעט אין אָוונט זיינען זיי געווען מיט זייערע טרובעס אין גאַס.

און אַז מען האָט אין גאַס אָנגעצונדן די פּאַנאַרן, און דער פראָסט האָט זיך געשטאַרקט און ער האָט געביסן אין די אויערן און געצופּט ביי דער נאָז, זיינען די דריי קינ־דער געקומען אַהיים מידע און דערפרוירענע. נאָר די פרייד האָט זיי ניט אָפּגעלאָזן. זיי האָבן נאָך אַלץ געבלאָזן אין די טרובעס, ביז דזשייק איז געפאַלן שלאָפן אויפן בענקל און זיין טרובע איז אַראָפּגעפאַלן אויפן דיל. און עטל איז גע־בליבן זיצן אַ מידע, מיט די הענטלאַך פאַרלייגט אין שויס. דעמאָלט האָט די מאַמע אַ קאָמאַנדעווע געטאָן: שלאָפן!

די קינדער האָבן זיך אויסגעטאָן און זיך געלייגט אין זייער גרויסן בעט אַריין, און פאַרצויגן די דעק ביז איבער די אויערן. נאָר דער קליינער סעמי האָט ניט געוואָלט שלאָפן. ער האָט געוואָלט האָבן זיין טרובע לעבן זיך. און ווען די מאַמע האָט אים דאָס ניט געוואָלט נאָכגעבן, און ער האָט געזען ווי זי נעמט אַלע דריי גרויסע טרובעס און שטעלט זיי אַרויף אין דער הויך אויף דער פּאָליצע, האָט ער געוויינט און געוויינט, ביז זיינע אייגעלאַך האָבן זיך גענומען קלעפּן און ער איז איינגעשלאָפן.

מיט אַמאָל האָט דער קליינער סעמי ווייט צעעפּענט די אויגן, וואָרים ער האָט דערזען, ווי די דריי טרובעס, וואָס שטייען אויף דער פּאָליצע רוקן זיך צענויף נעענטער איינע צו דער אַנדערער. און זע: אָט איז ביי זיי אויסגעוואַקסן הענט און פּיס, אַזעלכענע דינע בלעכענע הענט און פּיס, און יעדע טרובע האָט באַקומען אַ פּנים, מיט אַ ברייט מויל און מיט אַ רויט, אָנגעפּארבט נעזל, און זיי טראָגן אַזעלכע קאַפּעלושלאַך מיט הויכע, בלויע ווערכעס און מיט ווייסע בענדער און רויטע ראַנדן, און איין טרובע לייגט צו די דינע, בלעכענע האַנט צום מויל: ששש! און די איבעריקע טרובעס לייגן צו די דאַרע האַנט ווי די שטעקעלאַך, צום מויל: ששש! און עס נעמט די ערשטע טרובע און גיט שטילערהייט אַ שפּרונג אַראָפּ פון דער פּאָליצע און בלייבט שטיין אויף דעם קופערט אין ווינקל. און עס נעמט די צווייטע טרובע און גיט שטילערהייט אַ שפּרונג אַראָפּ פון דער פּאָליצע און בלייבט שטיין אויפן קופערט. און עס נעמט די דריטע טרובע און שפּרינגט אַראָפּ פון דער פּאָליצע און בלייבט שטיין אויפן קופערט.

און אַז אַלע דריי טרובעס שטייען אויפן קופערט, קוקן זיי זיך אַרום און לייגן צו די דאַרע הענטלאַך צום מויל: ששש! און עס נעמט די ערשטע טרובע און שפּרינגט אַראָפּ אויפן דיל. און עס נעמט די צווייטע טרובע און שפּרינגט אַראָפּ אויפן דיל. און עס נעמט די דריטע טרובע און שפּרינגט אַראָפּ אויפן דיל.

און די דריי טרובעס קוקן זיך אַרום און לייגן צו די

דאַרע הענט צום מויל: ששש! און די דריי טרובעס הייבן אָן צו גיין שטיל אויף די שפּיץ פינגער און קוקן זיך אַרום און ווינקען זיך צו: ששש!

און סעמי זעט ווי די דריי טרובעס שאַרן זיך פּאַמע־לאַך צו דער טיר. זיי ווילן אַנטלויפן! וויל ער אַרונטער פון בעט זיי כאַפּן. נאָר ער קען זיך ניט רירן. ער וויל שרייען: מאַמע. נאָר ער קען ניט שרייען, און די טרו־בעס שטייען ביי דער טיר, און איינע שטעלט זיך אויף דער צווייטערס אַקסל און זיי דערגרייכן די קליאַמקע. און זיי עפענען די טיר.

— ער וועט ניט לאָזן!

און סעמי שפּרינגט אַרונטער פון בעט. נאָר ווען ער קומט צו צו דער טיר, איז זי אָפן און די טרובעס זיינען שוין אין קאָרידאָר. און ווען סעמי קומט אין קאָרידאָר זיי־נען די טרובעס שוין אויף די טרעפּ. און סעמי הערט ווי זיי שפּרינגען מיט זייערע בלעכענע פיסלאַך פון איין טרעפּ אויף דער צווייטער, פון איין טרעפּ אויף דער צווייטער. ער לויפט זיי נאָך פון איין טרעפּ אויף דער צווייטער, פון איין טרעפּ אויף דער צווייטער. און אָט גיט זיך די טיר אַ פּראַל און ס'יאָגט פון דרויסן אַריין אַ קעלט, און די טרובעס ווערן פאַרלוירן אין דער קעלט. נעמט סעמי און לויפט אַרויס דורך דער טיר.

און ער זעט ווי די דריי טרובעס היפּן און שפּרינגען מיט זייערע בלעכענע פיסלאַך. לויפט ער זיי נאָך. די טרובעס היפּן און שפּרינגען אַ גאַס אַריין, אַ גאַס אַרויס,

און סעמי לויפט זיי נאָך. די טרובעס לויפן צווישן רעלסן און צווישן וועגן און סעמי לויפט זיי נאָך. די טרובעס לויפן הינטער פּושקאַרטס און לעבן פאָנאַרן און סעמי לויפט זיי נאָך.

און אַזוי לויפן זיי און לויפן גאַס איין גאַס אויס, און סעמי לויפט זיי נאָך. אים איז היים, און דער שווייס רינט איבער דעם שטערן, און אויף די באַקן. און די טרובעס לויפן אויף „פייער עסקייפּס", און ער לויפט זיי נאָך. און זיי לויפן איבער דעכער, און סעמי לויפט זיי נאָך. מיט אַמאָל דערזעט סעמי: ער געפינט זיך אין אַ גרויסן פּאַרק, מיט גרויסעביימער. און די טרובעס נעמען און טאַנצן אַ ראָד אַרום אַ בוים. נאָר ער איז ווייט פון זיי. און זיי טאַנצן אַרום דעם בוים, נעמען זיך אָן ביי די דינע, בלעכענע הענטלאַך און טאַנצן אַרום דעם בוים, און בייגן מיט די קעפּ, און קנייטשן מיט די בלעכענע קני, און זיי דרייען זיך שנעלער און שנעלער. און סעמי לויפט אין איין אָטעם: אָט, אָט, און ער וועט זיי כאַפּן.

נאָר מיט אַמאָל, ווי ער איז שוין נאָענט לעבן זיי, גיט איין טרובע אַ דריי דאָס קעפּל, שטעלט אַרויס אַ גרויסע, לאַנגע צונג און ווערט פאַרשוואונדן. סעמי כאַפּט אָפּ דעם אָטעם: — אוי! — און עס נעמט די צווייטע טרובע, גיט אַ דריי מיטן קעפּל, שטעלט אַרויס אַ לאַנגע צונג, און פאַר־שווינדט. — אוי! — און אָט איז ער שוין ביי דער דריטער טרובע. אָט, אָט האָט ער זי. ער שטרעקט אויס זיין האַנט — און די דריטע גיט אַ שפּרונג אויף אירע דינע, בלע־

כענע פיסלאַך, מאַכט אַ קאַזשעלעק אין דער לופט, שטעלט אַרויס אַ לאַנגע צונג און פאַרשווינדט.

סעמי דערפילט, אַז אים פאַרקלעמט ביים הארצן. זעצט ער זיך אַוועק אויפן גראָז, פאַרלייגט די פיסלאַך הינ־טער זיך, און וויינט און וויינט און וויינט: מאַמע! מאַמע!

און פּלוצים ווערט פינסטער. און סעמי זעט, ער איז נאַקעט. און ער איז ערגעץ איינער אַליין צווישן ביימער און ער האָט מורא און אים איז קאַלט. וויינט ער און וויינט און וויינט און עמיצער וויינט הינטער אים. און מען וויינט אומעטום אַרום און אַרום. און אים איז שווער אויפן הערצל און ער האָט מורא. און ער וויינט און וויינט און וויינט ביז ער ווערט אַנטשלאָפן.

און אַז סעמי האָט געעפנט די אויגן, האָט ער געזען ווי די דריי טרובעס שטייען אויף דער פּאָליצע איינע לעבן דער אַנדערער. און אַז עטל מיט דזשייקין האָבן געעפנט די אויגן האָבן זיי געזען ווי די דריי טרובעס שטייען אויף דער פּאָליצע און זיי האָבן געקוקט אויף די טרובעס און די טרובעס האָבן געקוקט אויף זיי, נאָר זיי האָבן ניט גע־וואוסט דאָס, וואָס סעמי האָט געוואוסט.

ר. אייזלאַנד.



# קראַנקע קינדער.

זיי זיינען פאַר די פענסטער,
בייטאָג אי קראַנק, אי מיד,
געשטאַנען אין די בעטלאַך
געשטאַנען און געקניט.

געקוקט ווי פאַר די פענסטער
דער ווייסער ווינט פאַרציט
מיט פלינקע, ווייכע שנייען
די גייערס טיפע טריט.

ביינאַכט ווען אַלע זיינען
געשלאָפן טיף און מיד —
געבראַכט האָט זיי די שוועסטער
מיט זינגענדיקע טריט

אי מענשעלאַך, אי מיצעלאַך,
אי גליטשערס — בליציק בליץ,
האָט אָנגעטאָן זיי אַלע
און אָפּגעפירט צום גליטש.

נ. גראָס.

# בום־בום

1.

ס'איז געווען א שיינער, אַ קלאָרער, א ווייכער יוני־פרימאָרגן. די זון האָט אַריינגעגאָסן אירע גאָלדענע שטראַלן אין שמאָלינקן צימערל, וואו ס'האָט גע'גוסס'ט דער קליינער פראַנסוא. דער זון פון זשאַק לעגראַן און זיין פרוי, מאַדלען לעגראַן. ער איז געווען אַלט 7 יאָר, אינגאַנצן אַ בלאָנדער, אַ ראָזער; אַזאַ לעבעדיקער, אַזאַ פריילאַכער, ווי אַ וואָראָביטשיקל.

די מעשה איז געשען מיט קנאַפּע דריי וואָכן צוריק. איינמאָל, אין אָוונט, האָט מען אים געבראַכט פון שול אַ קראַנקען. ס'האָט אים אָנגעכאַפּט א מין קדחת: דער קאָפּ איז אים געווען שווער ווי בליי, די הענט — הייס ווי פייער.

און פון דעמאָלסט אָן איז ער שוין געבליבן ליגן אין זיין בעטל. ער איז געלעגן אַ פאַרטראָגענער; צייטנווייז פלעגט ער אָפּשטעלן זיין בליק אויף זיינע קליינע שיכלאַך, וואָס זיינען געשטאַנען אויסגעפּוצטע, אין אַ ווינקל, אויף אַ פאָליצקע און זאָגן:

— מען קען זיי דאָך שוין איצט אַרויסוואַרפן, די שיכלאַך! איך וועל זיי דאָך שוין קיינמאָל ניט אָנטאָן! איך

װעל שױן מער ניט גײן אין שול... קײנמאָל ניט, קײנמאָל ניט!

דער טאַטע פֿלעגט אױסשרײַען:

— שװײַג, שװײַג!

און די מאַמע פֿלעגט אײַנגראָבן איר בלאָנדן קאָפּ מיטן בלײכן פּנים אין קישן, כּדי דער קלײנער פֿראַנסואַ זאָל ניט הערן, װי זי װײנט.

שױן צװײ טעג, װי דער דאָקטאָר איז שטאַרק אומרואיק. דאָס קראַנקע קינד איז עפּעס מאָדנע פֿאַרטראָגן און אױסגעמאַטערט, פּונקט װי דעם קלײנעם 7־יאָריקן ייִנגל װאָלט שױן דערעסן דאָס לעבן.

די דאָזיקע נאַכט האָט דאָס קינד ניט גערעדט פֿון היץ. ער איז געלעגן דעם קאָפּ פֿאַרװאָרפֿן, א פֿאַרמאַטערטער, אַ שװײַגנדיקער, אַן אומעטיקער. ער האָט קײן זאַך ניט געװאָלט נעמען; אױף זײַנע דין־געװאָרענע ליפּן האָט זיך ניט געװיזן קײן שמײכל, און זײַנע אױגן, כּמעט אױסגעלאָשענע, האָבן געבלאָנדזשעט ערגעץ אױבן, װײַט־װײַט, װער װײס, װאָס ער האָט דאָרטן געזען!

מאַדלען האָט דערזען דעם קינדס בליק און איז אַ פֿאַרציטערטע געװאָרן.

װען מען האָט אים געגעבן אַ רפֿואה, אַביסל זופּ, האָט ער ניט געװאָלט נעמען. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון אַלץ, פֿון אַלץ.

— אפשר װילסטו עפּעס, מײַן קינד?

— נײן, כ׳װיל קײן זאַך ניט.

— אָבער מען מוז אים דאָך פון דאָרטן אָפּרייסן, — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר.

— זיין פאַרטראָגנקייט שרעקט מיך. איר זייט דאָך טאַטע־מאַמע, איר קאָנט דאָך אייער קינד... זוכט אויס עפּעס אַזוינס, מיט וואָס דאָס קליינע נפש׳ל ביים לעבן צו דערהאַלטן. געפינט אַ מיטל, מיט וואָס זיין נשמה, וואָס פליט שוין אין די וואָלקנס, צוריק צו דער ערד צו ציען.

און ער איז אַוועק.

זוכט און געפינט!

געוויס, זיי קענען אים זייער גוט, זייער קליינעם פראַנ־סואַ. זיי ווייסן זייער גוט, ווי ליב ער האָט געהאַט צו שפּרינגען איבער די פּאַרקאַנס, ווען דער פאָטער פלעגט מיט אים זונטיק גיין שפּאַצירן הינטערן שטאָט. זיי פלעגן זיך אומקערן אַהיים, אָנגעלאָדן מיט גרינס. דער פאָטער פלעגט אים ברענגען צו טראָגן אויפן פּלייצע. און נאָך האָט ער ליב געהאַט צו גיין אין די עליזעאישע פעלדער, וואו ער פלעגט זען אַ פולע שיינע זאַכן.

זשאַק לעגראַן האָט אָנגעקויפט פאַר פראַנסואַ אַ סך פאַרשיידענע בילדלאך. ער פלעגט זיי אויסלייגן אויפן קינדס בעטל, זיי ווייזן דעם קראַנקן, פאַרשטיקן דעם געוויין, און זיך געמיט ביי אים אַרויסצורופן אַ געלעכטער.

— זעסט, אָט דאָס איז אַ גענעראַל. מיר האָבן אַמאָל געזען אַזאַ גענעראַל, אין בולאָנער וואַלד. דו געדענקסט? אויב דו וועסט איינגעמען די רפואה, וועל איך דיר קויפן

אַן אמת׳ן גענעראַל אין אַ מונדיר מיט גאָלדענע עפּאָלעטן. זאָג מיר, דו ווילסט דאָך האָבן אַזאַ גענעראַל, יאָ?

— ניין, — האָט געענטפערט דאָס קינד מיט אַ טרוקענער שטימע פון דעם פיבער, אין וועלכן עס איז געלעגן.

— אפשר ווילסטו אַ פּיסטאָלעט, אַ פּיילנבויגן, אַ פּילקע?

— ניין, — פלעגט ענטפערן דער קליינער, און זיין שטימע פלעגט קלינגען האַרט און כמעט בייז.

און אויף אַלץ, וואָס מ׳האָט אים נאָר פאָרגעלייגט, אויף אַלע צאַצקעס און שיינע זאַכן, וואָס מ׳פלעגט אים צוזאָגן צו קויפן — אויף אַלץ האָט ער געענטפערט ניין, ניין און ניין!

די פאַרצווייפלטע עלטערן האָבן מיט יאוש געקוקט איינער אויפן צווייטן.

---

— אָבער, זאָג שוין אַמאָל, מיין טייערער פראַנסואַ, וואָס ווילסטו יאָ? — האָט געפרעגט די מאַמע. — ס׳איז געוויס דאָ אַ זאַך, וואָס דו ווילסט עס יאָ. זאָג, זאָג עס מיר! מיר... דיין מאַמען!

איר קאָפּ איז געלעגן אויפן קינדס קישן, זי האָט געשעפּטשעט צום קינד אין אויער, ווי עפּעס אַ סוד:

— זאָג מיר, פראַנסואַ, זאָג מיר, דיין מאַמען!

דאַן האָט דאָס קינד זיך אויסגעדרייט, דאָרשטיק אויסגעצויגן זיין האַנט אין דער לופטן, און פלוצלונג געענטפערט

מיט אַ מאָדנער, — אַ שאַרפער שטימע, וואָס האָט אויסגע־
דריקט איינציייטיק אי בקשה, אַי באַפעל:
— איך וויל בום־בום!

## 2.

בום־בום!

די אָרימע מאַדלען האָט אַ דערשראָקענע אַ קוק געטאָן
אויפן מאַן: וואָס רעדט ער, דער קליינער? אפשר הייבט
ער שוין ווידער אָן צו ריידן פון היץ?

בום־בום!

זי האָט ניט געוואוסט, וואָס דאָס באַטייט, זי האָט
מורא געהאַט פאַרן קינדס משונה׳דיקע ווערטער.

און דער קליינער האָט מיט אַ קרענקלאַכער איינגע־
שפּאַרטקייט געהאַלטן אין איין איבער׳חזר׳ן:

— יאַ, בום־בום! בום־בום! איך וויל בום־בום!

ס׳האָט אויסגעוויזן, ווי ער וואָלט זיך די גאַנצע צייט
אַרומגעטראָגן מיט עפּעס אַ געהיימען טרוים, און איצט
האָט ער אים ענדלאַך אַנטפּלעקט און גערעדט וועגן אים
מיט פעסטקייט און אַנטשלאָסנקייט:

— איך וויל בום־בום!

די מאַמע, אַן אויפגערעגטע, האָט אַ כאַפּ געטאָן זשאַק׳ן
פאַרן האַנט און אַרויסגעשעפּטשעט שטיל, ווי צעמישט:

— וואָס באַטייט דאָס, זשאַק, אָט־דאָס! ער איז אַ
פאַרפאַלענער!

אָבער אויפן טאַטנס פאַרהאַרטעוועטן פּנים האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל, אַ שמייכל פון גליק און פאַרוואונדערונג.

אַזוי שמייכלט אַ פאַר׳משפּט׳ער, ווען אים טוט פּלוצלונג אַ שיין די האָפענונג פריי צו ווערן.

בום-בום! אָ, ער דערמאָנט זיך, ווי פּסח-צייט, מאָנטיק אינדערפרי איז דאָס געווען, האָט ער אַוועקגעפירט פראַנסואַ׳ן אין צירק. נאָך איצט קלינגט אים אין די אויערן דעם אינגלס פריילאַכער געלעכטער, אַ געלעכטער פון אַ קינד, ווען ס׳פאַרשאַפט אים זייער פיל פאַרגעניגען. דאָס איז דאָך באמת געווען אַזוי פריילאַך, אַזוי שיין: דער קלאָון אין זיין שוואַרצן קאָסטיום, אינגאַנצן באַדעקט מיט גאָלדענע קרעלן, מיט אַ טונקל-באָרדאָענעם שמעטערלינג אויפן פּלייצע, אַ פינקלדיקער, אַ בלישטשענדיקער, פלעגט טאָן אַ שפּרונג, אָדער אונטערשטעלן א פּיסל עמיצן פון די צירקבאַדינער; אַמאָל פלעגט ער בלייבן שטיין אויפן זאַמד מיטן קאָפּ אראָפּ, מיט די פיס אַרויף; אַמאָל פלעגט ער נעמען וואַרפן היט אין דער לופטן, זיי פלינק כאַפּן אויפן קאָפּ; זיי פלעגן פאַלן איינע אויף די אַנדערע, און פון זיי פלעגט ווערן אַ גאַנצע פּיראַמידע. ביי יעדן דריי, ביי יעדן שפּרונג, ביי יעדן וויץ פלעגט ער אַרויסלאָזן איין און דעמזעלביקן געשריי, איבער׳חזר׳ן איין און דאָסזעלביקע וואָרט: בום-בום! און דער אָרקעסטער פלעגט עס שטורמיש אויפכאַפּן:

— בום-בום!

בום-בום! ווייזט אויס, דאָס אינגל האָט עס איצט געדעדט וועגן דעמזעלביקן בום-בום, וועגן דעם קלאָון, וואָס די שטאָט איז געלאָפן אויף אים קוקן. אים טאַקע האָט דער קליינער פראַנסוא געוואָלט זען. ער וועט שוין מער אים קיינמאָל ניט קענען זען: ער איז דאָך אַזוי קראַנק, ער ליגט אַזאַ אומבאַהאָלפענער אין זיין קליינעם ווייסן בעטל!

---

אין אָוונט האָט זשאַק לעגראַן געבראַכט פאַרן קינד אַ פאַיאַץ, אַ שיינעם פאַיאַץ מיט בלישטשענדיקע קרעלן. די טייערע צאַצקע האָט אים אָפּגעקאָסט 4 טעג שווערע אַר־בעט. אָבער דער אָרימער פאָטער וואָלט אָפּגעגעבן 20, 30 טעג, אפילו אַ גאַנצן יאָר שווערע אַרבעט פאַר איין שמייכל אויף דעם קראַנקנס בלייכע ליפּן...

דאָס קינד האָט אַ קוק געטאָן אויף דער צאַצקע, וואָס האָט געבלישטשעט אויף דער ווייסער קאָלדרע, דערנאָך אומעטיק געזאָגט:

— דאָס איז ניט בום-בום! איך וויל זען בום-בום!

וואָלט זשאַק געקענט איינוויקלען זיין קינד אין דער קאָלדרע, אים אַוועקטראָגן אין צירק אַריין, אים ווייזן דעם קלאָון, וואָס טאַנצט אַזוי לוסטיק ביי דעם שיין פון די לאָמפּן, און אים זאָגן: „קוק, אָט איז ער, בום-בום!" — אָך, מיט וואָס פאַר אַ שמחה וואָלט ער דאָס געטאָן! אָבער דאָס קינד איז געווען צו שוואַך.

האָט זשאַק געטאָן אַזוי: ער איז אַוועק אין צירק, זיך דערוואוסט דער קלאָונס אַדרעס און אין אַ קורצער

צייט אַרום האָט ער זיך שוין געהויבן אויף די ברייטע טרעפּ פון דעם הויז, וואו ס׳האָט געוואוינט דער אַרטיסט. ער האָט זיך געשראָקן, די פּיס האָבן זיך ביי אים אַזש אונ־טערגעבויגן. ער האָט עס געהאַלטן פאַר אַ גרויסע העזה פון זיין זייט בעטן דעם קלאָון, ער זאָל קומען צום קליי־נעם פראַנסואַ, נאָר ער האָט ביי זיך געקלערט: דער קלאָון קומט דאָך געווים צו די רייכע, זינגט פאַר זיי, שפּילט און פאַרשאַפט זיי פאַרגעניגן; ווער ווייס, אפשר וועט ער זיך ניט אָפּזאָגן קומען אויך צום קליינעם אָרימען פראַנסואַ. ווי וועט ער אים אויפנעמען, בום־בום! נאָר זאָל שוין זיין, וואָס עס וויל.

אָבער דאָס איז דאָך גאָרניט געווען בום־בום! דאָס איז געווען דער הער מאָרענאַ, וואָס האָט העפלאך און וואַרים אויפגענומען זשאַק׳ן. דער קאַבינעט, וואו דער אַר־טיסט איז געזעסן, איז געווען פול מיט ביכער און מיט בילדער. זשאַק האָט געמיינט, אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ קאַבינעט פון אַ דאָקטאָר. ער האָט געקוקט, געקוקט און ניט דערקענט דעם קלאָון. ער איז געשטאַנען אַ צעטומל־טער, געדרייט אין האַנט זיין הוט און ניט געוואוסט, פון וואָס אָנצוהייבן. יענער האָט געוואַרט. לסוף האָט זיך דער אומגליקלאַכער פאָטער אָנגענומען מיט מוט און גע־זאָגט:

— כ׳אַנטשולדיק זיך. ס׳איז אַ גרויסע העזה צו קו־מען אַהער און פאַרלאַנגען פון אייך אַזוינע זאַכן... אַז־ מוט מען ניט... כ׳אַנטשולדיק זיך, זייט מוחל... אָבער עס

האַנדלט זיך דאָך וועגן דעם קליינעם... ער איז אַזאַ פיינער אינגל, אַזאַ קלוגער! אין שול איז ער שטענדיק געווען דער ערשטער, אויסער רעכענען, וואָס איז אים שווער צו באַנעמען... זעט איר, ער איז אַ טרוימער, דער קליינער. יאָ אַ טרוימער. און אַ ראיה האָט איר... ווארט נאָר... אַ ראיה...

זשאַק האָט זיך פאַרהאַקט, ער האָט זיך געקווענקלט, עפּעס געמורמלט אין זיך. לסוף האָט ער זיך נאָכאמאָל אָנגענומען מיט קוראַזש און גיך און אַנטשלאָסן אַרויסגערעדט:

— אַ ראיה האָט איר, אַז ער וויל אייך זען, אַז ער קלערט נאָר וועגן אייך. איר שטייט שטענדיק פאַר זיינע אויגן ווי אַ לייכטשטערנדל. צו אייך ציט ער זיך, צו אייך זיינען געווענד זיינע בליקן...

ווען דער פאָטער, אַ בלייכער, אַן אויפגערעגטער, האָט גערעדט, איז זיין שטערן געווען באַדעקט מיט גרויסע טראָפּנס שווייס. ער האָט ניט געוואַגט אַ קוק צו טאָן אויפן קלאָון. און יענער איז געזעסן, געקוקט אויפן אַרבעטער און געשוויגן.

— וואו וואוינט איר? — האָט געפרעגט בום-בום אין אַ ווײַלע אַרום.

— אָט גאָר נאָנט. אָט דאָ באַלד!

— קומט, — האָט געזאָגט דער קלאָון.

.3

ווען ער האָט אַריינגעפירט צו זיך אין שטוב דעם קלאָון, האָט זשאַק לעגראַן פריילאך אויסגערופן:

— פריי זיך, פראַנסוא, מַיין טייער קינד, זע נאָר, אָט איז בום-בום!

אויפן קינדס פנים האָט אַ שיין געטאָן אַ שטראַל פון פרייד. ער האָט זיך מיט דער מוטערס הילף אַ הייב גע־טאָן און אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו די צוויי אריינגעקו־מענע. אַ מינוט האָט ער געקוקט אויפן אומבאַקאַנטן הער אין פידזשאַק, וואָס איז געשטאַנען לעבן פאָטער און גע־שמייכלט מיט אַ גוטמוטיקן, פריילאכן שמייכל. ווען מ'האָט אים געזאָגט, אַז דאָס איז בום-בום, האָט דער קראַנקער לאַנגזאַם, טרויעריק אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ אויפן קישן און איז געבליבן ליגן ווי פריער.

— ניין, — האָט געזאָגט דאָס קינד, און זיין קול האָט איצט געקלונגען ניט אַזוי האַרט ווי פריער, נאָר טרויעריק, פאַרצווייפלט. — ניין, דאָס איז ניט בום-בום!

דער קלאָון, וואָס איז געשטאַנען לעבן קינדס בעטל, האָט אַ קוק געטאָן אויפן קליינעם חולה, און זיין בליק איז געווען טיף, ערנסט און האָט אויסגעדריקט אומענדלאַכע צאַרטקייט און ליבע. דערנאָך האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיט'ן קאָפּ, אַ קוק געטאָן אויפן דערשראָקענעם פאָטער, אויף דער פאַרצווייפלטער מוטער, מיט אַ שמייכל גע־זאָגט:

— ער איז געדעכט, דאָס איז ניט בום־בום! — און איז אַוועק.

— איך וועל שוין קיינמאָל ניט זען בום־בום, איך וועל אים שוין קיינמאָל ניט זען! — האָט גערעדט דער קליינער, און זיין שטימע איז שוין געווען גאָר־גאָר שוואַך.

און פּלוצלונג, — ס'איז נאָך ניט אַריבער אפילו קיין האַלבע שעה, ווי דער קלאָון איז אַוועק — האָט זיך די טיר געטאָן אַ פּראַל אויף, און אין זיין שוואַרצן אָנטאָן מיט די פינקלדיקע פּאַטשערקעס און געלן היטעלע אויפן שפּיץ קאָפּ, מיט צוויי גאָלדענע שמעטערלינגען אויף דער ברוסט און אויפן פּלייצע, מיט אַ ברייטן שמייכל אויף די ליפּן, מיט אַן אָנגעפּודערטן גוטמוטיקן פּנים, האָט זיך באַוויזן בום־בום; דער אמת'ער בום־בום; בום־בום פון ציר'ק; בום־בום, דער ליבלינג פון עולם פראַנסואַס בום־בום!

און דאָס קינד אויף דעם קליינעם ווייסן בעטל האָט אָפּגעלעבט: זיינע אויגן האָבן ווידער באַקומען דעם פריער־דיקן לעבעדיקן גלאַנץ. ער האָט פאַר שמחה געלאַכט, גע־וויינט; ער האָט געפּאַטשט מיט די קליינע, דאַרע הענט־לאַך און געשריען פריילאַך, לוסטיק, ווי אַמאָל:

— בום־בום! דאָס איז ער טאַקע! דער אמת'ער בום־בום! אָט איז בום־בום! זאָל לעבן בום־בום! גוט־מאָרגן, בום בום!

4.

אַז דער פאָטער איז געקומען, האָט ער דערזען, ווי לעבן קליינעם פראַנסואַ זיצט אַ קלאָון מיט אַן אָנגעפּודערטן

פנים, וואָס מאַכט אַלע ווײלע דעם קלײנעם לאַכנדיק; דער קלאָון מישט אַ שטיקל צוקער אין אַ טעפּעלע מיט דער רפואה און רעדט אַזוי:

— דו ווייסט, ליבער פראַנסואַ, אויב דו וועסט ניט טרינ־קען, וועט זיך בום־בום שוין קיינמאָל ניט אומקערן צו דיר!

און דאָס קינד טרינקט!

— אמת, דאָס איז זייער געשמאַק?

— זייער געשמאַק. אַ דאַנק, בום־בום!

---

— דאָקטאָר, — האָט געזאָגט דער קלאָון, — זייט ניט אין כעס, מיר דוכט זיך, אַז מיינע וויצן און המצאות העלפן דעם קינד ניט ווייניקער, ווי אייערע רפואות.

דער פאָטער און די מוטער האָבן געוויינט. אָבער דאָס זיינען ניט געווען קיין טרערן פון פאַרצווייפלונג, נאָר פון פרייד.

און פון דאמאָלסט אָן פלעגט זיך יעדן טאָג אָפּשטעלן אַ קאַרעטע פאַר דעם הויז, וואו ס׳האָט געוואוינט די משפחה לעגראַן, און פון דאָרט פלעגט אַרויסגיין אַ מענטש, איינגעוויקלט אין אַ מאַנטל מיט אַן אָנגעשטעלטן קראַגן, וואָס פון אים פלעגט אַרויסקוקן אַ פרייליכער אָנ־געפּודערטער פנים. דאָס איז געווען בום־בום, וואָס איז יעדן טאָג געקומען צו זיין קליינעם פּאַציענט, אָנגעטאָן אין זיין שיינעם קלאָון־קאָסטיום.

— מיט וואָס זאָלן מיר אייך אָפּדאַנקען פאַר דאָס

אַלץ? — האָט אײנמאָל געפֿרעגט זשאַק לעגראַן בײם קלאָון.

דער קלאָון האָט אָנגענומען די עלטערן פֿאַר די הענט, זײ פֿעסט געדריקט און געזאָגט:

— מער דאַרף איך גאָרניט.

דערנאָך האָט ער געגעבן דעם קינד צװײ קושן אין בײדע באַקן, װאָס זײנען שױן װידער געװאָרן פֿריש און ראָז, װי פֿריער, און צוגעגעבן מיט אַ געלעכטער:

— יאָ, נאָך אַ זאַך: ערלױבט מיר אָנצושרײבן אױף מײן װיזיט-קאַרטל: „בום-בום, דאָקטאָר אַקראָבאַט, הױז-דאָקטאָר פֿון קלײנעם פֿראַנסואַ„"

זשול קלאַרעטי.



# קינדער.

## א.



אָס האָט זיך געטראָפן נאָך דעמאָלט ווען נאָטקע איז אַלט געווען צען יאָר און זיין חבר לייביטשקע — צוועלף יאָר.

נאָטקע מיט לייביטשקען זיינען געווען צוויי חברים, טאַקע ווי אמת׳ע חברים דאַרפן זיין: אינייגעם זיינען זיי געגאַנגען אין חדר און פון חדר. אינייגעם זיינען זיי געגאַנגען אין קלויז דאַוונען און פון דער קלויז, און כאָטש יעדער האָט געהאַט זיין אייגן סידור׳ל, דאָך פלעגן זיי דאַוונען אינייגעם, ווייל פון איין סידורל איז עפּעס געווען גע־שמאַקער צו דאַוונען...

די פריינדשאַפט פון די צוויי אינגלאַך איז באַקאַנט געווען אין דער גאַנצער שטאָט; אַפילו שמערל, דער אַלטער וואַסער-טרעגער, האָט עס אויך באַמערקט.

שמערל פלעגט דעם גאַנצן טאָג טראָגן וואַסער אויף זיינע אַלטע פּלייצעס. די גראָשנס, וואָס ער פלעגט פאַר־דינען, פלעגט ער אָפּטראָגן אַהיים, און דערנאָך אַוועקגיין אין קלויז, זיך אַוועקזעצן אונטער דער הרובע, און דאָרט טריקענען זיינע נאַסע קליידער, וואַרעמען זיינע אַלטע ביי־נער און אַמאָל אויך אַריינקוקן אין משניות, וואָס איז גע־

ליגן פאַר אים אָפן אויף דעם צעבראָכענעם שטענדער, וועלכן מען האָט ניט לאַנג געגעבן אַ „פּאָלנע אָטסטאַווקע" פון דער מזרח־וואַנט.

דער אַלטער וואַסער־טרעגער האָט אָבער פון דעם „אָט־סטאַוונאָי" שטענדער אַ סך נוצן געהאַט: אַמאָל האָט ער אים טאַקע געדינט פאַר אַ שטענדער, אַמאָל פאַר אַ קישן צוקאָפּנס, און אַמאָל האָט ער מיט אים אויך געשלאָגן די ווייסע חברה, וואָס פלעגן אים אָפטמאָל שטערן אין זיין משניות־לערנען.

## ב.

איינמאָל, פּורים אין דער פרי, ווען מען האָט נאָר וואָס אָפּגעדאַוונט, און נאָכן מיט לייביטשקען האָבען שוין גע־וואָלט גיין אַהיים, האָט זיי פלוצלונג אַ רוף געטאָן דער אַלטער שמערל. די חברים האָט עס אַפילו זייער גע־וואונדערט, ווייל אַ גאַנץ יאָר רופט זיי שמערל נאָר „ווייסע־חברה" און רעדט מיט זיי קיין וואָרט נישט. פון דעסט־וועגן זיינען זיי צוגעגאַנגען.

שמערל האָט זיי ביידן אַ גלעט געטאָן איבער די בעקלאַך, געשוויגן אַ ווײַלע און געקוקט אַ־יף זיי מיט זייער אַ פריינדלאַך פּנים. די קינדער האָבן באַמערקט אויף זיין אַלט־צעקנייטשטן פּנים, אַז ער שעמט זיך עפּעס, נאָר פלוצים האָט שמערל אָנגעהויבן צו ריידן מיט אַ ציטעריק קול:

— קינדערלאַך... איך האָב אייך עפּעס צו בעטן... איר ווייסט, היינט איז פּורים... באַלד קומט פּסח... און מיין אייניקל האָט אפילו קיין פּאָר שיך נישט... זי זיצט שוין פון דריי חדשים אין שטוב און קען נישט אַרויסגיין אויף דער גאַס... איך האָב נישט, פאַר וואָס צו קויפן... איך ווייס אַפילו נישט, צי וועל איך האָבן היינט ביי מיר אין שטוב אַ סעודה... מיין גאַנצע האָפנונג איז געווען אויף פּורים... גייט זיך, קינדערלאַך, ביידע דורך איבערן שטאָט און מאַכט מיר עטלאַכע גראָשן... כ׳לעבן, איך וואָלט אַליין געגאַנגען... נאָר איין גאָט ווייסט, אַז איך קאָן ניט... איך זאָל קענען וואָלט איך אויף דער עלטער קיין וואַסער-טרעגער נישט געוועזן... איך זאָל קענען בעטן, וואָלט איך אויף מיינע אַלטע פּלייצעס קיין שווערע עמער וואַסער ניט געטראָגן...

די חברים האָבן זיך פון שמערלס רייד אַזוי פאַר־שעמט, אַז זיי זיינען אָן ווערטער אַרויסגעלאָפן פון דער קלויז. נאָר באַלד, ווי זיי זיינען אַרויס אויף דער גאַס, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט.

— וואָס ביסטו אַנטלאָפן? — האָט לייביטשקע גע־פרעגט.

— ווייל דו ביסט אַנטלאָפן, בין איך אויך אַנטלאָפן, — האָט נאָטקע געענטפערט.

— לאָמיר זיך אומקערן און אים געבן צו צוויי גראָשן.

— דו נאַר, וואָס וועט ער מאַכן מיט פיר גראָשן?

— נו, לאָמיר אים אַוועקגעבן, וויפיל מיר האָבן...

זיי האָבן איבערגעציילט זייער פאַרמעגען: אין גאַנצן האָבן זיי ביידע צוזאַמען געהאַט צוועלף גראָשן.

— אַלץ איינס ווי גאָר נישט, — האָט לייביטשקע געזאָגט.

— טאַקע ווי גאָרנישט — האָט נאָטקע געענטפערט.

— וואָרום פאַר מיינע שיך, וואָס זיי זיינען קליינע, האָט מיין מאַמע באַצאָלט אפשר דריי רובל...

— וואָס זשע זאָלן מיר טאָן?

— וועלן מיר ארומגיין צוזאַמענמאַכן געלד, ווי די גרויסע בחורים אים פּורים.

— וועלן מיר דען קענען? זיי זיינען דאָך גרויסע און מיר... איך שעם זיך...

— נישקשה, וואָס האָבן מיר זיך צו שעמען? איך וועל נאָר פרעגן דער מאַמען, אויב זי וועט הייסן.

זיי האָבן ביידע אָפּגערעדט, אַז באַלד נאָכן איבער־בייסן זאָל לייביטשקע קומען צו נאָטקען און זיי וועלן זיך איינער דעם אַנדערן איבערגעבן, וואָס זייערע מאַמעס האָבן געזאָגט.

## ג.

— פאַר וואָס נישט, מיין קינד? — האָט נאָטקעס מוטער געזאָגט, ווען ער האָט זי געפרעגט, אויב מען מעג מיט לייביטשקען אַרומגיין צו מאַכען אַ נדבה פון אַן אָרי־מאַנם וועגן: — אַז דו וועסט איצטער אַרומגיין פון יע־

נעמס וועגן, וועט דיר גאָט העלפן, אַז אַנדערע וועלן פאַר־שפּאָרן אַרומגיין פון דיינטוועגן.

באַלד נאָך דעם איבערבייסן איז לייביטשקע געקומען צו לויפן צו נאָטקען אָנזאָגן אים די שמחה, אַז זיין מאַמע האָט אים אויך געהייסן, אַ סימן — ער גייט שוין אין דער שבת׳דיקער קאַפּאָטע מיט דעם היטל און די מאַמע האָט אים אַליין געגעבן צען גראָשן א נדבה.

נאָטקעס מאַמע האָט אָפּגעטרייסלט די קאַפּאָטע פון איר זונדל, האָט אים אָנגעטאָן גלייך דאָס היטל, פאַר־גלייכט די פּאות, מיטגעגעבן אַ קאָלירטן טיכל אויף צונויפ־נעמען נדבות, געלערנט, ווי אַזוי זיי זאָלן גיין פּאַוואָליע, סטאַטעטשנע און אָנגעזאָגט, זיי זאָלן זיין אויך ביים פעטער זלמן, ביי דער מומע גיטל, ביי אַלע גבירים און ביי די שענסטע בעלי-בתים.

נאָטקעס מוטער האָט אויך געגעבן אַ נדבה צען גראָשן, און ביידע חברים זיינען אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס.

אין דרויסן איז טאַקע געווען פּורים׳דיק: די זון האָט געשיינט און געשמעלצט דעם שניי, טאַקע ווי אין חודש אָדר. פון די דעכער האָט געקאַפּעט. אויף דעם ווייסן שניי האָט מען געזען אַ סך געלע פלעקן. אַלערליי מענשן זיינען געלאָפן איבער די גאַסן. דינסטן און משרתים האָבן געטראָגן שלח-מנות.

— וואוהין זאָלן מיר פריער אַריינגיין? — האָט גע־פרעגט נאָטקע.

— איך ווײס? לאָמיר אַרײַנגײן צו ר׳ שלמה דעם גביר.

זײ האָבן זיך אָנגעהויבן שפּאַרן, ווער פון זײ זאָל פריער אַרײַנגײן, ביז זײ האָבן באַשלאָסן, — אַז גלײַכער איז פריער צו גײן צום פעטער.

בײַם פעטער האָט מען זײ אָבער נאָר צוגענומען פאַר געסט, מכבד געווען מיט פּורים־גרעט, לעקעכלאַך מיט פלאָדן, און עס איז גאָר דעם פעטער ניט אײַנגעפאַלן, אַז די קינדער גײען נאָך אַ נדבה. דאָס אײגענע איז געווען בײַ דער מומע און בײַ דער באַקאַנטער שכנה געלע. זײ האָבן זיך געשעמט צו זאָגן, נאָך וואָס זײ זײַנען גע־קומען. און אַזוי זײַנען אַוועקגעגאַנגען גאַנצע צוויי שעה, און זײ האָבן נאָך גאָרנישט „געמאַכט"...

ענדלאַך האָבן זײ זיך געלאָזט גײן צום גביר ר׳ שלמה, פאַרסאָפּעט און פאַרשוויצט, זײַנען זײ קוים אַרײַנגעקומען אין שטוב.

ר׳ שלמה דער גביר האָט זיך אַרומגעדרײט אין כאַלאַט יום־טוב׳דיק. נאָטקען מיט לײבעטשקען האָט ער געקענט פאַר „ווײסע־חברה", ווײַל ער האָט זײ אָפט געזען אין קלויז און ווי ער האָט זײ נאָר דערזען, האָט ער זײ מיט אַ געלעכטערל אָנגעהויבן ציען בײַ די אויערן.

—נו, ווײסע־חברה, איר גײט שוין אויך אַרום. אודאי אויף קאָנפעקטן זיך קויפן?

די קינדער האָבן קוים אַרויסגעריסן זײערע אויערן פון

ר׳ שלמה׳ס גראָבע פינגער און זיינען אָן אַטעם אַרויסגע־
לאָפן פון זיין שטוב.

זיי האָבן אַליין נישט געוואוסט, ווי אַזוי זיי זיינען
אַריינגעפאַלן אין אַ שטוב פון אַ צווייטן גביר. דאָרט האָבן
זיי מיט ציטערניש קוים אַרויסגערעדט, נאָך וואָס זיי זיינען
געקומען.

— כאַ, כאַ, — האָט זיך צולאַכט דעם גביר׳ס אײדעם,
— נאָט אייך נייע פריש־געבאַקענע שיינע אידן — זיי ווילן
שוין אויך געלד! נייע גבאים און גייען שוין אויך נאָך
נדבות, כאַ, כאַ!...

נאָטקע און לייביטשקע האָבן פאַר בושה נישט גע־
וואוסט ווי אַזוי די טיר צו עפענען, ווי אַזוי צו אַנטלויפן.
דעם גביר׳ס ווייב האָט זיי אַפילו נאָכגעשריען:

— קומט צוריק, וועט מען אייך געבן אויף עפּעלאַך!

זיי זיינען שוין אָבער געווען ווייט.

אַריינגעקומען צו אַ דריטן גביר.

— וואָס ווילט איר, ווייסע חברה? — האָט דער
גביר פריילאך געפרעגט.

די חברים האָבן אָנגעוויזן אויף זייער קאָלירטן טיכל,
וואָס איינער פון זיי האָט געהאַלטן אין האַנט.

— וואָס? איר ווילט שוין אויך געלט? אַך, שקצים!
ברענגט מיר דעם קאַנטשיק, וועל איך זיי אָפּשמייסן! —
און ער האָט זיי ביידע געשלעפּט צום בענקל.

דעם גביר׳ס ווייב מיט די קינדער, וועלכע האָבן בעת־

מעשה זייער געלאַכט, האָבן געבעטן דעם גביר ער זאָל זיי אָפּלאָזן.

קוים לעבעדיקע זיינען ביידע חברים אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס.

## ד.

אויף דער גאַס האָבן די חברים אָנגעהויבן וויינען, נאָר באַלד האָבן זיי זיך פאַרשעמט און האָבן אַ פּאָר מינוט שטום געקוקט איינער אויף דעם אַנדערן.

— הערסטו, לייביטשקע, וואָס איך וועל דיר זאָגן?

— וואָס?

— איך וויל דיר זאָגן, אַז ווען מיר זאָלן האָבן געלד, וואָלטן מיר געקויפט אַ פּאָר שיך ביי כייטשע דער שום-טערקע, וואָס זיצט דאָ אויפן מאַרק. זע נאָר, וויפיל פּאָר שיך עס ליגן אַרום איר.

זיי זיינען צוגעגאַנגען נענטער צו כייטשעס „שטעל" און ניט אַראָפּגעלאָזט פון איר די אויגן.

— וואָס שטייט איר, קינדערלאַך? — האָט זיי גע-פרעגט כייטשע, וועלכע האָט זיי גוט געקענט.

כייטשע האָט מיר איר פרעגן זיי פּשוט אַריינגעזעצט אַ נייע נשמה. זיי זיינען צוגעגאַנגען צו איר נאָך נענטער און האָבן איר דערציילט די גאַנצע מעשה, וואָס מיט זיי האָט היינט פּאַסירט.

— ווייסט איר וואָס, קינדער? קויפט ביי מיר אַ פּאָר שיך...

— מיר האָבן אָבער נישט קיין געלד.

— נישקשה, איך קען אייך, איר וועט מיר אויסצאָלן, איר זענט ערלאַכע קינדער... איאָ, איר וועט מיר אָפּגעבן? איך בין דאָך אַליין ניט קיין רייכע אידענע...

די חברים האָבן זיך געשוואוירן „ווי זיי זיינען אידן", אַז זיי וועלן איר אָפּגעבן, נאָר עס וועט געדויערן, ווייל די מאַמעס גיבן זיי נאָר צו צוויי גראָשן אַ טאָג צום איבער־בייסן אין חדר.

— ניין, — האָט כייטשע געזאָגט, — פון די גראָשן טאָרט איר נישט אָפּצאָלן. איך וועל אייך געבן אַ פּאָר גוטע שיך פאַר אַכט גילדן, און איר גייט נאָך אַביסל אַרום: וויפיל איר וועט מאַכן, וועט איר מיר אָפּברענגען און דאָס איבעריקע וועט איר ביסלאַכווייז אָפּצאָלן.

— וואו־זשע זאָלן מיר נאָך גיין? מיר זיינען שוין געווען כמעט ביי אַלע גבירים, מיר ווילן שוין מער נישט גיין, מיר וועלן בעסער באַצאָלן פון די איבערבייסנס.

— זענט איר דען שוין אויסגעוועזן אין אַלע הייזער?

— ניין.

— נו, גייט־זשע גיכער, קינדערלאַך, פעלט־אויס די גביר׳שע הייזער, גייט נאָר, וואו איר וועט זען אַ אידישע שטוב. די שטוב מעג אויסווייזן אָרים, מאַכט נישט אויס, אַ אידיש הויז לאָזט קיין מענשן נישט אַרויס אָן אַ נדבה... האָט קיין מורא נישט, — האָט כייטשע זיי געשטאַרקט, — מען וועט פון אייך אין אַזעלכע הייזער נישט חוזק מאַכן. נאָר די גבירים, וועלכע עס איז זייער גוט אויפן האַרצן

און ווילן זיין פריילאַך אים פּורים, מאַכן חוזק; זיי מיינען, אַז די גאַנצע וועלט איז זייער שפּילעכל...

כייטשע האָט אויסגעקליבן אַ גוטע פּאָר שיך, נאַטיר־לאַך, אָן אַ מאָס, איינגעוויקלט זיי אין אַ פּאַפּיר און גע־געבן די קינדער.

די חברים זיינען מיט די שיך אונטערן אָרעם גליקלאַכע אַוועקגעגאַנגען.

די יונגע חברים האָבן זיך איבערצייגט, אַז כייטשע האָט רעכט געהאַט, וואָס זי האָט זיי געראָטן צו אויספעלן די גבירישע הייזער. די חברים זיינען געגאַנגען צו פּשוט'ע בעלי־בתים. וואו זיי זיינען נאָר געקומען, האָט מען זיי פריינדלאַך אויפגענומען און געגעבן אַ נדבה, חוץ פּורים־גרעט פאַר זיי.

דעם גאַנצן טאָג איז נאָטקע מיט לייבּיטשקען דורכ־געגאַנגען און ערשט אויף דער נאַכט זיינען זיי מיט גרויס פרייד געלאָפן צו כייטשע'ן און האָבן איר געבראַכט אַכט גילדן און זיי איז נאָך איבערגעבליבן קליינגעלד. איצט לויפן זיי צום אַלטן וואַסערטרעגער.

## ה.

עס האָט שוין אָנגעהויבן נאַכט צו ווערן. די זון איז שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען, אין אַלע פענסטער, וואו אידן וואוינען, איז ליכטיק, ווי אין אַ גרויסן יום־טוב. אומעטום איז מען שוין פריילאַך געזעסן ביי דער סעודה. פון די טישן האָבן אַראָפּגעשיינט די שיינע הויכע פּורים־קוילעטשן,

פיש און אַנדערע מאכלים. קינדער האָבן פולע קעשענעס מיט פורים-גרעט, המן-טאַשן, צוקערדיקע פערדלאַך, פייגע־לאַך, פודעלאַך און קאָנפעקטן, אַרומגעוויקלטע מיט גאָל־דענע פאַפּירלאַך. אין די הענטלאַך האַלטן זיי פלאָדן, לע־קאַך און זאַפראַנקוכן מיט גרויסע ראָזשינקעס. די טיר מאַכט זיך כמעט ניט צו: איינער אַריין, דער צווייטער אַרויס מיט „שלח-מנות" פון קרובים און פון גוטע פריינד.

אַלע פרייען זיך מיט דעם יום-טוב, און מערער פון אַלע־מען פרייען זיך די קינדער.

נאָר ווייט אונטער דער שטאָט, נעבן באַרג, געפינט זיך אַ נידעריק שטיבל. דאָ וואוינט אויך אַ איד: ר' שמערל דער אַלטער וואַסערטרעגער. דאָרט זיינען אויך דאָ קינדער, וואָס זייער זיידע האָט זיי ליב נישט ווינציקער, ווי אַנדערע עלטערן האָבן ליב זייערע קינדער. נאָר וואָס זעט מען דאָ אין דעם פריילאכן אָוונט?... עס צאַנקט אַ גראָשנדיק ליכטל אויפן טיש, נישטאָ קיין פורים'דיקער געלער קוילישט, מען זעט נאָר אַן אַלטגעבאַקענע בולקע, וואָס מען האָט אומיסטנע באַהאַלטן פון שבת. ביים טיש זיצט דער אַלטער שמערל, דער וואַסער-טרעגער, זייער טרויעריק. אים אַרט נישט דאָס טונקעלע ליכט מיט דער אַלטגעבאַקענער בולקע. ער איז שוין דערצו געוואוינט. ער וואָלט אין זיין נידעריק שטיבל אויך געהאַט אַ פריי־לאַכן יום-טוב, ווען נאָר זיינע ליבע אייניקלאַך זאָלן זיין פריילאַך. ווי אַזוי זיצן זיי אָבער ביים טיש? — איין קינד שלאָפט זיצנדיק, דאָס אַנדערע דרעמלט אַזוי. איין

קינד זיפצט און דאָס עלטערע אייניקל לאה׳טשקע איז נאָך מער טרויעריק: זי האָט פאַרלאָרן איר גאַנצע האָפענונג — נישטאָ קיין שיך!... זי וועט שוין אַזוי גיך נישט גיין אויף דער גאַס... אפשר זומער באָרוועס, נאָר צו זומער איז נאָך זייער ווייט... זומער ווידער איז אויך נישט גוט צו גיין אָן שיך, עס שטעכט די פיס...

פלוצים האָט זיך געעפנט די טיר און עס זיינען אַריינגעלאָפן נאָטקע מיט לייבימשקען. זיי האָבן גיך אַנידערגעשטעלט אויפן טיש אַ פּאָר נייע שיכלאַך און פון דעם קאָלירטן טיכל האָבן זיי אויסגעשיט אַ פּאַפּירן קערבעל מיט עטלאַכע מטבעות-מינץ, וואָס איז געבליבן פון די נדבות און אויך עטלאַכע שטיק פלאָדן און צוקער-שפּילעכלאַך.

די צוויי יונגע חברים, מיט פאַרפלאַמטע בעקלאַך, פאַרשעמט, נאָר פול מיט פרייד און קוים כאַפּנדיק דעם אָטעם, האָבן געזאָגט צום אַלטן שמערלען:

— דאָס האָט כייטשע די שוסטערקע און אונזערע מאַמעס געשיקט פאַר אייערע קינדער „שלח-מנות“.

אַלע קינדערלאַך זיינען אויפגעשפּרונגען, ווי מען כאַפּט זיך אויף פון אַ שלעכטן חלום אין אַ שיינעם פרי-מאָרגן, און האָבן מיט זייערע אומשולדיקע גרויסע אויגן געקוקט אויפן טיש, אויף די אינגלאַך, אויף דעם זיידן און יעדעם קינד האָט עפּעס גענומען פון טיש און איז געלאָפן צום זיידן מיט גרוים פרייד און יעדעם קינד האָט אויסגערופן:

— זיידעניו! זע נאָר, היינט איז פורים!...

— זע נאָר, טייערער, זיידעניו, היינט איז טאַקע פורים!

— איז לאה'טשקע צוגעשפרונגען צו שמערלען מיט די שיך און האָט אים שטאַרק אַרומגענומען.

מיט טרערן אין די אויגן האָט דער זיידע געקושט די אייניקלאַך, דערנאָך האָט ער אַרומגענומען נאָטקען מיט לייביטשקען און אויף זייערע פּנים'ער האָבן פון ר' שמערלס אַלטע אויגן אַראָפּגעקאַפּעט טרערן...

כאָטש דאָס גראָשענע ליכטל האָט אויך איצטער נישט געברענט ליכטיקער, נאָר ביים אַלטן וואַסערטרעגער אין שטוב איז פּלוצים געוואָרן אַזוי ליכטיק און פריילאַך, ווי אין די הייזער, וואו עס האָבן געברענט אַ סך ליכט מיט לאָמפּן.

מ. ספּעקטאָר.



# אַ תפילה

קליינע בלאַסע קינדער
אין די גרויסע היצן,
זאָלסטו, גאָט, פון קראַנקייט
און פון בייז באַשיצן.

קליינע בלאַסע קינדער,
מיט די ליבע אויגן.
זאָל זיי וואויל באַקומען
מוטערס מילך, וואָס זויגן.

אויב די מוטער אַרבעט
ערגעץ וואו פאַרטרויערט,
זאָל די מילך אין פלעשל
ווערן נישט פאַרזויערט.

און פאַר אַלע קינדער
וואָס אין דרויסן שפּילן,
פון די פעלדער שיקן,
זאָלסט אַ ווינט אַ קילן.

פון די ווייטסטע פעלדער
זאָל די היילונג קומען;
גאָט, באַשיץ די קינדער,
פון דער וועלט די בלומען! —

א. רייזען.

# יאָרן פון לערנען

## אינהאַלט:

1) דער אַלטער סופר (בילד) — איזראעלס — — — — — 72

2) איך שרייב אויפן זאמד — א. קאצאָוויטש — — — 73

3) אַ חדר־מעשה (ליד) — שמעון פרוג — — — — — — 76

4) מיין ערשטער רבי שטאָפּט מיך מיט תורה —
א. קאצאָוויטש — 78

5) חדר יאָרן — י. קאַפּעלאָוו — — — — — — — — — — — 82

6) ליכט (ליד) — א. רייזען — — — — — — — — — 90

7) דאָס חדר — י. קאַפּעלאָוו — — — — — — — — — 91

8) אין טלית און תפילין (בילד) — מארק שאַגאַל — — 94

9) דער נייער זמן (ליד) — ה. רויזענבלאַט — — — — — 99

10) די צוויי ברידערלאך — א. רייזען — — — — — — — 100

11) די צוויי ברידערלאך (בילד) — ז. מאָוד — — — — — 112

12) דאָס ליד פון ישיבה־בחור (ליד) — א. רייזען — — — 113

13) דער גימנאַזיסט — א. רייזען — — — — — — — — 115

14) פראַנצויזיש־אַראַבישע שול (בילד) — זשאָפּראַי — — 122



# איך שרייב אויפן זאַמד

מיין עלטערער ברודער מרדכי לערנט אין מינסק. זייער זעלטן קומט פון אים אַ בריוו, וועלכן ער שיקט דורך די דאַלהינעווער קרעמער. ערשט איז אָנגעקומען פון אים אַ בריף. דער טאַטע לייענט פאַר דער מאַמען דעם לשון קודש׳דיקן בריוו און פאַרטייטשט. די מאַמע זאָגט נאָך יעדן וואָרט און וויינט. איך בעט ביים טאַטן דעם בריוו. איך זע שיינע קיילאַכדיקע אותיות, נאָר לייענען קען איך נית. שרייבן האָט מען מיך נאָך ניט געלערנט. בעט איך דעם טאַטן, אַז ער זאָל מיט מיר איבערלייענען דעם בריוו, ער לייענט מיט מיר איבער, און פאַרטייטשט מיר די שווע־רע ווערטער. איך גיי אַוועק צום ברעג טייך, לייג זיך אַוועק אויפן געלן זאַמד, און מיט די פינגער שרייב איך אויף דעם פייכטן זאַמד יעדן וואָרט ווי אין בריוו. אַפילו דעם „שלום“ אויסגעדרייט פונקט ווי אין בריוו.

אין אַ וואָך צייט האָב איך שוין דעם גאַנצן בריוו איי־ניקע מאָל איבערגעשריבן אויפן זאַמד, און מיר פאַרגלוסט זיך עפּעס אַנדערעס צו שרייבן, און טאַקע שרייבן ניט אויפן זאַמד. אין שטוב איז אָבער ניטאָ ניט קיין טינט און פעדער און ניט קיין פּאַפּיר, נאָר וועגן טינט און פעדער האָב איך זיך אַן עצה געגעבן, אָנגעשאַרט סאַזשע פון קוימען, אַריינגע־שאָטן אין אַ פלעשעלע, אָנגעגאָסן וואַסער, אויסגעמישט, גע־

לאָזן שטיין, און ווייטער געמישט ביז עס האָט אויסגעזען גאַנץ שוואַרץ, און אַ פעדער האָב איך באַקומען פון אַ געני־זענעם פליגל, וואָס די מאַמע האָט געהאַט פון אַמאָל, איך האָב אָנגעשאַרפט אַ גרויסן מעסער און געמאַכט אַ פען. אַלעם פאַרטיק, נאָר, וואו נעמט מען פאַפיר? און איך דער־מאָן זיך, אַז ביים פעטער זיינען פאַראַן אַזוי פיל ספרים, און אין יעדן ספר איז פון ביידע זייטן פאַראַן אַ ריינער בלאַט פאַפיר. לויף איך צום פעטער, גנב׳ע זיך אַריין אין חדר, רייס אויס עטלאַכע ריינע בלעטער, קום אַהיים, נעם אַ נאָדל, מאַך אַ ביכעלע, און זעץ זיך איבערשרייבן פסוקים פון משלי. מיין טינט איז עפּעס געלבלאַך, לאַנג טריקנט עס ניט, און ווען עס טריקנט אויס, איז קוים וואָס מען קאָן לייענען, דאָך האָב איך אין אייניקע טעג פאַרשריבן מיין ביכעלע. איך לויף ווייטער אָנרייסן פאַפיר פון די ספרים.

צום אומגליק האָט מען מיך געכאַפּט גלייך ביי דער אַרבעט, און באַלד איז אַריין דער פעטער, האָט מיך אַוועק־געלייגט, גוט אָפּגעשמיסן, גערופן „גנב“ און נאָך מיאוס׳ע נעמען, און האָט מיך אַרויסגעטריבן. לויף איך אַן אָפּגע־שמיסענער, אָן פאַפיר, און איך בין זייער אין כעס אויפן פעטער. פאַרוואָס האָט ער מיך גערופן גנב? איך האָב דאָך אויסגעריסן דאָס פאַפיר, ווייל קיינער דאַרף עס ניט האָבן. ער מיינט, אַז איך דאַרף דאָס פאַפיר צו שפּילן זיך דערמיט. ער ווייס גאָר ניט, אַז איך דאַרף שרייבן, און פאַר וואָס צו קויפן פאַפיר איז ניטאָ. איך מיטן טאַטן אַר־בעטן, און מיר האָבן ניט אַפילו קיין ברויט. דאָס געלט

וואָס מיר פאַרדינען נעמט ער צו פאַר אַרענדע. וואָס מער איך טראַכט, ווער איך אַלץ מער אין כעס אויף אים, און איך באַשליס, אַז איך מוז פון אים נקמה נעמען, און איך האָב טאַקע דערהיט, ווען ער איז ניטאָ אין דער היים, האָב איך זיך אַריינגעכאַפּט אין חדר, און האָב מיט כעס אויסגעריסן אַלע ריינע בלעטער פון אַלע ספרים.

אין אַ קורצער צייט אַרום דערלאַנגט מיר דער טאַטע אַ פלעשעלע מיט אמת'ע טינט און אַ פּעקעלע מיט גרויסע בויגנס פּאַפּיר, וועלכע דער מילנער האָט געבראַכט פון שטעטל. „דאָס איז פאַר דיר", זאָגט דער טאַטע, און קוקט מיר גלייך אין די אויגן, גלייך ווי ער וויל נאָך עפּעס זאָגן. איך דענק, אַז ער מוז שוין וויסן די גאַנצע מעשה, און איך לאָז אַראָפּ מיינע אויגן. דער טאַטע קערט זיך אָפּ און גייט אַוועק.

אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען מיר האָבן געלערנט, טוט דער טאַטע אַ זאָג: „לערנען און קענען די תורה איז זייער שיין, אָבער נאָך שענער איז, אַז מען היט אָפּ, וואָס די תורה לערנט אונז, און פון קינדוויז אָן מוז מען זיך געוואוינען אָפּצוהיטן. אָט, צום ביישפּיל, די תורה זאָגט צוויי מאָל „לא תגנוב", דו זאָלסט ניט גנב'נען, דאַרף אַ קינד היטן זיך ניט צו גנב'ענען קיין זאַך, אַפילו אַ קנעפּל, אַפילו אַ פּאַפּירעלע".
דאָס וואָרט פּאַפּירעלע האָט מיר אַ שטאָך געטאָן אין האַרצן.
איך בין זיכער, אַז ער ווייס, און טרערן האָבן זיך געשטעלט ביי מיר אין די אויגן. דער טאַטע האָט באַלד אָנגעפאַנגען ווייטער צו לערנען.

א. קאַצאָוויטש.

# אַ חדר־מעשה

זיבן יאָר איז מיר געווען —
און די מאַמע, זאָל געזונט זיין,
האָט געזאָגט: „נו, צייט אין חדר,
צייט אין חדר גיין, מיין קינד.

אויס, אַ סוף, גענוג געהוליעט
אויף דער וועלט, ארומגעפלויגן
פריי און גליקלאַך, ווי אַ פויגל,
פריש און פריילאַך, ווי דער ווינט.

צייט אין חדר, קדיש מיינער!"
און אברהמל דער באַהעלפער —
פון די חדר־קאנטאָניסטן
דער באַרימטער קאָמאַנדיר —

האָט מיך איינגעהילט, פאַרוויקלט
אין אַן אַלטן, געלן טלית
(אונזער אַלטער אוניפאָרם,
אונזער אידישער מונדיר)

און אַוועק מיט מיר אין חדר.
ס'איז געווען אַ וואונדערשיינער,
פרישער, ליכטיקער פרימאָרגן.
שיין און ליכטיק, ריין און פריש —

האָבן שטראַלן זיך געגאָסן
דורכן פענסטערל אין חדר
און געפינקלט אויפן רבי'ן,
אויפן סדור, אויפן טיש.

און עס האָט זיך אָנגעהויבן
דער עקזאַמען: — „זאָג נאָר, בחור,
וואָס איז דאָס ?״ — אַן אלף. „ריכטיק,
דאָס ?״ — אַ היי. „און דאָס ?״ — אַ תו.

און ביי יעדן אות פּאַר יעדן
ענטפער, פאַלן מיר פון אויבן
לעקאַך, ראָזשינקעס, קאָנפעטן,
ניס און מאַנדלען אָן אַ סוף.

און דער רבי, רב בנימין
(זאָל אַ ליכטיקן גן־עדן
האָבן) זאָגט: „דו זעסט ? דאָס וואַרפן
דיר מלכים, ליבעס קינד,

זאָלסט מיט חשק לערנען תורה,
לערנען תורה, לערנען חכמה,
און געדענק, מיין קינד, ווער ס'וויל ניט
לערנען, בלייבט אויף אייביק בלינד.״

שמעון פרוג.

# מיין ערשטער רבי שטאָפּט מיך מיט תורה

האָבן מיר פאַרלאָזן דעם הויף מיט די קי, און געשלעפּט זיך מיט פורן עטלאַכע טעג, ביז מיר זיינען געקומען ערגעץ ווייט, ווייט צו אַ גרויסער, פוסטער קרעטשמע מיט אויסגעבראָכענע שויבן אין די פענסטער, און די קרעטשמע שטייט זיך אַן אומעטיקע איינע אַליין נעבן וועג, ווייט פון דאָרף, און פייגעלאַך האָבן נעסטן געמאַכט אונטער איר צעריסענעם שטרויענעם דאַך, און אינווייניק זיינען די אַלטע, שוואַרצע, הילצערנע ווענט פול מיט לעכער, און די מייז האָבן זיך דערשראָקן פאַר אונז און לויפן זיך באַהאַלטן אין די לעכער. און איך הער ווי די מאַמע זאָגט צום טאַטן: „אַ שיינע קרעטשמע האָסטו אָפּגעזוכט", און דער טאַטע ענטפערט מיט אַ שמייכל: „אַ נאַר ווייזט מען ניט קיין האַלבע אַרבעט. מ'וועט עס אַלץ פאַרריכטן, וועט עס באַקומען גאָר אַן אַנדער פּנים". האָט מען זיך גענומען פאַר דער אַרבעט. דער טאַטע, די מאַמע, און אַ גוי מיט אַ גויה, להבדיל, האָבן געאַרבעט ביז מען האָט פאַרשמירט די לעכער, פאַרווייסט די שוואַרצקייט, אַריינגעשטעלט פענסטער און פאַרריכט דעם דאַך. דאַן איז מיין טאַטע אַוועקגעפאָרן פון דער היים. ער האָט ערגעץ אַ שטעלע אין אַ וואַלד, און די מאַמע מיט די קליינע קינ-

דער זיינען דאָ געבליבן אַליין. איז אונז זייער אומעטיק געוועזן ביז דער טאַטע האָט מיר אַ רבי׳ן געשיקט. מיין רבי האָט שוין אַ בערדעלע, און דאַוונט נאָך אָן אַ טלית. די מאַמע זאָגט, אַז ער איז נאָך אַ בחור, און אַז ער איז זייער אַ פרומער. איך זע ווי ער דאַוונט זייער לאַנג, און ביי דער נאַכט וועקט ער מיך אויף פון שלאָף מיט זיין וויינענדיקן נגון, מיט וועלכן ער לערנט גמרא. ווען ער רעדט מיט מיין מאַמען, לאָזט ער אַראָפּ זיינע אויגן און רעדט שטיל, איינציקע ווערטער.

מיט מיר האָט ער אָנגעפאַנגען צו לערנען חומש. לערנען מיר צוויי מאָל אין טאָג און איין מאָל אין אָוונט, און מיר זיצן איבערן חומש זייער לאַנג. ער פאַרטייטשט און גיט מיר צו פאַרשטיין. דערצו נאָך דערציילט ער צו יעדער זאַך שיינע מעשׂות, וואָס ער האָט געפונען אין אַנדערע ספרים. און ער דערציילט עס זייער שיין. יעדעס וואָרט קריכט מיר טיף אין האַרצן. אָט לערנען מיר, ווי גאָט טרייבט אַרויס אָדמ׳ען און חוה׳ן פון גן־עדן. זע איך, ווי אָט גייען זיי ביידע ברוגז׳ע, פאַרשעמטע און וויינען ווי אַ אינגל נאָכן אָפּשמייסן; און אָט לערנען מיר וועגן אברהמ׳ען, דערציילט מיר דער רבי, ווי אברהם אָבינו האָט ביי זיין טאַטן תרח, אַלע אָפּגעטער צעבראָכן, האָט דער מלך נמרוד געהייסן אַריינוואַרפן אַברהמ׳ען אין אַ ברענענדיקן קאַלך־אויוון, און ווען מען האָט אים אין אַ גרויסן פייער אַריינגעוואָרפן, זיינען מלאכים געקומען, זייערע פליגלען צעשפרייט צו באַשיצן אים, און מיר שטעלט זיך פאָר ווי די

מלאכים פאַכן מיט די פליגלען ביז אברהם קריכט אַרויס פון פייער, אַט אַזוי ווי איך קריך אַרויס פון מיין בעט אין דער פרי, און איך בין זייער צופרידן וואָס גאָט האָט אַזאַ נס געטאָן. און אַט לערנען מיר, ווי די ברידער האָבן יוסף'ן פאַרקויפט, און ווי מען פירט אים קיין מצרים, און מיין רבי פאַנגט אָן צו דערציילן, ווי יוסף גייט פאַרביי זיין מוטער רחל'ס קבר, טוט ער זיך אַ וואָרף אויף דער מוטער־ערד, און פאַנגט אָן צו קלאָגן און בעטן זיך: „מאַמע! מאַמע! שטיי אויף פון דיין קבר, זע ווי דיין זון איז פאַר אַ קנעכט פאַרקויפט געוואָרן, זע ווי ער ווערט געפייניקט און קיינער האָט קיין רחמנות ניט". איך הער ווי דער רבי דערציילט און איך וויין הויך אויפן קול.

אויסער דעם לערנען דאַוון איך דעם גאַנצן דאַוונען דריי מאָל אין טאָג. אין דער פרי נאָכן דאַוונען זאָג איך תהלים, בייטאָג זאָג איך תרגום, נאָך יעדן עסן בענטש איך דעם גאַנצן בענטשן, פאַרן שלאָף לייען איך די לאַנגע קריאת שמע, פרייטאָג איז מען מעביר די סדרה און מען זאָגט די הפטורה. איינמאָל הער איך ווי מיין מאַמע זאָגט צום רבי'ן, אַז זי דענקט דאָס איך לערן צופיל. ענטפערט דער רבי, אַז: „די גמרא זאָגט, אַז ווען אַ אינגעלע איז זעקס יאָר אַלט, זאָל מען אים שטאָפּן מיט תורה ווי מען שטאָפּט אַן אָקס מיט עסן, און דאָ איז אָן עין־הרע א אינגעלע וואָס לאָזט זיך שטאָפּן". אָט אַזוי האָט דער רבי מיך געשטאָפּט, און איך האָב טאַקע געלאָזן זיך שטאָפּן; ערשטנס, ווייל איך האָב ליב געהאַט דעם רבי'ן מיט זיינע מעשות, און

צוויטנס, ווייל דער רבי האָט געזאָגט, אַז אויב מען לערנט תורה וועט מען זיין אין גן־עדן מיט די אָבות און מיט משה רבינו און מיט אַנדערע צדיקים, און דריטנס, ווייל קיין אַנדער זאַך האָב איך ניט געהאַט צו טאָן. דער רבי לאָזט מיך אַפילו אַרוים אין דרויסן שפילן זיך, אָבער אַליין איז ניט גוט צו שפילן זיך. איינמאָל האָב איך געפּרואווט לויפן צו די שקצים'לאַך שפילן זיך, האָט דער רבי געזאָגט, אַז אַ אינגעלע, וואָס לערנט שוין תורה, טאָר זיך ניט שפילן מיט שקצים.

אין אָוונט, ווען דער רבי פלעגט אַליין לערנען, און די מאַמע האָט עפּעס געאַרבעט, פלעג איך דער מאַמען איבער־דערציילן אַלע מעשות, וואָס איך האָב געלערנט, און זי פלעגט מיר דערפאַר געבן אַ קוש; און ווען דער טאַטע פלעגט קומען, פלעגט ער מיך פאַרהערן, אַ קניפּ טאָן אין באַק און זאָגן, אַז איך בין אַ גוטער אינגל. ווען עס איז גע־קומען דער זומער בין איך מער אין דרויסן געווען. מיר האָבן אַ גרויסן גאָרטן, העלף איך דער מאַמען אין גאָרטן, און אַמאָל פאַרנאַכט נעמט מיך דער רבי שפּאַצירן צווישן די גרינע פעלדער. צוויי יאָר האָב איך געהאַט אָט דעם גוטן רבי'ן. שפּעטער איז ער אַוועק פון אונז און איך האָב לאַנג געבענקט נאָך אים.

א. קאַצאָוויטש.

# חדר־יאָרן

פינף יאָר בין איך אַלט געווען, ווען מען האָט מיך אָפּגעגעבן אין חדר.

אַלע אידישע טאַטעס — רייך אָדער אָרים, לומדים אָדער פּראָסטע מענטשן, בעלי מלאכות אָדער חשוב'ע בעלי בתים — אַלע האָבן אָפּגעגעבן זייערע אינגלאַך אויפן פינפטן יאָר אין חדר. פאַרבליבן אין חדר איז מען שוין, ווי וועמען גאָט האָט געהאָלפן. ווער עס איז געווען ביכולות — ביז אַ יאָר אַכצן. „תורה איז די בעסטע סחורה“, האָט מען געזונגען צו די קינדער נאָך אין די וויגן, און צו ליכט־בענטשן פלעגט די מאַמע תפילה־טאָן אַז „ווי די ליכטער לייכטן, זאָלן אַזוי די אויגעלאַך פון איר זונעלע אין דער הייליגער תורה לייכטן“...

גערופן האָט די מאַמע מיך ניט אַנדערש, ווי „תנא'לע מיינער“, „חכם־עתיק“ און „מופליג“, נאָך איידער איך האָב געוואוסט דעם באַדייט פון די ווערטער. דער טאַטע פלעגט, גלעטנדיק מיך איבערן קאָפּ צוגעבן:

— ער וועט אם־ירצה־השם קענען גוט לערנען. ער האָט אַ גוטן קעפּעלע!

וועגן תורה, לומדות און תלמידי חכמים האָט מען שטענדיק גערעדט אין שטוב מיט גרויס התפעלות. א קרוב אונזערער האָט חתונה געמאַכט אַ טאָכטער, האָט מען כסדר זיך גע'חידוש'ט, געשמועדערט מיט די ליפּן: „אַי, אַי, וואָס

פּאַראַ וואוילער חתן, אַן עלוי, גאָר אַ צאַצקע, אַן אַנטיק!"
און די מאַמע האָט מיט אַ ביסל קנאה אויסגעלאָזן:

— אַז גאָט וויל, דאַרף מען דען חכמות? באַשערט אַ גליק!

מיין באָבע, אַ גאַנץ קלוגע אידענע, וואָס פלעגט שטענדיק טראָגן איר קורטקע אויף איין אַרבל און אַ פרענטל אַריינגעשטעקט אונטער דער ליענטע, לעבן דעם רעכטן אויער, פלעגט טענה'ן צו מיר:

— דו ווייסט, זונעלע, אַז דו וועסט קענען לערנען, וועט מען דיר געבן גאָר אַ פיינע כלה, מיט קעסט, מיט נדן; און טאַטע-מאַמע וועט מען אָפּשיטן...

גערעדט האָט זי דאָס צו מיר, נאָך איידער מען האָט מיך אין חדר אָפּגעגעבן, און איך האָב קיין ברעקל באַגריף ניט געהאַט, וואָס עס באַדייטן אירע רייד.

דער טאָג, וואָס מען האָט אָפּגעגעבן אַ קינד אין חדר, איז געווען אַ יום-טוב. דעם אינגעלע האָט מען איינגעוויקלט אין אַ טלית און אויף די הענט געטראָגן אין חדר, מען האָט אים געוויזן דעם אַלף-בית — אין גרויסע אותיות אָנגעקלעפּט אויף אַ ברעטל — און בעת ער האָט זיך איינגעקוקט, איז געפאַלן פון אויבן געלט, צוקערקעס און אַנדערע גוטע זאַכן.

— דאָס וואַרפן די גוטע מלאָכים, וועלכע האָבן זייער האָלט חדר-אינגלאַך, — פלעגט מען דעם אינגל איינריידן.

מען האָט געמאַכט אַ סעודה אין חדר, מכבד געווען דעם רבי'ן און די חברים מיט בראַנפן, טאָרט און צוקער-לעקאַך.

אָבער דער עיקר סעודה איז געווען אין דער היים, וואו מען האָט געפּראַוועט אַ וואַרמעס פאַר קרובים און נאָענטע גוטע פריינט, און דער העלד פון טאָג האָט געקראָגן מתנות און גוטע זאַכן.

צו אונז זיינען אויף מיין חדר־מאַלצייט געקומען אַ סך שיינע מענטשן, און מיין מאַמע האָט אָנגעקוואָלן פון נחת. עס זיינען געווען אויך עטלאַכע גרויסע חסידים, מיין טאַטנס נאָענטע חברים. מען האָט געטרונקען שנאַפּס, געזונגען חסידישע נגונים און מען איז געזעסן לאַנג, — ביז שפּעט אין דער נאַכט — און געפירט טיפע שמועסן.

מיין ערשטער דרדקי מלמד איז געווען שלמה׳קע ניזש־ווער. דער חדר איז געווען אין איטעלעס שול.

שלמה׳קע איז געווען אַ הויכער איד מיט אַ ברייטן, גוטן, נאַרעשעוואַטן פּנים. ער האָט געטראָגן אַ שפּיציקע יאַרמולקע אויף דער פּאַטילניצע. די יאַרמולקע האָט צוגע־דעקט אַ גרויסן קאָלטון. אין חדר איז שלמה׳קע געזעסן שטענדיק אין אַ זשופּיצע. דער וואָלענער, ברייטער אַרבע־כנפות האָט צוגעדעקט זיין אָפּענעם בוזים. די ציצית האָבן דערגרייכט כמעט ביז צו דער ערד. ער פלעגט גאַנץ אָפּט אויף זיי אַרויפטרעטן און כאַפּן זיי אַלע ווייַלע קושן. ער איז געווען אַ מזג טוב, אַ מענטש אָן אַ גאַל; קיין מאָל ניט בייז געווען, ניט געשריען. ער איז געווען מער אַ חבר צו די קינדער איידער אַ רבי. ער האָט זיך געשפּילט מיט די קינדער; זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַרוויז אָן זיינע

ציצית און געשפּילט מיט אים אין פערדלאַך, לויפנדיק אַרום דער בימה אין שול.

אויף דעם אַלף־בית האָט ער געטייט מיט אַ גרויסן ביינערנעם טייטל, מיט וועלכן מען העלפּט־צו אין דער ספר־תורה דעם בעל־קריאה. ער האָט שטענדיק געשמייכלט און איטלאַכן אינגעלע גערופן: זונעניו, — זעסטו, זונעניו, דעם קאַראָמיסל, ווי ביי אַ וואַסער־טרעגער? דאָס איז אַן אַלף. זאָג־זשע, זונעניו: אַלף, אַלף, אַלף!

דער „ב" איז געווען אַ קליטעלע מיט אַן אָפענעם טירעלע; דער „ג" — מיט אַ בייטעלע אונטן; דער „ד" — אַ העקעלע; דער „ה" איז דאָס וואָס „פערד עסן"; „ו" איז אַ שטעקעלע מיט אַ סוק אויבן; „ז" — אַ שטעקעלע מיט אַ קעפּעלע; „ח" — אַן אושאָק אויף דער טיר; „ט" — טראַ־לאַ־לאַ, טראַ־לאַ־לאַ, ווי מען זינגט, און „י" איז אַ יוד... אַ איד, אָט ווי איך, ווי דו; אַ וואוילער אות, אַ קלייניקער אָבער זייער אַ וואוילינקער...

ער האָט געהאַט אויך נעמען פאַר די איבעריקע אותיות, — טשיקאַווע נעמען, ווי אַ „לאַנגע האַלז", אַ „קרומער רוקן". מיר האָבן געלאַכט, אָבער די אותיות גוט געדענקט.

תלמידים זיינען געווען ביי אַ צוואַנציק, און דער רבי האָט פּשוט קיין צייט נישט געהאַט צו פאַרמוטשען אַ אינגל מיט צופיל לערנען. דורך דעם ערשטן זמן האָט ער אויס־געלערנט די אינגלאַך דעם אַלף־בית; אַ געראָטענערן שעפּטשען אַ סדור, און גאַר אַ וואויל אינגל — דאַוונען.

ער פלעגט זיך ניט קוואַפּען צו האַלטן דעם תּלמיד בײַ זיך לענגער, איידער אַ זמן, העכסטנס, צוויי.

פאַר דעם ערשטן זמן פלעגט איטלאַכער טאַטע אַ י צאָלן מער, אי טאַקע באַצאָלן. אַ גביר פלעגט געבן ח״י קערבלאַך פאַר דעם ערשטן זמן. ווייניקער פון פינף רובל האָט קיינער ניט געצאָלט. און שלמה׳קע האָט פון זיינע צוואַנציק תּלמידים (ער האָט ניט מדקדק געווען — האָט גענומען, וויפיל תּלמידים מען האָט אָפּגעגעבן צו אים) גע־האָט פּרנסה בשפע. צו אים אין חדר איז קיינמאָל זיין ווייב ניט געקומען „שניידן פון אים פאַסן״, ווי ביי מיינע שפּעטערדיקע מלמדים, און ער פלעגט דאַנערשטיק ניט קרעכצן און ניט אויקען: געוואַלד, וואו נעמט מען אויף שבת?

אים איז געווען גוט, הפּנים. אַ סך בעלי־בתּים האָבן אים מקנא געווען, ווער רעדט די תּלמידים — אודאי. און ער איז געווען גוט צו אונז.

ער האָט געהאַט אַ באַהעלפער, וועלכער האָט גע־דאַרפט אַכטונג געבן אויף די קינדערס נאַטירלאַכע באַ־דערפענישן און פירן זיי אין און פון חדר. זומער האָט ער אונז געטראָגן, ווי אַ באַראַן אויף די פּלייצעס; ווינטער — געקאַטאַיעט אונז אויף אַ שליטעלע. אַך — ווי געקאַ־טאַיעט!

דעם באַהעלפערס עובדא איז אויך געווען צו ברענגען אונז די וואַרעמעס פון דער היים. און דאָ פלעגט ער זיך פאַרפּלאָנטערן און אָנטאָן צרות... קודם פלעגט ער פאַר־

בייטן — ניט געדענקען אַקוראַט וואָסער טעפּעלע געהערט דעם און וואָסער — יענעם; פּלעגט אָפּגעבן אַ רייכנס וואַרימעס אַן אָרים אינגל, און פֿאַרקערט. דער רייכער אינגל פּלעגט זיך בריקען, בייזערן: ניט געוואוינט געווען, הפּנים, צו אַ פֿאַרוויסטן קרופּניק. אַן אַנדערש מאָל פּלעגט דער באַהעלפֿער גאָר פֿאַרגעסן אַן אַ אינגל און אים זיין וואַרימעס גאָרניט ברענגען. די גרעסטע צרה אָבער איז געווען, וואָס ער פּלעגט אָנמאַכן שאלות — פּלעגט אַרויפֿשטעלן אַ הייסן מילכיקן קרופּניק אין אַ ליימענעם טעפּל אויף אַ הייסן געבראָטנס אין אַ פֿאַרצעלייענעם שיסעלע — און דער דין האָט כמעט שטענדיק גע׳פּסקנ׳ט טריף. „ביידע טריף“, פּלעגט ער זאָגן. די אינגלאַך פּלעגן זיין הונגעריק, וויינען, שרייען. אַמאָל פּלעגט דער באַהעלפֿער אַוועקלויפֿן און קויפֿן אַ פּאָר אייער־בייגל, עטלאַכע ריטשאָניקעס פֿאַר זיין אייגן געלט און צעטיילן די הונגעריקע אינגלאַך. דער רבי פּלעגט זאָגן:

— חמור, פֿערדישער קאָפּ, בהמה דו איינער! פֿון די פּאָר גילדן אַ זמן, וואָס דו קריגסט ביי אַ אינגל, וועט דאָך דיר דער קאָפּ ניט סטייען. דו וועסט דאָך אפֿילו אויף אַ פּאָר שטיוול צום ווינטער צו ניט אָפּשפּאָרן.

יענער פּלעגט זיך אָפּזיפֿצן, אַריינרוקן ביידע הענט אין די געדיכטע שוואַרצע האָר פֿון קאָפּ און נעמען קראַצן זיך, גיך און מיט גרויס חשק, פּלעגט זיך מיט דער פּאָלע אָפּווישן דעם פֿאַרשוויצטן פּנים — און דערביי איז דאָס געבליבן.

מיר פּלעגן לאַכן פון דעם באַהעלפערס מאָדנע הויות, וואָס ער פלעגט מאַכן. ער האָט געקאָנט קונציק פייפן און נאָכמאַכן פייגעלאַך. מיר פלעגן אויף אים רחמנות האָבן, ווען ער פלעגט זיך צעוויינען... סיי דער רבי, סיי דער באַהעלפער זיינען געווען גוטע, און איך האָב קיין שווערן עול פון חדר ניט געוואוסט.

ביי שלמה׳קען האָב איך אָפּגעלערנט נאָר איין זמן — ער האָט אַליין געזאָגט דעם טאַטן, אַז מען מעג מיט מיר אָנהויבן לערנען חומש און אַז ער קען דאָס ניט. האָט מען מיך אָפּגעגעבן צו „נאָכע׳ן דעם גנב״...

עס זיינען געווען ביי אונז אויך חשוב׳ע מלמדים, אידן לומדים, שיינע מענטשן, קלוגע און גוטע, אָבער זעלטן ווען אַ טאַטע האָט מקפּיד געווען אויף דעם מהות פון זיין אינגלס מלמד. אינטערעסירט האָט די טאַטעס דער סכום פון שכר לימוד, די צאָל פון די אינגלאַך אין חדר, און דער־הויפּט, וועמעס אינגלאַך עס לערנען ביי דעם מלמד. דער יחוס פון די באַלעבאַטים, וועלכע דער מלמד האָט געהאַט, איז געווען דער עיקר. ווייטער האָט זיי ניט געאַרט. „אַ מלמד איז אַ מלמד״, האָבן זיי געזאָגט. און דאָס אינגל איז געווען אין דעם מלמד׳ס הענט כחומר ביד היוצר. דער מלמד האָט געטאָן, וואָס ער האָט געוואָלט.

דאָס רוב מלמדים זיינען געווען גרויסע פרומאַקעס, מיט לאַנגע, דיקע פאות, מיט גאַרטלען און אָפענע בוזעמס; און זייער הויפּט־עובדא איז געווען איינצופלאַנצן אין דעם אינגל יראת שמים און „מידות טובות״... אַנדערע ווידער,

האָבן אַלע כחות אָנגעווענדט אויף צו שאַרפן דעם תּלמיד׳ס קעפּל מיט אַלערליי פּשט׳לאַך, מיט פּלפּול, און דערצו האָבן זיי דעם אינגל געשטאָפּט, ווי אַן אינדיק, מיט תּורה און גע־זען אים צו מאַכן פאַר אַ למדן.

ווי פאַרשידן די צילן זיינען געווען ביי די מלמדים, איז אָבער די מעטאָדע געווען ביי זיי כמעט ביי אַלעמען גלייך — האַלטן דעם אינגל אין איין מורא און פּחד און ניט זשאַלעווען קיין קלעפּ, קיין שמיץ און קיין רומאַקעס... גע־ווען אַזעלכע חכמים, וואָס פלעגן זאָגן, אַז פון אַ גוטן אינגל קען מען אויסשלאָגן פּוטער און קעז, פון אַ גראָבן קאָפּ — נאָר זויער־מילך און סאַראַוועטקע, אָבער שלאָגן דאַרף מען ביידע...

י. קאַפּעלאָוו.



# ליכט

קאַרג געווען איז אונזער רבי,
און ער פלעגט קיין ליכט נישט נוצן;
פון נאָך מנחה ביז נאָך מעריב —
אין דער פינסטער הייסט ער זיצן.
און כדי אונז צו פאַרנעמען,
אַז מיר זאָלן זיך נישט שטיפן,
פלעגט ער דעמאָלט אונז דערציילן
טויזנט גרויע, אַלטע מיפן.
פון מכשפים און מכשפות
און פון רוחות און פון שדים,
און פון לצים, וואָס זיי טאַנצן
אין די פוסטקעס אויפן בוידעם!
און ער האָט מיט זיינע מעשיות
אונזער חיות אויסגעצויגן:
שדים, רוחות און מכשפים
פלעגן שטיין אונז פאַר די אויגן.
אַך, ווי שרעקלאַך שטיל און פינסטער...
ס'קינדערש האַרץ קלאַפט אומגעהייער...
און מיר פלעגן זיך צעוויינען:
רבי, רבי, צינד אָן פייער!...
און אַ וואונדער! ווי דער רבי
פלעגט אַ ליכטל נאָר אָנצינדן,
פלעגן אַלע בייזע רוחות, —
שדים, לצים, גלייך פאַרשווינדן...

א. רייזען.

# דאָס חדר

אז איך בין געוואָרן ביי אַכט־ניין יאָר אַלט, האָט מען מיך אָפּגעגעבן צו זבולון דעם מלמד. ביי אים בין איך פאַרבליבן לערנען גאַנצע זיבן זמנים. זבולון האָט גע׳שמ׳ט פאַר אַ גוטן מלמד. ער איז ניט געווען קיין גזלן, אָבער זייער שטרענג, און מיר האָבן פאַר זיין „דוך״ גע־ציטערט. ער איז געווען אַ גאַנץ קלוגער איד, געקענט גוט לערנען און איז געווען אַ מתנגד. ער האָט זיך גע־האַלטן ריין און ציכטיק: ער האָט שטאַרק מקפּיד געווען אויך אויף אונזער הילוך און אויפירונג, אַז מיר זאָלן ניט זיין אָפּגעלאָזן. ער האָט אַפילו די פּאות אויף אַ העלפט אונטערגעגרייזלט, אויף וואָס אַנדערע באַלעבאַטים זיינע, — די חסידישע, — האָבן מתרעם געווען. „דער זבולון איז גאָר אַ היינטיקער״, האָבן זיי אונטערגעבורטשעט.

תלמידים ביי אים זיינען געווען זעקס. דער שכר לימוד איז געווען אַרום צען־צוועלף קאַרבן אַ זמן, נאָר וואָס לענ־גער מען איז פאַרבליבן ביי אים האָט מען באַדאַרפט מער מוסיף זיין. אַרום און אַרום האָט ער פון זיין קנעלונג ניט געהאַט גענוג אויף חיונה, איז דאָס ווייב זיינס געווען אַ „טוקערקע״. אָבער מיט אַלץ מיט אַנאַנדער פלעגט זי אָפט קומען אין חדר בעטן געלט ביי אים און שרייען, אַז די קינדער גייען אוים פאַר הונגער. אויף וואָס ער פלעגט

כמעט שטענדיק האָבן איין תשובה: „נו, פאַרקויף מיך אין „אַכוואַטניקעס“, אָדער שנייד פון מיר אָפּ אַ פוס, אַ האַנט!“

ער האָט געהאַט זעקס קינדערלאַך און געווען איינגע־טונקט אין חובות.

אים איז געווען ניט גוט, און אונז נאָך ערגער...

דאָס חדר איז געווען ביי מיין חבר יודלען. זיין טאַטע איז געווען אברהם דער רימען־קרעמער, אַ איד, וואָס האָט אין די יונגע יאָרן געקענט גוט לערנען, האָט אָבער שפּעטער קיין מאָל קיין ספר אין האַנט ניט גענומען און אפילו די סדרה קיין צייט ניט געהאַט מעביר צו זיין. ער איז ניט געווען קיין אָרימאַן, אָבער זייענדיק אַ סלוצקער, איז ער געווען קאַרג, ווי טיטוס הרשע, און האָט געוואוינט מיט זיין ווייב און צוויי קינדער אין אַן איינציקן, ניט קיין גרויסן, און ניט קיין הויכן חדר, וואָס איז געווען צוגעבויט, ווי אַ סוכה, צום הויף־צו, צו אַ הויף, וואָס האָט גע׳שמ׳ט מיט טיפע קויט און בלאָטעס ביזן האַלז.

אונזער חדר האָט אברהם אַריינגעלאָזן צו זיך, כדי פאַרגרינגערן זיך דעם שכר לימוד און כדי זיין יודל זאָל ניט דאַרפן לויפן אין חדר הין און צוריק און רייסן די שטיי־וועלאַך...

די איינריכטונג פון חדר, אין וועלכן איך האָב פאַר־בראַכט דריי און אַ האַלב קיילאַכדיקע יאָר, איז געווען ניט גאָר פון די געהויבענע. די צוויי הילצערנע בעטן, וואָס זיינען געשטאַנען ווי אַ „ד“ איןביידע ווינקלאַך לעבן

אויוון, זיינען געווען אביסל אָפּגעפּאַרבט רויטלאַך. אויף דער ווייבערשער בעט איז געווען אָנגעוואָרפן בעטגעוואַנט ביז דער סטעליע. דאָס איז געווען דער באַלעבאָסטעס „פּאַוועלע", פון איר חתונה נאָך. זי האָט זיך מיט דעם שטאַרק איבערגענומען און זיך גרויס געהאַלטן. דאָס בעט האָבן מיר, אינגלאַך, גערופן די „סיבילניצע", ווייל אַרויפ־קריכן אויף איר און טאָפּטשען אין דעם בעטגעוואַנט איז ניט געווען קיין גרינגע זאַך. אַ קאַסטן מיט אַ פּליכעוואַטן צודעק, אַ האַלבע דעק אָפּגעטיילט, איז אַ העלפט געשטאַנען אַרויסגערוקט פון אונטערן בעט און האָט געדינט פאַר אַ לייטער אַרויפצוקריכן אויף דעם בעט. אַן אַלטער קאָמאָד, מיט שטענדיק אָפענע שיפלאָדן איז געשטאַנען רעכטס. לעבן די פענסטער — איינע אין מזרח וואַנט, די אַנדערע אין דרום — זיינען געשטאַנען צוויי קאַנאַפּעס, וואָס אַמאָל זיינען זיי געווען ווייסע, הילצערנע, אָבער איצט האָבן זיי אויסגעקוקט ווי בלייענע, מיט אַ טונקל בלויען קאָליר. לעבן קאַנאַפּע, אין מיטן שטוב, איז געשטאַנען דער טיש, וואָס זיינע פיסלאַך זיינען געווען צונויפגעבונדן מיט שטריקלאַך און וואָס פלעגט ביי איטלאַכן ריר שאָקלען זיך, קרעכצן און זינגען מיט אַ מאָדנעם ניגון. לעבן טיש, צו דער אַנ־דערער זייט, איז געשטאַנען דאָס בענקל. ניט אַזוי אויף צו זיצן האָט מען אים באַדאַרפט, ווי צוליב דעם ליגן, — אַ זייער נויטיקער חפץ אין חדר... ער איז געווען אָנגע־פיקעוועט מיט גלעלע פליאַמעס פון די צוגעברענטע טעפּ און הייסע „פּאָקרישקעס". דער ברוק, וואו דאָס בענקל איז גע־



שטאַנען, איז געווען אויסגעקרומט און די פיסלאַך פון בענקל צעדרייטע; האָט זיך דאָס בענקל שטענדיק געוויגט און געהושקעט, און מיר האָבן אים גערופן „די הושקע״ — אַי, וועט דיך דער רבי הושקען... וואַרט, וואַרט, דו וועסט שוין קריגן אַ גוטן חלק אויף דער „הושקע״! — פלעגן מיר רייצן זיך איינער מיטן אַנדערן.

אַ זייגער, פון מלך סאָבעצקים צייטן, מיט צוויי שווערע וואָגן, געצויגן אויף שטריקלאַך, איז געהאָנגען אויבן־אָן, אויף דער מזרח־וואַנט. דערביי איז געהאָנגען אַ פּאָרטרעט, וואו די צורה איז ניט געווען קענטיק, צוליב דער גרויסער התמדה פון די פליגן, אויף וועלכן מען האָט געזאָגט, אַז דאָס איז געווען משה מאָנטעפיאָרע. לעבן אויוון, אין ווינקל, איז געשטאַנען: אַ פּאָמעלע, אַ קאָטשערע, אַ לאָפּיטע און אַ בעזים. אונטערן אויוון, — אַ זאַשלינקע, אַ מולטער, אַ פּאָר קאָטשעלקעס און די דייזע — אַלץ מכשירים אַזעלכע, אָן וועלכע קיין איין אידיש הויז קען זיך ניט באַגיין. אויף דער פּאָליצע לעבן אויוון זיינען צו איין זייט געשטאַנען די מילכיקע, און צו דער אַנדערער זייט — די פליישיקע טעפּ־לאַך. אויף אַ פּאָליצע נידעריקער איז געשטאַנען די מיל־כיקע און פליישיקע געפעס, אָפּגעטיילט מיט אַ מחיצה פון דער גראַפין, אויף צו האַלטן וויין אויף קידוש.

אַ פּאָר לייכטער מעשענע, אַ חנוכה־לאָמפּ אַ בלעכענער, אַ האַק און אַ האַמער האָבן זיך אַרויסגעזן פון צווישן די אַלטע „סקרופּיאַקעס״ פון אונטערן בעט. האַרט ביי דער טיר איז פון איין זייט געשטאַנען די פּאָמעניצע — אַ

בריטער צעבער, אָבער אַ נידעריקער, פאַר אַלע אומריינ־קייטן. און פון דער אַנדער זייט איז אויף אַ טאַבורעטקע געשטאַנען אַן עמער מיט וואַסער, צו וועלכן אויף אַ שטריקל איז געווען צוגעבונדן אַ בלעכענע קווערטל, פול מיט געלע פאַרזשאַווערטע פינטלאַך, אויף צו טרינקען. די גרויסע דיישקע וואַסער, וועלכע דער וואַסער־טרעגער פלעגט אָנ־פילן אַלע פרייטיק, איז געשטאַנען אין פיר־הויז, אָבער פאַר אונז, קינדער, איז זי געווען צו הויך צו דערלאַנגען.

אין איין פענסטער זיינען אַ פּאָר שויבן געווען פאַר־שלאָגן מיט ברעטלאַך „נאַ גלוכאַ", און אין דער אַנדערער — פאַרשטעקט מיט שמאַטעס, וועלכע זיינען געווען פון „ווילגאָטע" אינגאַנצן געפוילט און פלעגן דורכלאָזן ווינטער די קעלט, פון וואָס מיר פלעגן זיך אָפט פאַרקילן.

די באַלעבאָסטע אונזערע איז געווען אַן אשת־חיל, האָט מער צייט פאַרבראַכט אין קראָם איידער אין שטוב, און האָט דעם חדר, אין וועלכן מיר האָבן פאַרבראַכט צוועלף שעה אין מעת־לעת, אויסגעקערט אַלע ערב־שבת נאָר. דעם רבי'ן פלעגט גאַניץ אָפט אויסקומען אָפּווישן דעם טיש פון דעם פאַרגאָסענעם קרופּניק פון דער נעכטיקער וועטשערע אָדער אָפּרייניקן דאָס, וואָס דער חצוף דער האָן האָט אָפּ־געטאָן... דעם רבי'ן איז דאָס ניט געווען גאָר צום האַרצן און דאָס פלעגט אים אַריינברענגען אין כעס, וואָס סוף כל סוף האָט זיך דאָס אויסגעלאָזן צו אונזערע קעפּ.

קומען אין חדר האָט מען ביי זבולונ'ען געמוזט ניט שפּעטער ווי האַלב ניין אין דער פרי און אַהיים איז מען

געגאַנגען נאָך ניין ביינאַכט. אַ חוץ אַן איבערייס פון אַן ערך אַ שעה אויף וואַרמעס, אַרום האַלב־דריי ביטאָג, האָט מען דעם גאַנצן טאָג און אַ שטיק נאַכט פאַרבראַכט אין חדר.

די תלמידים זיינען געווען צעטיילט אין דריי כיתות. איך און יודל זיינען געווען די ערשטע כיתה. מיר האָבן געלערנט דעם ערשטן האַרבן פרק אין בבאָ־קמא מיט תוספות. מיר האָבן שוין געדאַרפט מאַכן אַליין דעם „לייענען". מיר האָבן אַלע טאָג געדאַרפט „איינ׳חזר׳ן דעם נעכטיקן „לייענען" און מאַכן דעם נייעם „שיעור"; האָבן מיר ניט געקענט אָפּרייסן זיך פון דער גמרא.

די אַנדערע צוויי כיתות זיינען געווען קלענערע, און ווען דער רבי האָט מיט זיי ניט געלערנט, זיינען זיי געווען פראַנק און פריי. מיר און יודלען האָט די מעשה שטאַרק פאַרדראָסן. מיר פלעגן אויסגיסן די הערצער איינער פאַר דעם אַנדערן, פראָטעסטירן און שרייען: סטייטש, סטייטש, פאַרוואָס קומט דאָס אונז אַזוי פאַרשוואַרצט ווערן? אַפּנים דען מיר זיינען עלטער פאַר יענע, איז וואָס? מיר האָבן אין האַרצן ביי זיך דעם רבי׳ן ניט געקענט מכפר זיין אַזאַ עולה און געווען אים דם־שונאים. מיר האָבן די אַנדערע חברים זייער מקנא געווען, וואָס זיי קענען זיך שפּילן, לויפן אין דרויסן אויף לאַנג, וויפיל זיי ווילן. אונז ווידער האָבן די חברים מקנא געווען, וואָס מיר זיינען די ערשטע כיתה, מאַכן אַ „לייענען" און לערנען תוספות שוין!

די קנאה פון די חברים האָט אונז אַביסל מפצה געווען. און דוקא האָבן מיר הנאָה געהאַט און געהאַלטן זיך גרויס, וואָס מיר זיינען די ערשטע אין חדר, אָבער צו פריי זיין קומט דאָס ניט, און מיר האָבן זיך געהאַלטן פאַר זייער „געקריוודעטע”. מיר האָבן דעריבער לאַנג און פאַמעלאַכקע געגעסן און „געמאַרודעט” מיט דעם פאַד-אָנבייסן; אַלע ווילע וואַסער געטרונקען און אַלע ווילע געלאָפן „פאַר זיך”... אַלע מעגלאַכע מיטלען האָבען מיר אָנגעווענדט אויף אויסצודרייען זיך פון לערנען. דער רבי האָט דאָס געוואוסט און געמאַכט זיך כלא ידע.

איך און יודל זיינען שטענדיק געווען די ערשטע צו פאַרפירן עפּעס, „אַן אַקט, אַ מעשה”, אָדער אַ „פאָדעפּאַל-צאַר,” וואָס טריפה יונגען קענען. די איבעריקע חברים, האָבנדיק דרך-ארץ פאַר אונז, פלעגן אונז נאָכטאָן און נאָכ-מאַכן.

דאָס שטיפן פלעגט אונז אַזוי פאַרשלינגען, מיר פלעגן זיך אין אים אַזוי אַריינטאָן, אַז זעלטן ווען פלעגן מיר זיך דערמאָנען, אַז מען דאַרף עסן, אָדער אַ קוק טאָן אויפן זייגער, ווי שפּעט עס איז. מיר פלעגן זיך כאַפּן אַ פּאָר מינוט פאַר דעם רבינ'ס צוריקקומען און קיין צייט ניט געהאַט לויפן אַהיים. גאַנץ אָפט פלעגן מיר בלייבן הונגעריקע און ניט טאָרן נאָך אַ פּיפּס טאָן וועגן דעם: חלילה וחס, דער רבי זאָל זיך ניט דערוויסן.

י. קאַפּעלאָוו.

# דער נייער זמן

הײדאַ, נו, צוריק אין חדר!
נאָר געגומען זיך געשמאַק
צו דעם לימוד, צו דעם אַלטן,
מיט דעם נוסח, מיט דעם קנאַק!

האָט איר, קינדער, ניט פאַרגעסן
און אַ ליכטל מיטגעבראַכט?
אָסיען, קליין זיינען די טעג שוין,
לערנען נעמט מען היינט ביינאַכט.

צינדט זשע, קינדער, אָן דאָס ליכטל
און גענומען זיך געשמאַק —
צו דעם לימוד, צו דעם אַלטן,
מיט דעם נוסח, מיט דעם קנאַק!

לערנט, קינדערלאַך, גאָטס תורה,
אירע סודות טיף און גרויס,
לערנט, לערנט, ליבע קינדער,
ביז דאָס ליכטעלע גייט אויס...

ה. רויזענבלאַט.

# די צוויי ברידערלאַך

יענקעלע און בערעלע — צוויי ברי־דערלאַך, דער ערשטער פערצען יאָר אַלט, דער צווייטער זעכצן — לער־נען אין דער ישיבה, וואָס גע־פינט זיך אין דער גרויסער שטאָט, פינף מייל פון זייער געבורטס־שטעטל „דלות׳אָווקע״.

יענקעלע איז אַ דאַרנקער, אַ בלייכנקער, מיט צוויי שוואַרצע אייגעלאַך, וואָס קוקן כיטרע אַרוים פון אונטער די צוויי שוואַרצע ברעמען. בערעלע איז העכער און פולער פאַר יענקעלען, אויגן האָט ער העלערע, און זיין קוק איז שטרענגער און פאַרטראַכטער.

די צוויי ברידערלאַך האָבן געהאַט סטאַנציע ביי אַן אָרימער קרובה, אַן אַלמנה, אַ טענדלערן, וואָס האָט זיך ביז שפּעט אין דער נאַכט אין שטיבל ניט געפונען. קיין בעט האָבן די צוויי ברידערלאַך ניט געהאַט, דערפאַר אָבער האָט דער קופערט, וואָס איז געווען ברייט געווען, געדינט זיי פאַר אַ בעט, און די צוויי ברידערלאַך פלעגן ביידע גע־שמאַק שלאָפן אויף אים, איינדעקנדיק זיך מיט זייערע לאַנגע צעריסענע בגדים׳לאַך און פלעגן אין חלום זען זייער שטעטעלע, זייער געסל, דאָס שטיבעלע און דעם טאַטן מיט דער לאַנגער באָרד, מיט די אויסגעלאָשענע אויגן, מיטן געבויגענעם רוקן און פלעגן זען דער מאַמען מיטן לאַנגן,

בלייכן, אומעטיקן פנים, און פלעגן הערן, ווי די קליינע ברידערלאַך און שוועסטערלאַך קריגן זיך, רייסנדיק זיך פאַר אַ שטיקל הערינג... און נאָך פלעגט זיך זיי חלומ׳ען חלומות פון דער היים, און אין דער פרי פלעגט זיך זיי בענקען, און עס פלעגט זיי ציען, ציען, און דעמאָלט פלעגן זיי לויפן אויף דער דלות׳אָווקער אַכסניא פרעגן ביי די בעל־עגלות אַ גרוס, צי אַ בריוועלע פון דער היים.

און די דלות׳אָווקער בעלי־עגלות זיינען געווען גוטע אידן, האָבן געהאַט ווייכע הערצער און וואָלטן אודאי רחמנות געהאַט אויף די צוויי אָרעמע אינגלאַך, וואָס גאַרן אַזוי עפּעס הערן פון דער היים, וואָס זייערע אייגעלאַך ברענען און זייערע הערצעלאַך קלאַפּן אַזוי שטאַרק, — זיינען אָבער די בעלי־עגלות געווען שטאַרק פאַרשמייט: קומען פלעגן זיי אַהער מיט טויזנטער שליחות פון דלות־אָווקער קרעמער און סוחרים, און בריוו האָבן זיי געהאַט מער פאַר דער פּאָסט, און די אָרדענונג איז ביי זיי געווען אַ סך ווייניקער ווי אין פּאָסט; בריוו פלעגן ביי זיי פאַרלעגן ווערן, פּאָסילקעס פלעגן ביי זיי פאַרפאַלן ווערן, און צע־טומלט, קראַצנדיק זיך אין די פּאַטילניצעס, פלעגן זיי יעדערן ענטפערן:

— אָט באַלד, באַלד, באַלד געפין איך... ניין... דאַכט זיך, פאַר אייך האָב איך גאָר נישט...

אַזוי פלעגן זיי ענטפערן גרויסע אידן, וואָס פלעגן קומען צו זיי; די ברידערלאַך אָבער פלעגן שטיין און שטיין, קוקן מיט דאָרשטיקע אויגן און מיט צעקלעמטע הערצער

אויף לייזער בעל־עגלה — אַ באַוואַקסענער איד, אין אַ קורצן וואַטאָווען קאַפטן סיי זומער, סיי ווינטער — און פלעגן ווערטן, טאָמער וועט ער זיי באַמערקן און זאָגן זיי עפּעס, כאָטש אַ וואָרט... נאָר לייזער איז געווען פאַרהאַוועט! דאָ האָט ער אויפן הויף דעם פערד עסן געגעבן, דאָ פלעגט ער אַריינלויפן אינוויינינק אין אַכסניא, דאָ פלעגט ער זיך פאַנאַנדעררײדן מיט אַ פּריקאַזשטשיק פון אַ גרויסן מאַגאַזין, וואָס האָט אים אַ „רשימה" מיט סחורה געבראַכט, אָפּ־צופירן אין דלות'אָווקע פאַר אַ קרעמער. און די ברידער־לאַך פלעגן אַלץ שטיין... ביז דעם עלטערן ברידערל — בערלען — פלעגט דאָס געדולד פּלאַצן און אַ פאַרביסענער שיר נישט פונאַנדערוויינענדיק זיך פאַר פאַרדרוס, פלעגט ער קוים אויסריידן:

— איר האָט, ר' לייזער, אַ בריוועלע פון טאַטן?

נאָר לייזער פלעגט אָדער פלוצלונג ניט ווערן, אַנט־



לויפן אין גאַס אַריין מיט וועמען עס איז אָדער זיין פאַר־טראָגן אין שמועס און בערעלע פלעגט זיך קוים דערוואַרטן אויף עפּעס אַן ענטפער, וועלכן לייזער פלעגט, ניט קוקנדיק בערעלען אין פּנים, אַרויסזאָגן:

— ניטאָ... ניטאָ...

— ניטאָ! — פלעגט בערעלע אַרויסקרעכצן און אַ צע־קלעמטער, אַוועקרופן יענקעלע, און פלעגן זיך לאָזן גיין אויף זייערע „טעג“, אומעטיקע, דערשלאָגענע...

— ער מוז אַודאי פאַרלירן די בריוו! — פלעגט יענ־קעלע נאָכדעם אין עטלאַכע מינוט אַרום אויסריידן, גייענדיק.

— אַ שלעכטער איד! — פלעגט בערעלע ברומען פאַרדריסלאַך...

נאָר איין מאָל האָט זיי לייזער דאָך אַ בריוועלע אי־בערגעגעבן, און דערצו אַ קליינע פּאָסילקע. אין בריוועלע איז געשטאַנען:

„ליבע קינדער, זייט מענטשן און ווילט לערנען. מיר שיקן אייך דאָ אַ האַלב קעזל און אַ פערטל פונט צוקער און אין אַ גלעזל אַביסל יאַגעדעס סאָק; עסט געזונטער־הייט און קריגט זיך ניט.

„ממני אָביכם חיים העכט“.

דעמאָלט איז ביי זיי אין די אויגן לייזער בעל־עגלה געווען דער בעסטער מענטש אין דער וועלט. ווען זיי וואָלטן זיך ניט געשעמט, וואָלטן זיי אים מיט זיין פערד און וואָגן פאַר ליבשאַפט אויסגעקושט. זיי האָבן גלייך אָנגעשריבן אַ בריוול (פּאַפּיר פלעגן זיי אויסרייסן אין

ישיבה די ערשטע בלעטער פון די גמרות און זייערע הערצ־לאַך פלעגן געגוג דעמאָלט קלאַפּן) און האָבן עס אויף דער נאַכט ביידע אָפּגעטראָגן צו לייזער בעל־עגלה. לייזער האָט עס קאַלט צוגענומען, אַריינגערוקט אין בוזעם און עפּעס אַרויסגעברומט אַ וואָרט ענלאַך צו „גוט".

— וואָס האָט ער געזאָגט, בערל? — האָט יענקעלע מיט האַרצקלאַפּעניש געפרעגט.

— גוט, דאַכט זיך... — האָט בערל מיט ספקות געענטפערט.

— מיר האָט זיך אויך געדאַכט, אַז ער האָט געזאָגט „גוט"! — האָט יענקעלע זיך אַליין באַרואיקט. ער האָט אַ זיפץ געטאָן און צוגעגעבן מיט שרעק:

— ער קאָן נאָך דעם בריוו אָנווערן!

— ביים בעסער אָפּ די צונג! — איז בערעלע אין כעס געוואָרן.

און פאַרקלערט וועגן גורל פון זייער בריוו אַהיים, האָבן זיי זיך געלאָזט גיין אויף זייערע „טעג", וואָס זיי האָבן געהאַט אין באַזונדערע גאַסן.

---

אַזוי זיינען די צוויי ברידערלאַך דריי מאָל אין וואָך, ווען זייער בעל־עגלה קומט צופאָרן אַהער, אַלע אין דערפרי, ניט געגאַנגען, נאָר געלאָפן אויף דער דלות'אָוקער אכסניא, פרעגן אַן „ענטפער" אויף זייער בריוועלע, און לייזער דער בעל־עגלה איז וואָס אַמאָל אַלץ מער צעטראָגענער געוואָרן, בייזער און ענטפערט זיי, אָדער האַלבע ווערטער, וואָס די

צוויי ברידערלאַך באַנעמען עס ניט און וואָלטן וועלן אי־בערפרעגן, ווען זיי וואָלטן קיין מורא ניט געהאַט, אָדער ער ענטפערט זיי גאָר ניט און זיי גייען אַוועק מיט צע־קלעמטע הערצער...

איינמאָל אָבער האָבן זיי דערהערט פון לייזער דעם בעל־עגלה גאַנצע ווערטער, וואָס זיי האָבן גוט פאַרשטאַנען:

— וואָס האָט איר זיך, קונדיסים, צוגעטשעפּעט? וואָס דולט איר מיר אַ קאָפּ: בריוול, שמיוול!... איר צאָלט מיר אַ סך?... איך בין אייערער אַ פּאָסטאַליאָן? וואָס? גייט אייך געזונטערהייט...

די צוויי ברידערלאַך זיינען טאַקע אַוועקגעגאַנגען, אָבער ניט געזונטערהייט, ווי ער האָט זיי געהייסן; די הערצעלאַך האָבן זיי מאָדנע געדריקט, שטאַרק ווי געטאָן און די יונגע, דינע פּיס האָבן זיך געבויגן און טראָפּנס טרערן האָבן זיך זיי אין די אויגן געשטעלט און אַראָפּגע־רונען אויף דער ערד און צעטרעטן געוואָרן פון מענטשלאַכע שווערע טריט...

און מער זיינען זיי שוין ניט געגאַנגען צום בעל־עגלה פרעגן אויף אַ בריוו.

— ליגט ער אין דר׳ערד! — האָבן זיי געשאָלטן, כאָטש זייערע הערצלאַך האָבן עס ניט געמיינט, און זיי האָט געצויגן כאָטש גיין זען לייזער בעל־עגלה, זיין פערד און וואָגן: זיי זיינען דאָך פאַרט דלות׳אָווקער און ליב זיינען זיי די צוויי ברידערלאַך געווען...

איינמאָל אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, נאָכדעם ווי דער בעל־עגלה האָט זיי אַזוי פּאַריאָגט, זיינען די צוויי ברידערלאַך געזעסן ביי דער אָרימער קרובה אין שטיבל און האָבן גע־רעדט וועגן דער היים. דאָס איז געווען אַ זומערדיקער טאָג, פרייטיק.

— וואָס קער איצטער צו טאָן דער טאַטע? — האָט יענקעלע אַ זאָג געטאָן, אַריינקוקנדיק אין די קליינע שויבעלאַך פון די קליינע פענסטערלאַך.

— ער שניידט אודאי די נעגל, — האָט בערעלע מיט אַן אומעטיק שמייכעלע געענטפערט.

— ער מוז גאָר איצטער צעהאַקן אַ „פּיסנאָע"... — האָט יענקעלע זיך פאָרגעשטעלט אין דמיון, — און די מאַמע מוז קעמען איצטער חייענעלען, און חייענעלע מוז אַודאי וויינען...

— גענוג צו ריידן נאַרישקייטן, — האָט בערל אים אָפּגעשטעלט. — וואָס קען מען וויסן אונטער די אויגן, וואָס דאָרטן טוט זיך? אפשר איז עמיצער גאָר געשטאָרבן, — האָט ער צום סוף געגומען שרעקן יענקעלען.

— גיי, גיי, משוגענער! — האָט יענקעלע איבערגע־שלאָגן — אַז מען שטאַרבט, זאָגט מען דאָך אָן...

— אפשר האָט מען אָנגעזאָגט און דער בעל־עגלה גיט אונז ניט איבער...

— אַי, גענוג צו פּלוידערן! — האָט שוין יענקעלע זיך צעבייזערט אויף אַן אמת...

— שאַ, נאַרעלע, איך לאַך דאָס! — האָט בערל אים באַרואיקט — אַלע לעבן...

יענקעלע איז פריילאַך געוואָרן און האָט פּלוצלונג אַ שפּרונג געטאָן אין דער הויך און מיט לוסטיקע אייגעלאַך אויסגעשריען:

— בערל! פּאָלג מיך, לאָמיר שיקן גאָר אויף פּאָסט אַ בריוול אַהיים.

— ביסט גערעכט! — האָט בערל איינגעשטימט — איך האָב אָבער קיין געלט ניט.

— איך האָב אַ פּירערל, מיר איז געבליבן פון נעכטיקן צענערל. אויף מיין „דאַנערשטיק" גיט מען דאָך מיר, ווייסט דאָך, אַ צענערל אויף וועטשערע, איז מיר אַ פּירערל געבליבן.

— און איך האָב אויך אַ קאָפּיקע! — האָט בערל געזאָגט.

— אַקוראַט אויף אַן אָטקריטקע.

— ווער וועט אָבער שרייבן? — האָט יענקל געפרעגט.

— איך, — האָט בערל געענטפערט — איך בין דאָך עלטער, איך בין דאָך אַ בכור...

— איך גיב דאָך אָבער אַ פירער.

— אַ בכור איז מער ווערט ווי אַ פירער.

— ניין! איך וועל שרייבן אַ האַלבן און דו אַ האַלבן, האַ?

— זאָל זיין אַזוי. קום קויפן אַ קאַרטל!

און די צוויי ברידערלאַך זיינען אַוועקגעלאָפן קויפן אַ קאַרטל אין פּאָסט.

— דאָס וועט זיך גאָר ניט אויסשטעלן! — איז יענ־קעלע ניט געווען צופרידן, באַטראַכטנדיק, צוריקגייענדיק אַהיים, דאָס קליינע קאַרטל.

— מיר וועלן שרייבן קלייניניקע אותיות׳לאַך, מאַנ־טשינקע, — האָט בערעלע אַן עצה געגעבן.

— וועט דער טאַטע ניט קענען איבערלייענען...

— ניש־קשה! ער וועט אָנטאָן די שפּאַקולן!

— נו, קום גיכער! — האָט יענקעלע געטריבן.

זיין הערצל איז שוין פול געוואָרן מיט ווערטער, און ער האָט זיי געוואָלט שוין אויף דער גיך אויסגיסן אויפן שטיקעלע פּאַפּיר, פאַר וועלכן ער האָט זיין גאַנצן פאַרמעגן אַוועקגעגעבן...

זיי זיינען געקומען אין שטיבל און האָבן זיך גענומען מכין זיין צום שרייבן.

בערל האָט גענומען שרייבן דער ערשטער, יענקעלע איז געשטאַנען און געקוקט.

— הייב אָן העכער, דאָ קאָן מען דאָך שרייבן אַ שורה. וואו האָסטו אַזוי ווייט אַוועקגעשטעלט דעם לאהובי! — האָט יענקעלע געשריען.

— וואו זאָל איך אים שטעלן? אויפן הימל — וואָס?

— האָט בערעלע געריבן און געטריבן פון זיך יענקעלען:

— גיי אַוועק! איך וועל דיר לאָזן אַ האַלבע, טומל מיר ניט...

— שאַ! שאַ! — איז יענקעלע אָפּגעטראָטן און גע־קוקט פון דער ווייט מיט דורשטיקע אייגעלאַך אויף בערע־לען, ווי אַזוי יענער זיצט פאַרטיפט און שרייבט, שרייבט, קנייטשט דאָס שטערנדל און טונקט די פען און פאַרטראַכט זיך און שרייבט ווייטער.

— גענוג שוין! — האָט יענקעלע אין עטלאַכע מינוט אַרום אַ געשריי געגעבן.

— עס איז נאָך ניט קיין האַלבע, — האָט בערעלע שרייבנדיק געענטפערט.

— מיר קומט דאָך מער ווי אַ האַלבע! — האָט יענ־קעלע שוין בייז געשריען. דער חשק צו שרייבן, אויסגיסן דאָס האַרץ פאַר די היימיקע האָט אים שוין אינגאַנצן דורכ־גענומען.

נאָר בערעלע האָט שוין ניט געהערט. ער האָט זיך צום אָנהויב אַריינגעלאָזט אין מליצות, ווי „ראשית באתי להודיעך שאני בריא וקים”. פונקט, ווי ער האָט אויס־לערנט אין בריוונשטעלער. די ביסעלע אייגענע ווערטער איז נאָך אים אין קאָפּ געבליבן: ער דאַרף נאָך פאַר׳מסר׳ן לייזער דעם בעל־עגלה, ער דאַרף נאָך שרייבן, וויפיל בלאַט גמרא ער האָט אָפּגעלערנט, ער דאַרף נאָך געבן אָנצוהע־רעניש, אַז מען זאָל זיי שיקן עפּעס אַ פּאָסילקעלע, ווייל עס פעלט זיי צו מאָנטיק און צו מיטוואָך, און דער „דינסטיק” איז אויך ווי גאָרנישט.

און בערעלע שרייבט און יענקעלע קען זיך

שוין ניט אײַנהאַלטן, ער זעט ווי בערעלע פאַרנעמט מער ווי אַ האַלבע.

— גענוג! — איז ער צוגעלאָפן מיט אַ געשריי און אָנגעכאַפּט פאַר דעם הענטל פון פעדער.

— נאָך דריי ווערטער! — האָט זיך בערעלע געבעטן.

— אָבער, געדענק זשע: מער ניט! — האָט יענקעלע געשריגן און די אויגעלאך האָבן אים געפלאַקערט...

און בערעלע האָט זיך גענומען שרייבן די דריי ווערטער, נאָר דער געדאַנק, וועלכן ער האָט געדאַרפט אויסדריקן, האָט געפאָדערט נאָך אַ צען־פופצן ווערטער און בערעלע, אַ באַגייסטערטער פון שרייבן, האָט געפּיקט, געפּיקט אויפן פּאַפּיר און פאַרנומען נאָך אַ שטיק פון דער אַנדערער העלפט פון קאַרטל.

— דו הערסט אויף! — האָט יענקעלע אויסגעשריגן און זיך היסטעריש פאַנאַנדערגעוויינט, באַטראַכטנדיק דאָס קליינע שטיקעלע, וואָס פאַר אים איז געבליבן.

— שאַ, נאָך ממני בנך...—האָט זיך בערעלע געבעטן— מער ניט!...

נאָר יענקעלע דערמאָנט זיך, אַז ער האָט געגעבן אַ גאַנצן פּירערל און בערלס וועט מען אין דער היים לעזן אַזוי פיל, איז אַזוי צעקאָכט געוואָרן, אַז ער האָט גענומען מיט ווילדקייט רייסן פון אונטער בערלס הענט דאָס קאַרטל.

— לאָז מיך שטעלן נאָך ממני בנך! — האָט זיך בערעלע שטאַרקער געבעטן — מער ניט!...

— עס וועט זיין רעכט אָן ממני בנך... — האָט יענקל



געשריגן, כאָטש ער האָט געפילט, אַז ממני בנך מוז זיין. דער כעס האָט אים אָבער גענומען קאָכן און ער האָט גענומען שלעפּן מיט געוואַלד דאָס קאַרטל; בערעלע האָט פעסט צוגעדריקט, נאָר יענקעל האָט אַזאַ שטאַרקן שלעפּ געטאָן, אַז דאָס קאַרטל האָט זיך אויף צווייען צעריסן.

— וואָס האָסטו געטאָן, גזלן? — האָט בערל ווילד אויסגעשטעלט זיינע אויגן אויף יענקעלען.

— איך האָב געוואָלט אַזוי! — האָט יענקעלע געזאָגט דורך פאַרשטיקטע טרערן.

— וואָס האָסטו געטאָן? — האָט בערל ווייטער גע־פרעגט, קוקנדיק מיט פאַרצווייפלטע בליקן אויף די צוויי האַלבע צעריסענע שטיקער פון דעם פּאָסט־קאַרטל.

נאָר יענקל האָט ניט געקענט ענטפערן, די טרערן האָבן אים געוואָרגן, און ער איז אַ פאַרצווייפלטער אַ פאַל געטאָן צום וואַנט, רייסנדיק זיינע האָר... דאָ האָט שוין בערל אויך ניט אויסגעהאַלטן און דאָס קליינע שטיבל איז פול געוואָרן מיט יאָמער...

א. רייזען.

# דאָס ליד פון ישיבה בחור

מאַי־קאַ משמע־לן דער רעגן ?
וואָס־זשע לאָזט ער מיך צו הערן ?
זיינע טראָפּנס אויף די שויבן
קייקלען זיך, ווי טריבע טרערן.

און די שטיוול איז צעריסן
און עס ווערט אין גאַס אַ בלאָטע ;
באַלד וועט אויך דער ווינטער קומען —
כ׳האָב קיין וואַרימע קאַפּאָטע.

מאַי־קא משמע־לן דאָס ליכטל,
וואָס־זשע לאָזט ער מיך צו הערן ?
ס׳קאַפּעט און עס טריפט זיין חלב
און ס׳וועט באַלד פון אים נישט ווערן.

אַזוי צאַנק איך דאָ אין קלייזל,
ווי אַ ליכטל שוואַך און טונקל,
ביז איך וועל מיר אַזוי אויסגיין
אין דער שטיל, אין מזרח־ווינקל.

מאַ־קא משמע־לן מיין לעבן,
וואָס־זשע לאָזט עס מיך צו הערן ?
פוילן, וועלקן אין דער יוגנט
פאַר דער צייט פאַרעלטערט ווערן.

עסן טעג און שלינגען טרערן,
שלאָפן אויפן פויסט דעם האַרטן,
טייטן דאָ די „עולם־הזה"
און אויף „עולם־הבאָ" וואַרטן.

אברהם רייזען.



# דער גימנאַזיסט

דער ערשטער, וואָס האָט אַוועקגעשיקט זיין אינגל אין גימנאַזיע, איז געווען אברהם אליה.

אברהם אליה איז געווען אַ איד אַ משכיל. עס איז וועגן אים אין שטעטל אַרומגעגאַנגען, געדענק איך, אַ לעגענדע, אַז בחור־ווייז האָט ער זיך געהאַלטן ביים שמד׳ן; אַזוי ווייט איז ער, הייסט עס, אַוועק אין חקירה... ווי אַזוי ער איז פון שמד ניצול געוואָרן — האָט די לעגענדע ניט געוואוסט. עס איז אָבער געווען אין דער לעגענדע אַ וואַריאַנט, אַז פון שמד האָט אים אָפּגערעדט חנה־ביילע, זיין איצטיק ווייב, וואָס איז געווען מיידלווייז אַ גרויסע פּאַרשוין און אַ חכמה און מיט וועלכער ער לעבט עד היום זייער גליקלאַך.

אַלנפאַלס האָט מען אים אַ סך זאַכן מוחל געווען, סיי די צו־קורצע קאַפּאָטע, וואָס ער האָט געטראָגן אין מיטן וואָך, סיי דאָס גלוי־ראש צו הויז. אדרבה, מען איז געווען צופרידן, וואָס כאָטש שבת גייט ער דאַוונען — אמת, ניט אין שול, אָבער אין אַ „מנין״ איז אויך די תפילה אָנגענומען, בפרט, אַז אין מנין, וואו אברהם אליה האָט געדאַוונט, איז צוגעגאַנגען עכט־אידישלאַך. אַמאָל פלעגט ער אַפילו דאַווענען שחרית פאַרן עמוד, און זיין עברי איז געווען וואָס צו הערן: ווערטער ווי פּערל. איינס נאָר האָט די דאַוונער

פון מנין אַביסל געשטערט: אַ למד פּלעגט ער אַרויסזאָגן צו ווייך. נאָר אַ משכיל פון מנין האָט ערקלערט, אַז דאָס קומט פון די פיל דייטשע ביכער, וואָס אברהם אליה לייענט... און דער קליינער עולם פון מנין איז מיט דער צייט אויך מיטן ווייכן למד שלום געוואָרן.

אין מנין פלעגט אברהם אליה שטענדיק קומען מיט זיין עלטערן אינגל, וואָס פלעגט שטענדיק זיצן לעבן אים מיט אַ סידור׳ל אין האַנט, און פּאַמעלאַך דאַוונען. וועגן אינגל האָט מען דערציילט, אַז ער קען אַלע גראַמאַטיקעס אויס־ווייניק און דוקא אָן לערערס. דאָס אַלץ האָט אים דער טאַטע אויסגעלערנט, און די דאַוונער האָבן געהאַט פּאַרן אינגל, שלמה׳קע, פּונקט דעמזעלבן דרך־ארץ, ווי פאַרן טאַטן אַליין.

צווישן די דאַוונער פון מנין איז אויך געווען מיין טאַטע, וואָס האָט ליב געהאַט צו שמועסן, ווי ווייט עס האָט זיך גע־לאָזט, מיט אברהם אליה׳ן וועלכער איז קיין איבעריק „באַ־רעדער" נישט געווען. דאָך האָט ער אויף מיין טאַטן, אויך אַ שטיקל משכיל, געלייגט דרך־ארץ, און זיי פלעגן אַמאָל צו־זאַמען אַרויסגיין פון מנין און דער איבעריקער עולם פלעגט נאָכגיין פון הינטן און האָרכן, פון וואָס ריידן צוויי „קע־נער"...

איך פלעג דאַן כאַפּן אַ שמועס מיט שלמה׳קען.

— דו גייסט גאָר ניט אין חדר?

— ניין... — האָט ער קורץ געענטפערט.

— לערנסט מיטן טאַטן?...

— אַליץ מיטן טאַטן...

— און רוסיש לערנסטו זיך אויך ביים טאַטן?

— אַפילו דייטש אויך.

— דייטש אויך?! — האָב איך זיך פאַר'חדוש'ט און בין שטאַרק געוואָרן אַראָפּגעפאַלן ביי זיך אין די אויגן, וואָס איך קען נאָך אַזוי ווייניק, און האָב ניט געוואַגט מיט שלמה'קען ווייטער צו ריידן.

שלמה'קע אָבער איז געווען ביי זיך פּראָסט, און איינמאָל האָט ער מיר אָנגעזאָגט:

— ווייסטו, נאָך יום-טוב פאָר איך נאָך מינסק, אין גימנאַזיע...

— אין גימנאַזיע!... — האָב איך אויפגעשטעלט אויף אים די אויגן און באַלד צו זיך געקומען און געפרעגט: — און אום שבת וועסטו שרייבן?

שלמה'קע האָט אַ שמייכל געטאָן און גאָרנישט געענטפערט.

איך בין אַוועק אַ פאַרשעמטער און פול מיט קנאה. אויף מיין טאַטן האָב איך געקוקט מיט פאַרדרוס און גרינגשעציק. אויך מיר אַ טאַטע! אָט, אַז מען האָט פאַר אַ טאַטן אַזאַ, ווי אברהם אליה, קען מען קומען צו אַ תכלית!... און איך וואָס?... אַז שלמה'קע וועט אַמאָל קומען צופאָרן, וועט ער שוין אַפילו ניט וועלן ריידן מיט מיר.

און איך האָב גענומען אויף מיר צו לערנען רוסיש, געקויפט גאַנצע זעק בויגן פּאַפּיר, געמאַכט דערפון אַ העפט פון אַכט און פערציק זייטן, יעדעס זייטל האָב איך אָפּגע-

צוימט מיט אַ לאַנגן שטריך און אויף איין זייט פאַרשריבן אַלע שווערע רוסישע ווערטער. אויף דער צווייטער זייט דעם „טייטש-וואָרט" און פלעג נאָכאַנאַנד חזרן'ן:

— באָך — גאָט; ניעבאָ — דער הימל; זוויאָזדי — די שטערן — פטיצאָ — אַ פויגל...

. אויף אַזאַ אופן האָב איך געהאָפּט אויסלערנען זיך „פּאָלקאָם" די רוסישע שפּראַך, און טאָמער קומט שלמה'קע צו-גאַסט, זאָל איך כאָטש ניט זיין קיין שטומער און קאָנען מיט אים אויסריידן אַ פּאָר ווערטער...

---

איינמאָל אין אַ זומערדיקן שבת קום איך אַריין מיטן טאַטן אין מנין, ערשט איך זע לעבן אברהם אליה'ן זיצט איינער מיט אַ באַקאַנט פּנים, אין אַ היטל מיט אַ קאָקאַרדע, אין אַ בלויען מונדיר מיט מעשענע קנעפּ, אויסגעזעצט אין אַ לאַנגער ריי; האַלט אַ סדור'ל אין האַנט און קוקט דאָ אויפן באַלקאָן, דאָ אויפן עמוד און דער גאַנצער עולם אויף אים...

אָנפאַנגס בין איך מבולבול געוואָרן, נאָר אין אַ ווײַלע אַרום האָב איך מיך געכאַפּט, אַז אָט דאָס איז דאָך טאַקע שלמה'קע אברהם אליה'ס, וואָס גייט איצט אין מינסקער גימנאַזיע און איז אויף זומער געקומען אַהיים.

שטיי איך אַזוי און קוק אויף אים און שלינג אים שיר ניט איין מיט מיינע בליקן, און איך פיל, אַז דאָס איז זייער ניט איידל צו קוקן אַזוי נאָכאַנאַנד אויף אַ מענטשן, ער מעג אַפילו זיין אַ גימנאַזיסט... בפרט, אַז איך האָב אין דעם יאָר

אויך עפּעס אויפגעטאָן: האָב איך מיין העפט שוין פאַר־שריבן דריי הונדערט זיבן און פערציק רוסישע ווערטער און קען אַלע טייטש־ווערטער, און אין דייטש איז אַ סברה, אַז איך קען שוין באַלד דעם גאַנצן אַ־בע־צע. מיט איין וואָרט — שטאַרק נתפּעל ווערן דאַרף איך נים. און איך באַשלים — אינגאַנצן מבטל זיין אים, מיט זיין היטל, מיט זיינע קנעפּ, און קוקן בעסער אין פענסטער אַריין... אָבער אויספירן דאָס איז נים אַזוי לייכט. איך וועל קוקן אויף אים אַזוי, אַז ער זאָל נים באַמערקן... איז אָבער מעשה־שטן, ווי נאָר איך גיב אַ הייב די אויגן צו אים, טרעף איך זיך גלייך מים זיינע בליקן.

באַטראַכט איך מיך, אַז אין פלוג זיינען מיר דאָך אַלטע באַקאַנטע, פאַרוואָס זאָל איך טאַקע נים קוקן אויף אים אָפן? איך זאָל נים זיין קיין טרוס, קאָן איך אַפילו צוגיין צו אים און געבן אים די האַנט און זאָגן: „זדראַווו־סוואויטע“ — און ער זאָל נים מיינען, אַז איך בין שוין גאָר אַ גאָרנישט!...

אַ לייכטע זאַך איז דאָס, נאָר אָט־אָט האַלט שוין דער חזן ביי „שים שלום“ און איך בין נאָך אַלץ זיך מכין צו־צוגיין.

מילא, איך וועל דאָס אָפּלייגן צו קריאת־התורה. דע־מאָלט וועט זיין בעסער. נאָר אָט האַלט מען שוין באַלד ביי מפטיר, און איך האָב נאָך מיין פּלאַן נישט אויסגעפירט. איך האַלט אַלץ אין איין חזר׳ן „זדראַווסוואויטע“, און דאָ

הער איך, ווי מען רופט אוים: יעמוד החתן ר׳ שלמה ב״ר אברהם אליה מפטיר...

מפטיר אין אַ גוי׳ישן היטל, אין מעשענע קנעפּ..., פאַר׳חדוש איך מיך. און דאָך טוט עס מיר הנאה: ווי־באַלד אַז מפטיר — איז ער דאָך פאָרט נענטער צו מיר.

אמת, ביי די ברכות האָט ער זיך אַביסל אויסגעגליטשט, אַ פּאָר ווערטער האָט ער דורכגעלאָזט, אָבער בכלל איז דער ניגון געווען אויסגעהאַלטן. און ביי מיר בלייבט, גלייך ווי ער ענדיקט מפטיר — צוגיין צו אים און געבן שלום־עליכם. עס איז פאָרט לייכטער, איידער אויסצורעדן „זדראַווסטוואויטע״. ווער ווייסט, צי וועל איך עס נאָך שאַרף אַרויסריידן? איך קאָן נאָך מעשה־שטן אַרויסריידן מיט אַ „זשע״, ווי עס טרעפט זיך ביי מיר אָפט, און דע־מאָלט וועט ער האָבן וואָס צו לאַכן.



אַז ער האָט גענענדיקט דעם מפטיר, האָב איך שוין גע־מאַכט אַ טריט פאָרויס. נאָר דאַן האָבן מיר געשטערט עטלאַכע אידן פון עולם, וועלכע האָבן זיך אַ לאָז געגעבן אים אָפּגעבן „שלום־עליכם״.

— פאַר מיר — האָב איך געטראַכט — פּאַסט ניט צוזאַמען מיט די פּראָסטע אידן...

און איך האָב אָפּגעלייגט אויף נאָכן דאַווענען...

און נאָכן דאַווענען האָט מיר גאָט געגעבן מוט, איך בין צוגעקומען צו אים, אויסגעשטרעקט די האַנט און גע־בליבן שטיין אָן אַ וואָרט.

ער האָט צוריק דערלאַנגט מיר די האַנט און האָט גע־שמייכלט.

— איר זיינט אַ גימנאַזיסט... — האָב איך אויסגע־שאָסן פון גרויס פאַרלעגנהייט...

— יאָ, אַ גימנאַזיסט... — האָט ער גוטהערציק גע־שמייכלט... — און דו ? וואָס מאַכסטו ?

— איך קען שוין אויך גוט רוסיש, מיר פעלן נאָר אַביסל ווערטער...

— נו, מיר וועלן זען... — האָט ער אויסגעשטרעקט מיר די האַנט און איז אַוועק מיטן טאַטן.

מיין טאַטע איז צו מיר גלייך צוגעגאַנגען און מיט אַ צופרידענער מינע זיך געווענדט צו מיר:

— וואָס האָסטו גערעדט מיט שלמה׳קען ?

— עט, — האָב איך געענטפערט ווי אַ גרויסער, —

גערעדט וועגן רוסיש... ער האָט ביי מיר געפרעגט אַ טייטש־וואָרט...

— נו, האָסטו געוואוסט ?

— יאָ! — האָב איך שטאָלץ געענטפערט...

דער טאַטע האָט צופרידן אַ גלעט געטאָן דאָס בערדל, אַ הוסט געטאָן און זיך אָנגערופן:

— עס שאַדט נישט, אַז דו זאָלסט מיט אים זיין אויפ־געטראָגן... קאָנסט עפּעס נאַשן פון אים, אַ שטיקל גראַ־מאַטיק, אַ שטיקל חשבון, דאָס, יענעס....

און דעם גאַנצן שבת האָט דער טאַטע אויף מיר גע־קוקט מיט דרך־ארץ: גערעדט מיטן גימנאַזיסט!...

א. רייזען.



# חתן־כלה

## אינהאַלט:


1) מאַמעניו מיינע (ליד) — יהואָש — — — — — — — — 124

2) אויף מבינות — א. רייזען — — — — — — — — — — 126

3) פון דער חופּה (ליד) — י. ראָלניק — — — — — — — 135

4) שׂרה'קעס חתונה — י. אָפּאַטאָשו — — — — — — — — 137

5) קלעזמער (בילד) — י. ב. ריבאַק — — — — — — — — 145

6) יאָסל קלעזמער (ליד) — נ. גראָס — — — — — — — — 146

# מאַמעניו מײַנע

— מאַמעניו מײַנע, מאַמעניו האַרץ,
בינד אָפּ פון מײַן האַלז די קרעלן,
דער קייזער וועט קומען צופאָרן אַהער,
און כ׳וועל אים, חלילה, געפעלן.

— טאָכטערל מײַן, טאָכטערל גאָלד,
דײַן הערצעלע זאָל זיך ניט פּלאָגן.
איך וויל ניט דער קייזער זאָל האָבן דיך האָלט,
און דו וועסט קיין צירונג ניט טראָגן.

— מאַמעניו מײַנע, מאַמעניו האַרץ,
מײַן צאָפּ טו מיר מיאוס פאַרקעמען,
דער קייזער וועט קומען צופאָרן אַהער,
און שיקן שטאַפעטן מיך נעמען.

— טאָכטערל מײַן, טאָכטערל גאָלד,
ער וועט קיין שטאַפעטן ניט שיקן,
איך וויל ניט דער קייזער זאָל האָבן דיך האָלט,
און קניפּ דיר אַ קאָלטן אַ דיקן.

— מאַמעניו מײַנע, מאַמעניו האַרץ,
מײַן ווײַסע געזיכט טו פאַרשמירן,

דער קייזער וועט קומען צופאָרן אַהער,
און וועט אין זיין פּאַלאַץ מיך פירן.

— טאָכטערל מיין, טאָכטערל גאָלד,
האָב נאָר ניט קיין מורא אין האַרצן,
איך וויל ניט דער קייזער זאָל האָבן דיך האָלט,
און וועל דיך מיט סאַזשע פאַרשוואַרצן.

— מאַמעניו מיינע, מאַמעניו האַרץ,
כ'טו ביטערע טרערן פאַרגיסן,
דער קייזער וועט קומען צופאָרן אַהער,
וואו קען איך די אויגן פאַרשליסן?

— טאָכטערל מיין, טאָכטערל גאָלד,
אַנטלויף, ווי אַ פייל פונם בויגן,
כ'האָב מורא דער קייזער וועט קריגן דיך האָלט,
ווען ער וועט נאָר זען דיינע אויגן.

יהואש.



## אויף מבינות



די כלה האָט מען אַראָפגעבראַכט אויף די אַנדערע טעג יום־טוב. זי איז געווען אַ הויכע, אַ דאַרע, דאָס געזיכט אַ קליינס, די אויגן שוואַרצע מיט אַ פאַרלאָשענעם גלאַנץ, און עס איז אין זיי געלעגן אַ טרויעריקער ערנסט, עפעס אַ מין יאוש.

די תנאים זיינען געווען מיט אַ חודש צוריק. דעם חתנ׳ס פאָטער איז אויף די תנאים ניט געפאָרן, ער האָט קיין צייט ניט געהאַט. און אגב האָט די מחותנת׳טע, דעם חתנ׳ס מוטער, זיך געהאַלטען, אַז זי איז מער מבין אויף אַ כלה, ווי ער.

דער וועג איז געווען אַ שלעכטער. די גאַנצע פינף שעה, וואָס די רייזע האָט געדויערט, האָט געגאָסן אַ קאַלטער רעגן, און אַ ווינט, אַ בייזער, אַ כעסן, האָט געריסן דעם טוך, אין וועלכן די כלה איז געווען איינגעוויקלט, און אַז ער האָט ניט געקאָנט גובר זיין דעם טוך האָט ער אַריינגעבלאָזן אונטער דעם טוך, און זי איז געקומען צופאָרן אַ דערפרוירענע.

— לאָמיר נאָר אָנקוקן די כלה — עפעס אַ שיינע ? — האָט דעם חתנ׳ס פאָטער, ר׳ חיים, דערהערנדיק אַז די כלה איז געקומען, פריילאַך מיט אַ וויצעלע אויסגערופן.

ער האָט זיך אויסגעצויגן, מיט די הענט אין די באַקעס, אויסגעשטעלט זיינע גרויסע סאַרע אויגן, און האָט אָנגע־הויבן קוקן מיט אַן ערנסטן שמייכל.

— נישקשה! — האָט ער ענדלאַך אַרויסגעזאָגט, און ווייטער זיך גענומען באַטראַכטן, און ענדלאַך צוגעגעבן:

— חושך אַביסל!

די כלה האָט זיך געסטאַרעט צו שמייכלען און האָט געענטפערט:

— אַז איר וועט מיך גוט צוזען, וועל איך זיך ביי אייך אין געסט פאַפּראַווען.

— גערעכט, גערעכט! — האָט ר׳ חיים צופרידן אויס־גערופן, און ער האָט שוין באַשלאָסן ביי זיך אין געדאַנק אַז זי איז ניט קיין נאַר.

באַלד איז אין שטוב געוואָרן אַ גרעסערער גערודער. די קינדער, וועלכע זיינען, ווער אויפן גאַס און ווער אין אַ צווייטן צימער געווען, זיינען זיך צוזאַמענגעקומען און אָנ־געהויבן אַן שום צערעמאָניעס אַריינרוקן זייערע פּנים׳ער אין דער כלה׳ס פּנים אַריין, כדי איר בעסער צו באַטראַכטן, און דאָס אינגסטע אינגל, בענטשיק, מיט ניט גאָר קיין ריין נעזל, האָט זיך אַזוי נאָענט צו איר צוגערוקט, אַז די כלה, ווי העפלאַך זי האָט זיך ניט געוואָלט האַלטן, האָט זיך דאָך אָפּגעקערט פון אים...

באַלד איז אַ פאַרסאָפּעטער פון גאַס אָנגעקומען דער חתן.

ער האָט איר גלייך געגעבן די האַנט, געפרעגט מיט

אַ האַלבן מויל: וואָס מאַכ... די איבעריקע אותיות האָט ער פאַרשלונגען, עס זאָל ניט זיין קענטיק, צי ער „דוצט" זי, צי ער „אירצט" זי און איז זיך געלאָפן איבערטאָן.

— די כלה מוז וועלן עסן! — האָט דעם חתנ׳ס מוטער, ביילע, אַ נאַרישע אידענע, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גרויסער חכמה, באַמערקט:

— ניין, אַ דאַנק! — האָט די כלה, וועלכע האָט זיך שוין צוגעזעצט, געענטפערט, — איך וויל נאָך ניט עסן.

— וואו האָסטו געגעסן? — האָט די מחותנת׳טע גע־פאָרשט.

—אַרויספאָרנדיק פון דער היים! — האָט די כלה גע־ענטפערט און האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן אויף איר קיי־טעלע, וואָס דער חתן האָט איר צו די תנאים געגעבן אַ מתנה.

— די כלה וויל בעסער אָפּרוען! — האָט ר׳ חיים הויך אויפן קול גערעדט, ווייל אים האָט זיך געדאַכט, אַז וואָס העכער ער וועט ריידן וועט ער אַלץ מער פריינדלאַכער זיין.

די כלה האָט זיך געפילט ווי באַפרייט פון עפּעס שווערעס און האָט לייכט אָפּגעאָטעמט. זי האָט געוואָלט אַ הוסט טאָן, נאָר זי האָט זיך איינגעהאַלטן.

— איך וואָלט זיך טאַקע וועלן צושפּאָרן אַביסל! — האָט די כלה זיך אַרויסגעכאַפּט און האָט גלייך חרטה גע־האַט, ווייל דאָס לעצטע וואָרט האָט זי אַרויסגעזאָגט מיט

אַ הייזעריקלאַכן קול און זי האָט באַמערקט ווי די מחותנים האָבן איינער אויפן צווייטן אַ קוק געטאָן.

דעם חתנ׳ס מוטער האָט זי אַריינגעפירט אין אַ זייטיקן, האַלב־פינסטערן צימערל, האָט איר אָנגעוויזן וואו צו לייגן זיך און איז אַרויס.

די כלה האָט זיך געפילט ווי באַפרייט פון עפּעס און האָט לייכט אָפּגעאָטעמט. זי האָט געוואָלט אַ הוסט טאָן, נאָר זי האָט זיך איינגעהאַלטן.

אַז זי האָט אָבער איינגעדרעמלט האָט זי זיך פאַרגעסן וואו זי איז און האָט זיך צעהוסט ווי אין דער היים, פריי און אומגעשטערט.

דער מחותן, ר׳ חיים, וועלכער איז געשטאַנען לעבן טיר פון צימערל און האָט זיך איינגעהערט צו יעדן מינדסטן שאָרך, וואָס דאָרט קומט פאָר, האָט דעם הוסט גלייך דערהערט, האָט אַ וואונק געטאָן צו דער מחותנת׳טע און האָט שטיל געזאָגט:

מיר דאַכט, אַז זי איז אַ קראַנקע!...

די מחותנת׳טע, וועלכע איז געווען אַ גאַנצע מבינ׳טע אויף דער כלה, האָט ניט איינגעשטימט.

— נאָך אַ נייעס! וואָס נאָך וועסטו אויסקלערן!

— זי איז אַ קראַנקע! — האָט זיך ר׳ חיים געהאַלטן ביי זיינס.

— גיי, גיי, משוגענער! — האָט שוין די מחותנת׳טע זיך געבייזערט.

— ביסט אַ שאַרפע מבינ׳טע! — האָט ר׳ חיים זיך געקרימט, — האָסט געקליבן און טאַקע פיין אויסגעקליבן.

די כלה האָט זיך גענומען וועקן. די מחותנים ביי דער טיר האָבן געוואונקען עס זאָל זיין שטיל. באַלד האָט זיך געהערט אַ הוסט...

— נו? — האָט דער מחותן אויסגעשטעלט די אויגן אויף דעם ווייב.

— מאַלע וואָס אַ מענש הוסט, זיך אודאי צוגעקילט פאַרנדיק.

— דאָס קאָן אויך זיין אַמאָל! — האָט דער מחותן איינגעשטימט. — פונדעסטוועגן קאָן מען זיך דאַרויף ניט פאַרלאָזן. מען דאַרף זי גוט בודק זיין. מען וועט נאָך זען: ממה נפשך: גוט — גוט, ווען ניט, איז ניט געפידלט.

—ששששש! — האָט די מחותנת׳טע געלייגט דעם מיטלסטן פינגער פון האַנט אויף דער נאָז — רייד ניט אַזוי הויך...

אין אַ שעה אַרום איז די כלה אויפגעשטאַנען. איין באַק, אויף וועלכער זי איז געלעגן, איז געווען ניט נאַטירלאַך רויט, די אַנדערע באַק — בלאַס און פאַרוועלקט. די מחותנים האָבן געקוקט אויף איר מיט חשד. מער אָבער האָט געקוקט די מחותנת׳טע. זי איז געווען די מבינ׳טע, זי איז פאַר־אַנטוואָרטלאַך. זי מוז אַרומזען די כלה פון אַלע זייטן.

און קוקנדיק אויף איר אַ היפשע ווײַלע, פון וואָס די כלה האָט ניט געהאַט וואו אַהינצוטאָן אירע בליקן, האָט די מחותנת׳טע באַמערקט עפּעס אַ שראַם אויפן שטערן.

— וואָס איז דאָס ביי דיר, טאָכטערקע, פאַר אַ צייכן אויפן שטערן? — האָט זי געפרעגט גאָר אָן צערעמאָניעס.

די כלה האָט זיך דערשראָקן. אירע ליפּן האָבן זיך געקרימט פון פיין... דער שראַם איז איר געקומען פון אַ פאַל נאָך אין דער קינדהייט. זי האָט עפּעס געוואָלט פאַרציילן. זי ווייסט דערפון די גאַנצע מעשה. די מאַמע אירע פלעגט עס פאַר אַלע ווייבער פאַרציילן. נאָר די צונג האָט איר ניט געדינט. און זי האָט עפּעס ניט דייטלאַך אַרויסגעשטאַמלט:

— דאָס איז גאָר נישט... דאָס איז גאָר נישט... — די מחותנים האָבן זיך ווידער איבערגעקוקט, שוין אָבער מיט מער ערנסט. דער חתן, וועלכער האָט זיך שוין איבערגעטאָן און איז אומגעגאַנגען הין און צוריק אין דעם נייעם אַנצוג, די הענט אין די קעשענעס, האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט, צוגעגאַנגען נאָענט צו דער כלה, און האָט טיף אַריינגערוקט זיין פּנים מיט אַ מינע פון אַ שאַרפן מבין...

---

די אַנדערע טעג יום-טוב האָט מען געפירט די כלה אויף „כיבוד" צו קרובים. דער מיין איז אָבער געווען צו הערן מבינות אויף דער כלה. די משפּחה איז געווען אַ גרויסע. מען האָט זי געפירט פריער צום חתנ'ס זיידן, ר' לייזער. דאָרט איז עס צוגעגאַנגען גרינג. ערשטנס האָט דער אַלטער נישט געקוקט אויף ווייבער, צווייטנס, האָט ער געלאָזן אין שול די שפּאַקולן און אָן שפּאַקולן זעט ער סיי ווי סיי גאָר נישט. די באָבע האָט גראַד דעם טאָג געליטן אויף

רעוומאַטיזם און האָט געקרעכצט אין בעט. שווערער איז עס צוגעגאַנגען ביי די פעטערס און מומעס. דאָרט פלעגט די מחותנת'טע אָפּרופן די ווייבער אָן אַ זייט, אָנווייזן מיטן פינגער אויף דער כלה און פרעגן אַזוי שטיל, אַז די כלה פלעגט הערן יעדעס וואָרט:

— וואָס זאָגסטו? דער „אַלטער" זאָגט, אַז זי איז אַ קראַנקע.

— האַ... — פלעגט אַ מומע אויסשטעלן די אויגן און קוקן אויף דער כלה...

דאָ פלעגט שוין די כלה ניט הערן. דער געשפּרעך פלעגט שטילער ווערן. נאָר זי האָט זיך פאָרגעשטעלט אַזעל־כע מיינונגען, פון וואָס דאָס בלוט פלעגט איר ווערן פאַר־קילט.

איין עלטער־מומע, ביי וועלכער מען איז געווען צום לעצטן, אַ נידעריקע, דיקע פרוי, האָט איר גאָר אָפּגעזאָגט אינגאַנצן דאָס לעבן.

— זי איז דאָך אַ מסוכנת... זי איז דאָך אַ געשטאָר־בענע... — האָט זי אין אַ ווינקל, אָפּרופנדיק די מחותנת'טע באַשלאָסן, — זי פאַרזוכט דאָך גאָר נישט פון טיש...

— יאָ, יאָ... — האָט די מחותנת'טע געזיפצט. — איך וויים גאָר ניט, וואו זיינען מיינע אויגן געווען!... ווי איז מיר...

— נו, וואָס טוט מען איצטער? — האָבן די מחותנים געשמועסט, קומנדיק אַהיים, צווישן זיך, ווען די כלה איז ארויסגעגאַנגען אין א צווייטן שטיבל.

— איך ווײם? — האָט געזאָגט דער מחותן.

— איך ווײם? — האָט געענטפערט די מחותנת׳טע

— נו, וואָס זאָגסטו, חתן?

— איך ווײם? — האָט דער חתן געדריקט מיט די פלײצעס. — טוט ווי איר פאַרשטײט.

און דערהערנדיק טריט האָט ער אַ וואונק געטאָן:

— שאַ, זי גײט!...

די כלה איז אַרײַן אין שטוב, פאַרשטײענדיק אַז מען האָט וועגן איר גערעדט, האָט זי זיך ניט געהאַט וואו אַהינצוטאָן.

— נו, ווילסטו שוין אפשר עסן? — האָט די מחותנת׳טע ווײטער געפרעגט

— נײן, אַ דאַנק...

— דו עסט אַלע מאָל אזוי ווײניק? — האָט דער מחותן געפאָרשט, ווי אַ דאָקטאָר.

— פאַרקערט... — האָט די כלה געשטאַמלט, פאַרשטײענדיק וואוהין מען צילט מיט דער פראַגע.

— הײסט עס, האָסט יאָ אַפּעטיט.

— ניט צו פאַרזינדיקן! — האָט די כלה געפּרובט שמײכלען.

עס איז געוואָרן שטיל אַ ווײלע. דער מחותן האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ אויפן טיש און האָט זיך פאַרטראַכט. באַלד אָבער האָט ער זיך ערוואַכט, ווי אין קאָפּ וואָלט אים אַרײנגעפאַלן אַ גרויסע אידייע און האָט זיך געווענדט צו דער כלה מיט אַ קוראַזש:

— זאָג מיר, מיין טאָכטער, דו ביסט חלילה, ניט קיין שטיקל חולה?...

די כלה איז בלייך געוואָרן, זי האָט אינגאַנצן אַ ציטער געטאָן און האָט אַ וואָרט ניט געקאָנט אויסריידן...

נאָך יום-טוב איז זי אַוועקגעפאָרן אַ קראַנקע אויף אַן אמת.

א. רייזען.



# פון דער חופּה

חתן־כּלה פֿאָרט אַהיים,
דוע־גלעקלאַך קלינגען,
אויף די וועגן אָנגעזעצט —
יונגע שיקסעס זינגען.

דריי פֿאָוואָזקעס פֿאָרן דאָרט;
צוגעפּוצט, געצוואָגן
יעדעס פערדל אין דעם שפּאַן,
ס'בלישטשעט, יעדער וואָגן.

ווי זיי קומען צו צום מיל,
צו דעם בריק, דעם לאַנגען,
קומען שקצים, יונגע, צוויי,
מיט אַ שטריק אַ לאַנגען.

שטעלן זיך אַוועק ביים בריק
און דעם וועג פֿאַרצאַמען;
נעמען אַלעמען אין פּלעו,
אַלעמען צוזאַמען.

ס'וועט ניט העלפֿן קיין געבעט
און קיין הייסע טרערן;
צינז די האַרן פֿון דעם טייך
אָפּגעצאָלט מוז ווערן.

נאָר דער חתן הייבט זיך אויף
פון זיין אָרט געלאַסן:
נעמט אַרויס צוויי „פּערציקער"
פון די טיפע טאַשן.

פאַלט דער שטריק אַראָפּ אין זאַמד, —
ווערן פרידלאַך אַלע.
די גזלנים ווינטשן גליק
צו דער חתן־כלה.

ווידער רירן זיך די פערד
און די גלעקלאַך קלינגען;
און די רעדער דרייען זיך
און די שיקסעס זינגען.

י. ראָלניק.



# שרה׳קעס חתונה

פון האלב פוילן האָבן געהאַלטן אין איין אָנקומען מחותנים אויף שרה׳קעס חתונה. צען פאַר פערד האָבן זיך געטראָגן פאַר די לעצטע עטלאכע טעג איבער די זאַמדיקע וועגן, וואָס האָבן געפירט צו מרדכי׳ן. און וואָס אַ ברישקע האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער וועראַנדע, זיינען אַרויס קרובים מיט וועלכע מרדכי האָט זיך נאָר געזען ביי אַ שמחה. דאָס הויז, די שייערן, אַלץ האָט מען אויסגע־ליידיקט פאַר די געסט און אַ טאָג פאַר דער חתונה איז שוין געווען אַזוי ענג, אַז העלפט פון דעם עולם זיינען געשלאָפן אין די „סאָפעס״ פון ברעטער, וואָס מען האָט אויפגעשטעלט אויפן הויף. מיט די נענטערע קרובים, וואָס האָבן געוואוינט אַרום זיינען מיטגעקומען די רבנים און קלעזמער פון שטעטלאַך — האָט מען שוין עטלאַכע טעג פאַר דער חתונה געשפילט אין צימערן, אין די שייערן, אין וואַלד.

דעם טאָג פון דער חתונה זיינען פאַרן הויז געווען גע־גרייט טישן, און דאָס פישער־פאָלק, מרדכי׳ס שכנים, זיי־נען געזעסן מיט זייערע ווייבער, געגעסן און געטרונקען.

מרדכי, אין אַ זיידענעם שלאַפראָק, איז געגאַנגען צווישן די טישן, געזען זיינע שכנים זאָלן עסן, און אַז ס׳פישער־

פאָלק האָט גענומען שרייען מען זאָל אַרויספירן די כלה, איז מרדכי אַ צופרידענער אַריין אין שטוב:

— שרה׳קעלע, שרה׳קעלע!

— וואָס איז?

מרדכי האָט אַרויפגעלייגט זיין ברייטע, פאַטערלאַכע האַנט אויף שרה׳קעס קאָפּ, איר געגלעט די האָר:

— טאָכטער, גיי אַרויס צו די פישערס, זיי ווילן דורכ־אוים זאָלסט טרינקען מיט זיי! טו זיי צוליב, עס פירט זיך אַזוי.

אַז די פישערס האָבן דערזען שרהקען, זיינען אַלע אויפגעשפרונגען פון די פלעצער און מיט אַ „וויוואַט נאַזשעטשאָנאַ״ האָבן טייל געהויבן גלעזער ביר, אַנדערע פלעשער, און ס׳האָט נישט אויסגעזען זיי זאָלן זיך האָבן צונויפגענומען אויף אַ אידישער חתונה, נאָר ווי זיי וואָלטן נאָר וואָס אויסגעקליבן דעם עלטסטן פישער פאָר אַ וואָיט איבער דער גמינע.

ברײנע, מיט אַן אַריבערגעוואָרפן פאַרטוך, מען זאָל דאָס אַלטע לייב נישט אַרויסזען, איז אַרוים פון קיך אַ צע־פלאַמטע. זי האָט גענומען קוקן אין אַלע זייטן, געזוכט און געשריגן:

— שרה׳קע! מען דאַרף דיך; שרה׳קע! וואו ביסטו? שרה׳קע איז איר אַנטקעגנגעקומען.

— נו, פרעג איך דיך, — די נייטאָרן וואַרט מיטן חופּה־קלייד, און דו האָסט געפונען אַ צייט צו שמועסן!

— די פריזירערן וועט מיר טאַקע אָפּשערן די האָר?

— איז שרה׳קע איר אַריין אינדערמיט.

— די שניידערן האַלט דיך אין איין אַרומזוכן, וויל דאָס קלייד אָנפּאַסן אויף דיר און דו —

— דאָס וועט איר נישט פּועל׳ן ביי מיר! — האָט שרה־קע געטענה׳ט אירס. — כ׳וועל דאָך אויסזען ווי אַן אויסגע־קראַכענע קאַץ!

— און דו לאָזט זי מיט אַ פול מויל שפּילקעס און אַנטלויפסט! ציט, צייט, שרה׳קע, צו ווערן אַ שטיקל מענטש!

— וואו איז די פריזירערן? אין קיך?

— אַז דו הערסט זיך ניט צומאָל איין, וואָס כ׳רייד! — האָט ברײנע זיך אָפּגעשטעלט און צעשפּרייט די הענט.

— ווער הערט זיך נישט איין? — האָט שרה׳קע אַ שמייכל געטאָן, — דו רעדסט וועגן חופּה־קלייד.

— נעמט נישט פאַר אומגוט, פריילין — האָט אַ מיידל, אַן אויסהעלפערן, מיט דרימען פּאָדעם איבערן גאַנצן קלייד, אָנגערירט שרה׳קען פאַר אַן אַרבל — די שניידערן דאַרף אינען!

— אָ, — האָט שרהקע זיך אַ כאַפּ געטאָן — כ׳גיי שוין!

— טאָ גיי שוין, גיי! — האָט ברײנע זי געטריבן פון זיך.

אויפן הויף איז געוואָרן אַלץ טומלדיקער. די מחותנים

זיינען געלאָפן פון איין ווינקל צום צווייטן, זיך געהיצט און פון אַלע זייטן האָט זיך בלויז געהערט:

— ווען וועט מען שוין גיין מקבל פנים זיין דעם חתן?

די פישערס האָבן געהאַלטן אין איין ברענגען זייערע וועגלאַך, דער עולם זאָל האָבן אין וואָס אַנטקעגן צו פאָרן דעם חתן. אַליץ האָט אויסגעזען, ווי די פישערס וואָלטן זיך געקליבן אין „קאַשטשאַל" אַריין.

מיטיקצייט איז אַריין אין הויף אַ שטאַפּעט און איידער ער האָט אָפּגעאָטעמט האָט דער עולם אים אַזוי ארומגע־רינגלט, אַז ער האָט נישט געקאָנט אַראָפּ פון פערד.

— וואָס הערט זיך, יאָסל? דער חתן פאָרט?

— מיר דאַרפן שוין אַנטקעגן פאָרן! — האָט יאָסל זיך אַ וויש געטאָן איבערן פנים און איבערגעלאָזט דאָרט זיינע פינף פינגער — אָבער באַלד! איך האָב זיי געלאָזט ביי דער אָלשינע.

— מחותנים, מחותנים! מקבל פנים זיין דעם חתן!

— האָט זיך געהערט פון אַלע זייטן.

— אין די פאָדערשטע בריטשקעס די רבנים!

— וואו זיינען די רייטער?

— דער אמת'ער מחותן, וואו איז? ר' מרדכי, מיין איך?

נישט געשטופּט!

— אָט קומען זיי!

— אמת'ע טערקן!

די רייטערס האָבן זיך אויסגעשטעלט פון ביידע זייטן

פאַן אין צוויי לאַנגע שורות און דעם חתנ׳ס מקבל פּנים זיין האָט זיך אָנגעהויבן.

אַפריער אין די ברימשקעס זיינען געפאָרן רבנים אין שווערע שטריימלאַך, דערנאָך מחותנים משפחה־ווייז. אַז די ברימשקעס זיינען אַריין אין וואַלד, האָבן די קלעזמער אַהויב געטאָן די בויגנס און איבערן וואַלד האָט זיך צעשאָטן אַ פריילאַכס. די אָנטרייבער זיינען געוואָרן לעבעדיק, גענומען יאָגן די פערד איבערן ברייטן, זאַמדיקן וועג, האָבען די פישער־וועגלאַך איבערגעיאָגט די בריטשקעס, זיך באַלד פאַרלוירן און די וואָלקנס שטויב, וואָס האָבן זיך געלייגט איבערן וואַלד.

די פערד האָבן זיך געטראָגן גיכער, די אָנטרייבער אויסגעבויגענע, ווי זיי וואָלטן געהאָלפן שלעפּן, האָבן מיט אַלע כחות געוואָלט איבעריאָגן איינער דעם צווייטן און די כלי־זמר ווי זיי וואָלטן געוועז צעשאָטן איבער אַלע עקן וואַלד, האָבן מיט אַמאָל אַ הויב געטאָן די בויגנס און אַלץ אַרום האָט געזונגען:

— און ווידער אַ מעלה, איז אָבער אַ מעלה...!

מיטאַמאָל האָט מען אָנגעהויבן אָפּשטעלן די פערד און איידער מען איז נאָך געוואויר געוואָרן, וואָס עס האָט פּאַ־סירט, האָט מען שוין דערהערט:

— דרייט אויס, דרייט אויס, מאַכט פּלאַץ פאַרן חתן!

די בריטשקעס, די וועגלאַך האָבן זיך אויסגעשטעלט פוןביידע זייטן וועג, דורכגעלאָזט דעם חתנ׳ס קאָטש אַרומגע־רינגלט מיט די בחורים אויף די פערד. די גאַנצע צייט,

וואָס די קאַטש איז פֿאַרבייגעפֿאָרן האָבן די קלעזמער געשפּילט אַ „דזשען דאָברי” און די לופֿט איז פֿול געווען מיט: „ברוך הבא, חתן, ברוך הבא!”...

די וועגלאַך מיט די בריטשקעס האָבן זיך ווידער געיאָגט איבערן זאַמדיקן וועג, געוואָלט איינער דעם צווייטן איבעריאָגן. ס׳איז געווען שטיל, בלויז די שפּיצן פֿון די ביימער האָבן זיך באַוואויגן, און אַ פֿאַרשטיקט געוויש, ווי ס׳וואָלט געקומען דורך פֿאַרקוועטשטע ציינער, האָט זיך געהערט פֿון וואַלד.

ס׳איז געוואָרן קילער. פֿון ביידע זייטן וועג האָט זיך געצויגן אַן אַלטער, געדיכטער וואַלד. די ביימער זיינען געווען אַזוי צעוואַקסן אַז די צווייגן פֿון ביידע זייטן וועג האָבן זיך אַזש אָנגערירט, נישט צוגעלאָזט די זון און זיך געפֿלאָכטן איבערן וואַלד, ווי אַ געוועלב. די זון האָט זיך ערטערווייז פֿאַר׳גנב׳עט, זיך דורכגעבראָכן אַ וועג און טיף אין וואַלד האָבן זילבערנע זיילן פֿליגעלאַך זיך געוויגט, זיך אויפֿגעהויבן איבער די ביימער. ס׳איז געווען שטיל. ווען נישט ווען האָט זיך אַ פֿויגל צעפּייפֿט. און איידער ברוך האָט צייט געהאַט עפּעס איבערצוטראַכטן, איז די קאַטש אַריין אין הויף.

ווייבער זיינען אַנטקעגנגעקומען מיט לעקאַך און בראָנפֿן, און איידער וואָס ווען האָט מען אַ כאַפּ געטאָן ברוכ׳ן אונטערן אָרעם און אים געפֿירט, וואו דעם חתנ׳ס צד איז איינגעשטאַנען.

שרה׳קע איז דעם גאַנצן אָוונט געווען אַזוי גלייכגילטיק,

ווי ניט זי וואָלט חתונה געהאַט, נאָר אירם עפּעם אַ נאָנטע קרובה. ווער עס האָט זי געררופן טאַנצן, איז זי געגאַנגען, אַז די מחותנת׳טע, ברוכ׳ס מאַמע, האָט איר אַזש אויסגע־רעדט, אַז פאַר אַ כלה פּאַסט נישט אַזוי פיל צו טאַנצן. פאַרן באַדעקנס, ווען דער בדחן האָט זי געגומען באַזינגען און די ווייבער האָבן זיך צעוויינט, האָט שרה׳קע זיך אַזוי צעלאַכט, אַז בריינע האָט איר געמוזט פאַרמאַכן דאָס מויל מיט אַ טיכל, און אַז ברוך איז אַריינגעקומען מיט צוויי רבנים באַדעקן די כלה האָט שרה׳קע אים באַגריסט און געגעבן די האַנט:

— ווי געפעלט דיר עפּעם די כלה?

ברוך האָט זיך פאַרלאָרן, נישט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן, און ווען ניט די רבנים, וואָס האָבן אים גלייך אַ כאַפּ געטאָן אונטער די אָרעמס, ווייס איין גאָט, וואו ער וואָלט זיך פון בושה אַהינגעטאָן.

ער האָט זיך זייער געשראָקן שרה׳קע זאָל עפּעם ניט אָפּטאָן אונטער דער חופה, געשטאַנען מיט פאַרשטעלטע אויגן, ניט געהערט ווי דער רב האָט געלייענט די כתובה, בלויז געדענקט, ווי זיין קול האָט געציטערט ביים „הרי את", זיך פאַרפּלאָנטערט אַז די אַרומיקע האָבן אים געמוזט אַרויסהעלפן. ער האָט זיך געפילט אַזוי קליין און נישטיק אין שרה׳קעס קעגנוואַרט, געליטן וואָס ער איז אַזוי פיזיש שוואַך, נישט געהערט די ברכה איבערן וויין, זיך זייער געשראָקן, אַז ער וועט דאָס גלעזל ניט קענען צעבראָכן און געווען זיכער, אַז באַלד וועט זיך אַזאַ זאַך אָפּשפּילן,

וואָס קיינעם פון די אַרומיקע הייבט זיך ניט אָן צו חלום׳ען. ער האָט מיטן גאַנצן כח אַראָפּגעלאָזט דעם פוס אויפן גלעזל, אַז די שטיקלאַך האָבן זיך צעשפּריצט אין אַלע זייטן, זיך עטוואָס בארואיקט און נישט באַמערקט, ווי די יונגעלייט האָבן געשמייכלט.

שרה׳קע האָט זיך געלאָזט אַרומדרייען זיבן מאָל אַרום דעם חתן, געבליבן שטיין אַ גליקגילטיקע, געקוקט יעדן אין די אויגן, געפאָלגט, וואָס מען האָט איר געהייסן, און אַז די מומע גיטל האָט איר פאַרשטעלט די אויגן מיט אַ טיכל, האָט זי זיך פאַררויטלט און געהאַט דאָס געפיל, ווי מען וואָלט זי פאַר אַלעמען אין די אויגן גענומען אויס־טאָן אַ נאַקעטע. די גאַנצע צערעמאָניע האָט ביי איר אויס־געזען ווילד, אָן אָפּקומעניש, ניט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי אַן אייגענער טאַטע קאָן זי צונויפפּאָרן מיט אַ מענטש, וואָס איז איר פרעמד.

די קלעזמער האָבן אַ כאַפּ געטאָן די פידלען צו די גאָמבעס און אַ פריילאַכס האָט זיך צעשאָטן איבערן הויף. פון אַלע זייטן האָט זיך געהערט — מזל־טוב, כלה! מזל־טוב!

שרה׳קע האָט ניט געוואוסט מיט וועמען זי קושט זיך, מעכאַניש זיך געבויגן און יעדע ווײַלע געפילט אויפן מויל, אויף די באַקן אַ פּאָר אַנדערע ליפּן.

די מחותנת׳טעס האָבן זי גענומען אונטערן אָרעם און מיט געזאַנג און טענץ זי געפירט אין שטוב אַריין.

די מחותנים האָבן אָנגעהויבן צו כאַפּן „שיריים״,

פאַרזוכט די „גאָלדענע יויך“ און אַריינגעפירט חתן־כלה צו די געגרייטע טישן.

שפּעט אין אָוונט נאָכן עסן האָט מען צענומען די טישן, באַזעצט חתן־כלה און דער מצוה־טאַנץ האָט זיך אָנגעהויבן.

דער עולם איז שוין געווען מידלאַך פון טאַנצן, פון לאַכן, מען האָט זיך שוין מער ניט איינגעהערט צו די הייזעריקע בדחנים, צו די דורכגעווייקטע קלעזמער, מען האָט זיך געהאַלטן אין איין רוקן צו די אָפענע פענסטער, צו די אויפגעפּראַלטע טירן, וואו אַ ווינטל איז יעדע ווײַלע אָנגעקומען פון די לאָנקעס, פון וואַסער.



# יאָסל קלעזמער

אַז יאָסל קלעזמער שפּילט אויף אַ שמחה
טאַנצט חברה, ווי אַ כוואַליע אין ים.
מען הוליעט, מען טרינקט און מען זינגט:
היי טיידירי, טיידירי, דאַם.

זיין שותּף פּייפט אויפן פּייפל,
בערל בלינדער בועט אויפן באַס.
נאָר אַז יאָסל שפּילט אויף זיין פידל
נעמען טאַנצן די שוועלן אין גאַס.

ער טאַנצט מיט זיין פידל אין רעדל,
דעם מאַרשעליק העלפט ער צום גראַם.
אַז יאָסל קלעזמער שפּילט אויפן פידל,
טאַנצט חברה ווי אַ כוואַליע אין ים.

איבער הונדערט און צוואַנציק, אַז ס'וועט קומען
אויך יאָסלס שעה צוגיין,
וועט ער פאַרן כסא הכבוד
זיך שטעלן אַליין און קליין.

נאָר אַז חברה וועט אים דערזען דאָרט,
היי טיידירי, טיידירי דאַם.
אָט איז ער, יאָסל דער קלעזמער,
און טאַנצן ווי אַ כוואַליע אין ים.

נפתּלי גראָס.

# אַרבעט און פּרנסה

## אינהאַלט:


1) אין שטעטל (ליד) — נחום י. — — — — — — — — — — — — 148

2) באַגינען (ליד) — י. ראָלניק — — — — — — — — — — 150

3) אַרבעט זוכן (ליד) — ה. לייוויק — — — — — — — — — 151

4) זיבן גוטע יאָר — י. ל. פּרץ — — — — — — — — — — — 152

5) דער פּעטער איצע (ליד) — משה קולבאַק — — — — — — 159

6) צו דער אַרבעט (בילד) — מילעט — — — — — — — — 161

7) שאַכטער ליד (ליד) — ז. סעגאַלאָוויטש — — — — — — 162

8) הונגער — י. קרעפּליאַק — — — — — — — — — — — 163

9) דער וואַסער־טרעגער (בילד) — בולאַנגער — — — — 173

10) וואַרימער אויוון (ליד) — ה. לייוויק — — — — — — 174

11) די פאַבריק — א. רייזען — — — — — — — — — — — 175

12) נאָך דער אַרבעט (ליד) — יעקב שטרייכער — — — — 184

13) דער אָרימאַן (ליד) — ל. ניידוס — — — — — — — — 185

# אין שטעטל

טונקל רויט גייט אויף די זון
און צינדט אָן דעם הימל.
ס'רוט דאָס קליינע שטעטעלע
איינגעהילט אין דרימל.

לענגער, דוכט זיך, איז די גאַס
און די הייזלאַך קלענער.
הייזעריק, פאַרשלאָפענע
קרייען ערגעץ הענער.

ערגעץ, לאַנגזאַם סקריפּענדיק,
עפנט זיך אַ טויער.
גענעצנדיק גייט אַרויס
אויף דער גאַס אַ פּויער.

טרו־טרו־טרו, דער פּאַסטוך קומט
בלאָזנדיק אין האָרן, —
איז די שלאָפנדיקע גאַס
פריילאַכער געוואָרן.

גייען בהמות שוין אין פעלד,
וואַרפן מיט די עקן,
טרייבט אַ אידענע איר ציג
מיט אַ לאַנגן שטעקן.

גייט אַ פּויערטע צום טייך
אָנפילן די עמער.
גייט אַ איד אין שול אַריין, —
און אין קראָם דער קרעמער.

נחום י.



# באַגינען

די זון שטייגט העכער, העכער אויף,
איר וועג ווערט ריינער, פרייער ;
אַ האַלבע שטאָט אין שאָטן ליגט,
אַ האַלבע שטאָט אין פייער.

עס סקריפּעט וואו אַ פאָרטקעלע.
וואָס איז, אַזוי באַגינען ?
אַ הענדלער איילט זיך היינט צום מאַרק,
ער לויפט צום ערשטן מנין.

אַ גערטנער פירט אַ וואָגן גרינס,
און האַלט זיך אָן אַ וואָגן ;
זיין אויג איז פייכט, זיין שוואַרצע באָרד —
פון מאָרגן־טוי געצוואָגן.

דאָס פערדל טרעט ; עס ווערט זיין טראָט
אינם פייכטן זאַמד פאַרשוויגן ;
דאָס וועגל גייט אַהער, אַהין,
און האַלט זיך אין איין וויגן.

י. ראָלניק.

# אַרבעט זוכן

אַרבעט זוכן זיינען מיר געגאַנגען,
האַלטנדיק זיך ביידע פאַר די הענט.
פינסטער נאָך. די שטאָט איז זיך געשלאָפן,
גאַסן־לאָמפּן האָבן זיך געברענט.

האָבן מיר געקוקט מיט ביידע אויגן,
און אין פילע טירן זיך געקלאַפּט,
האָבן זיך שוין אַנדערע געפּעדערט
און פאַר זיך די אַרבעט אויסגעכאַפּט.

זיינען מיר אַהיים צוריקגעגאַנגען,
און אין הויז צו קומען זיך געשעמט,
האָבן מיר געוואַנדערט איבער גאַסן
האַלטנדיק זיך ביידע פאַר די הענט.

ה. לייוויק.



# זיבן גוטע יאָר

## א.

אַ מאָל איז געווען אַ טרעגער, האָט ער געהייסן טביה און איז געווען אַ גרויסער אָרימאַן. איינמאָל, דאָנערשטיק, שטייט ער אַזוי אין מאַרק, מיט די פּאָלעס פאַרשאַרצט אונטערן שטריק אויף די לענדן, און קוקט אויס, פון וואַנען עס וועט קומען זיין הילף, ער זאָל פאַרדינען עפּעס אויף שבת. און דאָ שטייען די געוועלבן אַרום און אַרום ליידיק, „אין יוצא ואין באָ", מען זעט ניט, עס זאָל עמיצער קומען סחורה קויפן, עס זאָל זיין וואָס אָפּצוטראָגן. הייבט ער נעבאַך אויף די אויגן צום הימל מיט אַ געבעט, ער זאָל, חלילה, קיין פאַרשטערטן שבת ניט האָבן, און זיין ווייב סערל מיט די קינדערלאַך זאָלן, חס ושלום, נישט הונגערן אום שבת.

ווי ער איז אַזוי מתפּלל, דערפילט ער, אַז עמעץ גיט אים אַ צי פאַר דער פּאָלע. קוקט ער זיך אום, זעט ער פאַר זיך אַ דייטשל, אַנגעטאָן ווי אַ שיסער אין וואַלד, מיט אַ פעדער אויפן קאַפּעליוש און אַ גרינעם אויפלאַג אויפן שפּענצער, און דאָס דייטשל זאָגט צו אים אויף ריין דייטש, וואָס מיר זעצן דאָ איבער אויף עברה־טייטש, מיט די ווערטער: הער טביה, דיר איז באַשערט געוואָרן זיבן גוטע

יאָר פון מזל און הצלחה און אוצרות געלט, ווענדט זיך עס אָבער אָן דיר, ווען דו ווילסט האָבן די גוטע יאָר. ווילסטו — וועט דיר אויפשיינען דיין מזל נאָך דעם היינטיקן טאָג, און איידער עס וועט אונטערגיין די זון, וואָס שטייט דיר איבערן קאָפּ, וועסטו קאָנען אָפּקויפן די גאַנצע שטאָט מיט דער סביבה, אָבער נאָך זיבן יאָר וועסטו צוריק ווערן אַן אָרימאַן, ווי דו ביסט געווען; און ווילסטו, — וועט די גוטע, געבענטשטע צייט קומען ערשט צום סוף פון דיינע יאָרן, און דו וועסט אַוועקגיין פון דער וועלט דער גרעסטער גביר.

געווען איז עס, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אליהו הנביא, וואָס האָט זיך ווי זיין שטייגער איז, אין אַ דייטשל פאַרשטעלט. טביה אָבער האָט געמיינט, אַז עס איז, להבדיל אלף אלפי הבדלות, אַ פּראָסטער כישופמאַכער. ענטפערט ער אים:

— מיין ליב דייטשל, לאָז דו מיך געמאַך, וואָרים איך בין נישט פאַר דיר געדאַכט, אַ גרויסער אָני ואביון, איך האָב אויף שבת נישט און איך האָב דיר נישט מיט וואָס צו באַצאָלן פאַר דיינע עצות מיט דיין טרחה.

אַז דאָס דייטשל אָבער האָט אים נישט אָפּגעלאָזט און איבערגע׳חזר׳ט אים די ווערטער איינמאָל, צוויי מאָל און דריי מאָל, איז עס טביה׳ן שוין אַריין אין קאָפּ. ענטפערט ער אים: — ווייסטו וואָס, ליב דייטשל, אויב דו מיינסט עס ערנסט מיט מיר און ביסט ניט קיין „לועג לרש״ און דו פרעגסט מיך באמת, מוז איך דיר זאָגן, אַז איך בין מיך

נוהג ביי יעדער זאַך, וואָס קומט מיר פאָר, זיך אַן עצה צו האַלטן מיט מיין ווייבל סערל און אָן איר קאָן איך דיר קיין קלאָרע תשובה ניט געבן.

זאָגט אים דאָס דייטשל, אַז עס איז זייער אַ גוטע זאַך, זיך אַן עצה צו האַלטן מיט דער פרוי, און ראַט אים, ער זאָל זי גיין פרעגן, און ער, דאָס דייטשל, הייסט עס, וועט דאָ שטיין און וואַרטן אויף אַ תשובה.

טביה קוקט זיך נאָכאַמאָל אום אין אַלע זייטן; קיין פאַרדינסט זעט ער ניט, טראַכט ער זיך, וואָס קאָן ער דאָ אָנווערן, ער וועט אַהיימגיין פרעגן. לאָזט ער אַראָפּ די פּאָלעס און גייט אַרוים הינטער דער שטאָט, וואו ער האָט געוואוינט, כמעט שוין אויפן פעלד, אין אַ ליימען שטיבל, איבערצושמועסן זיך מיט סערל זיין ווייב.

## ב.

ווי סערל האָט אים דערזען דורך דער אָפענער טיר (עס איז זומער געווען), איז זי אים אַרויסגעלאָפן אַקעגן מיט גרוים שמחה; זי האָט געמיינט, אַז ער ברענגט איר אַ התחלה אויף שבת. זאָגט ער איר אָבער:

— ניין, סערל, זיין ליבער נאָמען האָט מיר נאָך קיין פאַרדינסט נישט באַשערט, דערפאַר אָבער איז צו מיר גע־קומען אַ דייטשל...

און ער דערציילט איר אַזוי און אַזוי, באשר בכן, דאָס דייטשל זאָגט, אַז עס איז אים באַשערט זיבן גוטע יאָר,

און עס ווענדט זיך אָן אים, ווען די גוטע יאָר זאָלן קומען, איצטער, אָדער פאַר דער פּטירה. פרעגט ער ביי איר אַן עצה: ווען?

טראַכט סערל ניט לאַנג און ענטפערט אים:

— גיי, מיין ליבער מאַן, און זאָג דעם דייטשל, אַז דו ווילסט די זיבן גוטע יאָר אויף דער רגע.

— פאַרוואָס, סערל? — פרעגט טביה פאַרוואונדערט, — נאָך די זיבן יאָר וועלן מיר דאָך ווערן צוריק אָרימע לייט, און דעם יורד איז דאָך ערגער ווי אַ פּראָסטן אָרי־מאַן?

— פאַרזאָרג נישט, מיין ליבער גוטער פריינט, די וועלט. דערווייל נעם, וואָס מען גיט דיר, און זאָג: „ברוך ה׳ יום יום“! בפרט אַז מען דאַרף חדר־געלד פאַר די קינדער. מען האָט זיי אַהיימגעשיקט. אָט זע, ווי זיי שפּילן זיך אין זאַמד.

דאָס איז געננג געווען, טביה זאָל צוריקלויפן צום דייטשל מיט אַ קלאָרער תשובה, אַז ער וויל די זיבן גוטע יאָר תוך כדי דבור. זאָגט אים דאָס דייטשל: — רעכן נאָר איבער, טביה, היינט ביסטו אַ מענטש מיט כח און קאָנסט פאַרדינען, אַמאָל מער, אַמאָל ווייניקער... וואָס וועט אָבער זיין שפּעטער, אַז דו וועסט עלטער ווערן און וועסט זיין אַ יורד, און אַזוי פיל כח צו דער אַרבעט וועסטו אויך נישט האָבן?

ענטפערט טביה:

— הער, דייטשל, מיין ווייב סערל וויל באַלד. ערשטנס

זאָגט זי, „ברוך ה׳ יום יום" און הייסט אויף שפּעטער נישט זאָרגן, און צווישנס האָט מען אונז די קינדער פון חדר אַהיימגעשיקט...

— אויב אַזוי, זאָגט אים דאָס דייטשל, גיי אַהיים, און איידער דו וועסט קומען אין שטוב אַריין, וועסטו זיין אַן עושר! וויל ער פאָרט איבערפרעגן וועגן נאָך די זיבן יאָר, איז אים אָבער דערווייל דאָס דייטשל פאַרשוואונדן געוואָרן.

גייט ער, טביה, אַהיים. געוואוינט, האָבן מיר שוין גע־זאָגט, האָט טביה הינטער דער שטאָט, כמעט אויפן פרייען פעלד. קומט ער צו דער שטוב, זעט ער, ווי די קינדער שפּילן זיך הינטער דער שטוב אין זאַמד, גייט ער צו, דערזעט ער, אַז זיי שאַרן אַרויס פון אַ גריבל נישט קיין זאַמד, נאָר ריין גאָלד, טאַקע „זהב טהור"... פאַרשטייט זיך, אַז מער האָט מען נישט געדאַרפט, עס האָבן זיך שוין אָנ־געהויבן די זיבן יאָר, די זיבן מזל׳דיקע יאָר...

## ג.

די צייט לויפט אָבער פייל פון בויגן און זיבן יאָר גייען אַריבער געשווינד. קומט נאָך די זיבן יאָר דאָס דייטשל צו טביה׳ן אים אָנצוזאָגן, אַז די זיבן יאָר זיינען אַריבער און אַז היינט פאַרנאַכט וועט נעלם ווערן דאָס גאָלד אין דער ערד, דאָס גאָלד אין שטוב און אַפילו דאָס גאָלד, וואָס זיי האָבן געקאָנט באַהאַלטן ביי לייטן.

טרעפט ער טביה'ן, ווי ער שטייט אינמיטן מאַרק, ווי פאַר די זיבן יאָר, מיט די זעלבע פאַרשאַרצטע פּאָלעס אונטער די לענדן און קוקט אוים אויף אַ פּאַרדינסט, זאָגט ער אים: „הער, טביה, די זיבן יאָר זיינען אַריבער!"

ענטפערט אים טביה: „גיי זאָג מיין ווייב סערל, ווייל דאָס עשירות איבער די גאַנצע זיבן יאָר איז געווען ביי איר אין דער האַנט".

גייען זיי ביידע אַרוים הינטער דער שטאָט און קומען צום זעלבן ליימענעם הייזל אויפן פעלד און טרעפן סערלען פאַר דער טיר. און זי איז אויך אָרעם געקליידט, ווי אַמאָל, נאָר איר פּנים שמייכלט.

זאָגט איר דאָס דייטשל מיט די זעלבע ווערטער, אַז די זיבן גוטע יאָר זיינען אַוועק.

ענטפערט זי אים, אַז זיי האָבן קיין גוטע יאָר נאָך נישט אָנגעהויבן צו האָבן, אַז זיי האָבן קיינמאָל נישט גע־האַלטן דאָס גאָלד פאַר זייער אייגנס, ווייל וואָס אַ מענטש פאַרדינט מיט זיינע צען פינגער, דאָס איז זיינס, און אַזאַ עשירות וואָס קומט אָן שוויים און אומגעזוכט, איז נאָר אַ פּקדון, וואָס זיין ליבער נאָמען לאָזט איבער ביי מענטשן אין די הענט פאַר אָרימעלייטס וועגן... זי האָט נאָר פון דעם גאָלד אויף שכר לימוד גענומען, דאָס איז גאָטס תורה, מעג מען פאַר זיין תורה מיט זיין גאָלד צאָלן, מער נישט! און אויב זיין ליבער נאָמען האָט פון היינט אָן אַ בעסערן בל־פּקדון פאַר זיין גאָלד, מהיכא־תיתא — זאָל ער צונעמען און איבערגעבן אַן אַנדערן!

אליהו הנביא האָט אויסגעהערט און איז נעלם גע־וואָרן. ער האָט עס איבערגעגעבן דעם „בית־דין של מעלה“, און דער „בית־דין של מעלה“ האָט גע׳פסקנ׳ט, אַז עס איז קיין בעסערער בעל־פּקדון נישטאָ פאַראַן. און די זיבן יאָר האָבן זיך נישט אויסגעלאָזט, כל־זמן טביה און זיין ווייב סערל האָבן געלעבט.

י. ל. פּרץ.



# דער פעטער איצע

ס'האָט זיך פעטער איצע
אויסגעלערנט שניידעריי;
מאַכט ער אַלטע סערמיעגעס
פונקט, ווי שפּאָגל־ניי.
מאַכט ער אַלטע סערמיעגעס
פונקט ווי שפּאָגל ניי.

קומט ער אין אַ דערפל אָן
מיט דער נאָדל פּאָדים,
הענגט ער אויס אַ ווישעסקע
דאָ פאַריכט מען בגדים.
הענגט ער אויס אַ ווישעסקע,
דאָ פאַריכט מען בגדים.

זיצט דער פעטער אויפן טיש
טערקיש, תמ'עוואַטע;
טרענט און ניצעוועט און לייגט
אַ לאַטע אויף אַ לאַטע.
טרענט און ניצעוועט און לייגט
אַ לאַטע אויף אַ לאַטע.

אויסגעלאַטעוועט איין דאָרף
גייט ער אין אַ צווייטן,
ביז ער לאָזט אַרויס פון האַנט
דעם געגנט אַ באַנייטן.
ביז ער לאָזט אַרויס פון האַנט
דעם געגנט אַ באַנייטן.

ס'האָט זיך פעטער איצע
אויסגעלערנט שניידעריי.
מאַכט ער אַלטע סערמיעגעס
פונקט, ווי שפּאָגל ניי.
מאַכט ער אַלטע סערמיעגעס
פונקט, ווי שפּאָגל ניי.

משה קולבאק.



# שאַבטער־ליד.

אַדיע, אַדיע דער ליבער זון,
דעם הימל און די שטראַלן!
מיר רייסן אָפּ זיך איצט דערפון
פאַר אונז איז אַלץ פאַרפאַלן.

דער טיפער וואַלד, דאָס פרייע פעלד,
דעם פרילינגס אַלע פראַכטן.
אַדיע, אַדיע דער שיינער וועלט,
מיר גייען אין די שאַכטן.

עס גיסט זיך ליכט אויף יעדן וועג,
עס קלינגען מאָרגן־לידער;
עס איז די נאַכט נאָרוואָס אַוועק
פאַר אונז איז נאַכט שוין ווידער.

פאַר אונז איז נאַכט, אין גרוב אַריין.
געגנוג וועט זיין צו טראַכטן.
אַדיע, אַדיע דער ליבער שיין,
מיר גייען אין די שאַכטן.

ז. סעגאַלאָוויטש.

# הונגער

אין ווינטערדיקן, פראָסטיקן באַגינען, איז אַ ניו יאָרקער וורובל געשטאַנען אויף אַ דאַך און רחמנות׳דיק־קינדיש געצוויטשערט.

אויף אַן אַנטענע פון אַ ראַדיאָ האָט ער זיך פאַרקליבן ווי אויף אַ שעדעלע, אַן אָנגעפרווירענער האָט ער אָנגעשטעלט די פּע־דערלאַך קעגן דער ביטערער קעלט, האָט אַיינגענורעט דעם קעפּל, אַיינגעצויגן דעם העלזל און מיטן גאַנצן בייכל זיך אַראָפּגעלאָזט וואַרעמען די פיסלאַך, וואָס האָבן זיך איינגע־קרעמפּט אין קאַלטן דראָט.

אַן אַיינגענורעטער מיט אויפגעשטעלטע פּעדערן, האָט ער אויסגעקוקט קיילאַכדיק און דיק — אַן אָנגעבלאָזן דאַר פּענכערל, וואָס לאָזט אַרויס אַ רחמנות׳דיק פּישצען.

ער איז געזעסן אומבאַוועגלאַך, ווי צוגעפראָרן צום דראָט, עפּעס אָן פיסלאַך, אָן אַ קעפּל, נאָר דאָס שנעבעלע האָט אַרויסגעשטאַרצט, ווי ער וואָלט אים געוואַקסן פון בייכל, אַרויסגעשטאַרצט און זיך באַוועגט און צוזאַמען מיט אים האָבן זיך באַוועגט און פון דער זייט געקוקט דאָ איין שאַרף אייגל, דאָ אַ צווייטס.

גלאַנצט אויף דאָ איין אייגל, דאָ דאָס צווייטע, קוקט אין הויף אַריין. אומעטום דער זעלבער טיפער שניי. וואָס

אויף דיביימער אין פּאַרק, וואָס אויף די ביימער אין גאַס, ווייס און ריין. זאָל עס זיך כאָטש זען אַ טונקל ערטל, אַ שטיקל הוילע ערד, וואו מען זאָל קענען אַ צעפראָרן ווערעמל אויספּיקן, אַ קערנדל, רעשטלאַך פון אַ פליג, אָדער גלאַט אַ זעמדל אין מיילכל, זאָל זיך כאָטש דוכטן, אַז מען האָט וואָס אויסגעפּיקט.

און עסן ווילט זיך אַ שרעק! שוין טעג און נעכט, אַז דאָס ווייסע שלעכטס שיט זיך פון הימל, הערט דוכט זיך שוין אויף, און הייבט ווידער אָן. אין פּאַרק, אויף די גאַסן איז אַלץ פאַרשאָטן, צוגעדעקט, איינגעפראָרן...

הו־הו־הו... — האָט זיך עס פלוצלונג צודונערט, צע־גרילצט און פאַרטויבט די וועלט. אַ טונקעלע לאַנגע חיה איז אויפן גאַס ביים סאַמען דאַך פאַרבייגעצויגן מיט גע־פילדער, מיט פינקלדיקע אויגן און מיט בליצן אונטער די לויפנדיקע פיס.

דער ניו יאָרקער וורובל האָט זיך פאַרן עלעווייטעד גאָרנישט דערשראָקן, נאָר דער דראָט האָט אָנגעהויבן ציי־טערן, איז ער אַריבערגעפלויגן פון דער אַנטענע אויף אַ „פרינדזש״ אונטערן געזימס, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויפן סאַמען ראַנד, ווידער אויסגעצויגן דעם שנאָבל, זייטיק גע־קוקט דאָ מיט איין אייגל, דאָ מיטן צווייטן און געכאַפּט אַ הונגעריקן קוק אונטן אין הויף אַריין.

אַ פריידיקער פּיפּץ האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן און ווי אַ שווימער פון הויכן ברעג אין וואַסער, האָט ער

זיך אַ לאָז געטאָן מיטן קעפּל אַראָפּ אין פּוסטן הויף אַריין.

דאָרט איז געשטאַנען צענויפגעשטעלט אַ גאַנצע קופּע „גאַרבעדזש־קענס", פון איבערנאַכט צוגעדעקטע מיט הויכע ווייסע שניי־היטלען. איז ער געבליבן שטיין אויף אַן אויער פון אַ קאַן, האָט אַ צי געטאָן מיטן שנאָבעלע, געשמעקט די ריחות פון עסן און זיך אַרומגעקוקט צי עס איז ניטאָ קיין געפאַר.

באַלד אַ שפּרונגל אַהער, אַ שפּרונגל אַהין... די עס־ריחות ציען דאָס חיות, אָבער דאָס הויכע שנייאיקע היטל דעקט צו און באַהאַלט אַלץ אונטער זיך. שפּרינגט ער אַהער, שפּרינגט ער אַהין, אפשר דאָ, אפשר דאָרט, פון איין מיסט־קאַן צו דער צווייטער, פון איין אייזערנעם אויער אויפן צווייטן... און מיט אַמאָל אַ פלי און גלייך ווי פאַר־שטאַרבן אויף אַ רגע.

ער זעט, ביי אַ קאַן פון אַ זייט, שטאַרצט אַרויס אַ צע־ריסענער שוך מיט אַ צעלעכערטער פּאָדעשווע, און מאָדנע, פון פּאָדעשווע שטעקט אַרויס אַ שטיק ווייסע חלה.

צום אָנהייב האָט אים דער הונגער אַ שפּאַר געטאָן, געוואָלט זיך גלייך אַ וואָרף טאָן צום ווייסן ברויט, אָבער דערזעען דעם שוך, האָט ער זיך אָפּגעהאַלטן. הערסט, עס קוקט אים צו זיין מענטשנס פּוס... פאַרן מענטשן אַליין האָט ער קיין מורא ניט, מענטשן טשעפּען ניט קיין וורובלס. אָט פּיקט ער דאָך שוין יאָרן אין די ניו יאָרקער גאַסן, פאַרביי אים גייען מענטשן אָן אַ צאָל און קיינער האָט אים

נאָך ניט געטשעפּעט. אמת, די קליינע מענשעלאַך, זייערע קינדער, לויפן אַמאָל נאָך מיט אויסגעשטרעקטע הענטלאַך צו כאַפּן, אָבער פון זיי איז זיך גרינג אויסצודרייען, נאָר פּאָר די מענטשישע פיס דאַרף מען זיך היטן. זיי קענען צעטרעטן!

האָט ער זיך פאָרזיכטיק גענומען דערנענטערן, — אונטערשפּרינגענדיק, געקוקט. ניין, דער פוס רירט זיך ניט. אַן אומבאַוועגלאכער פוס... איז ער זיך געשפּרונגען, גע־שפּרונגען, אַ פּיק און אָפּגעשפּרונגען.

דער פוס רירט זיך טאַקע אויף אַן אמת ניט, און אמת׳ע ווייסע ברויט!

ערשט איצט, האָט ער געטאָן אַ פּלי אַרויף, זיך אַוועק־געשטעלט אויפן געזימס און פריילאַך זיך צעסוויטשערט.

און גאָט איינער ווייס פון וואַנען עס האָט זיך עס גע־נומען. פון אַלע זייטן האָבן זיך גענומען שיטן וורובליעס; ווי שטיינדלאַך זיינען זיי געפאַלן פון קאַלטן הימל, הונ־געריקע, צעפראָרענע, מיט אָנגעשטעלטע פעדערלאַך. מיט קינדערשער צוויטשעריי האָבן זיי זיך גענומען צו דער חלה. אין אָנהייב נאָר פּרובירט אַרויסקריגן די חלה פון שוך אַרויס, איז עס ניט געגאַנגען, האָבן זיי זיך געענגט ביי דעם שטיקל ווייסן ברויט, געריבן זיך פליגעלע אָן פליגעלע, קעפּל איבער קעפּל און געפּיקט, געפּיקט...

אין הויף, פון אַ קעלער אַרויס, האָבן זיך אויף דער אויבערשטער טרעפּ אַפּריער באַוויזן צוויי פּאָר לאַפּקעס. גלייך האָבן זיך אַרויסגעשטעלט צוויי פּאָר פאַרשפּיצטע

אויערן און קעציִשע פּנים'ער, איינער אַ שוואַרצער, פּעטער פּנים, מיט גרינע אויגן און שוואַרצע וואָנצעס, דער צווייטער פּנים אַ געלאַטעטער מיט געפלעקטע אויגן און געלע וואָנ־צעס. די פּנים'ער האָבן נאָך שטייפער אָנגעשפּיצט די אויערן, צענויפגעזשמורעט די אָנגעצונדענע אויגן, אַזוי גע־קוקט אַ ווייל און ווי שלאַנגען זיך שטיל אַרויסגעצויגן מיטן גאַנצן קערפּער אין הויף אַריין.

ביידע קעץ האָבן זיך צוגעזעצט אויף אַ רגע, שאַרף אָנגעקוקט איינע די אַנדערע, און באַלד אָפּגעדרייט די קעפּ, ווי מען קען זיך ניט. ווידער בייז זיך אָנגעקוקט, ווידער אָפּגעדרייט, און פּלוצלונג, האָבן די ראָזע, פייכטע נעזלאַך אָנגעהויבן אויפציטערן, די אויגן זיינען געוואָרן ברייט, גרויס און געבליבן שטיין אָנגעצילט אויף די וורובליעס. באַלד זיינען פון די אויגן געבליבן גרינע פּאַסיקלאַך, ווי פינקלדיקע ווערמלאַך, די אָנגעשפּיצטע אויערן האָבן זיך אַוועקגעלייגט, און פון צוויי זייטן האָבן זיך די קעץ אַ צי געטאָן צו די מיסט־קאַנען.

די וורובליעס פּיקן...

די שוואַרצע, פּעטע קאַץ ציט זיך איבערן שניי אויפן בויך, ווי זי וואָלט גאָר אירע פיס ניט גענוצט. אַ צי — און זי זיצט שוין ווידער איינגעקנוילט מיט די פיסלאַך אונ־טער זיך; די אויגן צענויפגעזשמורעט, דער קאָפּ אָפּגע־דרייט אָן אַ זייט, ווי זי וואָלט זיך צוגעהערט ערגעץ צו ווייטע קלאַנגען, ניט צו דער קינדערשער צווישטשריי פון די וורובליעס... און באַלד גנב'יש אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ

צום שניי, אַ צי — און זיצט שוין אַ טריט נענטער, אומבאַ־
וועגלאַך, אומשולדיק.

די וורובליעס פּיקן.

די ראַבע, מיט איינגעפאַלענע זייטן, די האָר אין קלאַמ־
פּעס, האָט זיך געלאָזן רונד אַרום, רונד אַרום און מיט אַמאָל
געבליבן שטיין, ווי איבערגעהאַקט אין צווייען.

זאַכט הייבט זיך אַ לאַפּקע נאָך אַ לאַפּקע. זיי בייגן
זיך קיילאַכדיק אויס, ציען זיך ווייך איין, שטעלן קליינינקע
טריטעלאַך, רירן קוים אָן דעם שניי, ווי ס'וואָלט קאַלט גע־
ווען אין די באָרוועסע פּיסלאַך, קוים אַ שפּור אויפן שניי,
רונד אַרום — רונד אַרום, מיט דער פרומסטער מינע.

די וורובליעס פּיקן...

די שוואַרצע קאַץ האָט זיך מיט אַמאָל צוזאַמענגע־
קרעמפּט, געטאָן זיך אַ צי אויס, עפּעס האָט אַ קראַץ געטאָן
דעם שניי.

— היט זיך, אַנטלויפט! האָט דער אויסקוקער אין
דער לעצטער רגע אַ צוויטשער געטאָן.

אַ שפּרונג — און אַ פאַרשטיקטער שוואַכער פּיפּץ. די
וורובליעס שיסן אַרויף ווי שראָט אין דער הויך. פון דער
מיסט־קאַן האָפּקעט אַוועק צום קעלער די פעטע קאַץ מיט
אַ וורובל אין די ציין, איינגעשצימעט אין העלזל. נאָר די
טונקעלע וורובלשע פּיסלאַך קרעמפּן זיך נאָך, און דאָס גע־
שפּרענקלטע ווײַדעלע האָט זיך צעלאָזן אין אַ פעכער און
ווילן זיך אויסגעשפּרייט ווי צום אַוועקפליען.

די ראַבע קאַץ האָט אָפּגעבראָכן איר פרומע מינע, פאַר־

ריסן דעם קאָפּ צום הימל און נאָכגעקוקט מיט זשעדנע אויגן די צעפלויגענע ווראָבליעס, געדרייט דעם קאָפּ אין אַלע זייטן, ווי נאָך פליגן אין זומער, און ניט געוואוסט וועלכן ווראָבל פריער נאָכצוקוקן.

און די ווראָבליעס האָבן זיך אָפּגעזעצט אויפן דאַך, אויפן געזימס, און זיך גע׳רעש׳ט.

די ראָבע קאַץ האָט זיך אַרומגעקוקט, דערזען אַ מענטשן גיין איבערן הויף און מאַכנדיק אַ סטעזשקע אין שניי, האָט זי זיך אַ ווײַלע צוגעקוקט, נאָך אַמאָל אַ קוק געטאָן אויף די ווראָבליעס, זיך אומשולדיק אויפגעהויבן, צוגעקראָכן צו דער חלה, אַרומגעשמעקט, אַ ביס געטאָן, אַ טרייסל געטאָן דעם קאָפּ: ניין, עס געפעלט ניט, אַוועק כלומרשט צום קעלער צו, פלוצלונג זיך געגעבן אַ צי און זיך פאַרקליבן צווישן די קאַנען. דאָרט האָט זי איינגעטוליעט דעם קאָפּ, צענויפגע־שמעלט אין פּאַסיקלאַך די אויגן און אַראָפּגעלאָזט די אויערן.

ליגט, דוכט זיך, אַ טויטע קאַץ, ליגט, ליגט, רירט זיך נאָר דאָס סאַמע שפּיציקל, דאָ פון איין אויער, דאָ פון צווייטן, און מיט אַמאָל, האָבן זיך ביידע אויערן אָנגע־שפּיצט, שטייף געוואָרן.

אַרום האָבן זיך ווראָבליעס ווידער געפּיקט, נאָר דער אויסקוקער פון געזימס האָט געהאַלטן אין איין צווטשערן: זייט פאָרזיכטיק!

אומגעריכט האָט דער אויסקוקער דערזען אַ חיה קומט אָן אין הויף, האָט ער געוואָלט שוין מאַכן אַ ליאַרם, אָבער גלייך מיטן שאַרפן אייגל דערזען, אַז אַ הונט קומט עס אָן,

און זיך באַרואיקט, מיט הינט לעבט מען דאָך בשלום...
אָבער עפּעס אַ מאָדנער הונט, אַן אמת'ער פּגר מיט אַן אויס־
געקראָכן פעל, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן ווידל... מען דאַרף
זיין פאָרזיכטיק מיט אַזעלכע... און אַליין אראָפּגעפלויגן פון
געזימס און זיך געשטעלט אויף אַן אויער, פון דער נאָענט
וועט ער בעסער קענען וואָרענען.

אויף די הינטערשע פיס, האָט זיך די ראָבע קאַץ פון
צווישן די קאַנען געטאָן אַ הייב אויף. איין פאָדערשטע
לאַפּקע האָט זי אָנגעשפּאַרט אָן קאַן, די צווייטע איז געבליבן
הענגען אין דער לופטן, ווי אַן איבערגעבראָכענע, ווי זי
וואָלט געזאָגט : נאַט, זעט, זי הענגט ביי מיר אַ פרעמדע
און איך קען מיט איר גאָרניט טאָן... אָבער די שפּיץ מאָרדע
האָט זיך אַרויסגערוקט פון איבער די קאַנען און — בליציקע
אויגן האָבן זיך איינגעגעסן אין אויסקוקער.

דער אויסקוקער האָט פון הונט קיין אויג ניט אַראָפּגע־
לאָזט און פּלוצלונג זיך צעצוויטשערט : אַנטלויפט, אנט־
לויפט !

אַ שפּרונג, אַ וואָרטשען... ווידער זיינען זיך די וורוב־
ליעס צעפלויגן אין אַלע זייטן, ווי אַרויפגעשאָסענער שראָט.

די וורובליעס האָבן נאָר דערזען, ווי דער הונט האָט זיך
אַלאַז געטאָן גלייך צו זיי, געמיינט אויף זיי. איצט קוקן
זיי פון דאַך, פון געזימס און צווויטשערן פון פרייד.

אַ ראָבע קאַץ שטייט גאָר אין מיטן הויף, לויפט אָפּ
אין שרעק אַ שטיקל, און דער הונט נאָך איר. בלייבט זי
שטיין מיטן פּנים צום הונט, צעשיפּעט זיך גיפטיק מיט

אויסגעשטשירעטע ציין, שטעלט אוים אַ לאַפּקע מיט גראַבלדיקע נעגל. בלייבט ווידער דער הונט איינגעגראָבן אין שניי, לויפט זי ווייטער אָפּ אין שרעק צום קעלער צו.

צוויטשערן די ווראָבליעס פריילעך: פון טויט געראַטעוועט! זיי זעען, די קאַץ איז שוין אין קעלער אַרונטער־געשפּרונגען, דער הונט שטייט איינגעגראָבן, קוקט אין קעלער אַריין, ווי אויף דער וואך. ווילן זיי שוין ווידער אַרונטערפליען, ערשט, דער הונט דרייט זיך אום, שמעקט די לופט, און לאָזט זיך גלייך צום ברויט.

צום אָנהייב האָט ער אויך פּראָבירט אַרויסגראַבלען מיט דער לאַפּע, איז ווידער ניט געגאַנגען, האָט ער אָנגעהויבן גריזשען מיט די ציין, זיינען דערווייל ברעקלאַך געפאַלן אויפן שניי.

זאָלן מיר אַרונטערפליען קלייבן די ברעקלאַך? האָבן זיך די ווראָבליעס געיִשוב׳ט. ער, וועט דאָך אונז גאָרנישט טאָן, ער וועט אויפעסן דאָס גאַנצע, לאָמיר כאָטש די ברעקלאַך האָבן.

איינציקע האָבן גענומען פאַרזיכטיק אַרונטערפליען. דער אויסקוקער האָט אָבער באַלד ווידער אויפגעהויבן אַ ליאַרם.

אויפן הויף האָט זיך באַוויזן אַ טונקעלע געשטאַלט.

די ווראָבליעס האָבן געקוקט און זיך געוואונדערט: די פינסטערע געשטאַלט קוקט אוים ווי אַ מענטש, גייט אויף צוויי פיס, אָבער עפּעס ניט קיין מענטש; גייט צענויפגעדרייט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט שטעלן אויף אַלע פיר;

קיין פנים ניט, נאָר ווילדע האָר, גייט, טרייסלט זיך, ווי צע־בראָכן און באַלד טרייבט עס בייז אַוועק דעם הונט, ראַיעט זיך אין דער מיסט־קאַן, שלעפּט אַרויס די אומבאַוועגלאַכע פּוס, פאַרקוקט דאַרטן, נעמט אַרויס די חלה, ברעכט אָפּ אַ שטיק און נעמט עס אין מויל אַריין.

די וורובליעס האָבן זיך טרויעריק צעצוויטשערט: איצט איז שוין פאַרפאַלן. און זיך אַליין געוואונדערט: וואָס איז עס, אַ מענש צי ניט?

פון אַ פענסטער האָט אַ שפּאַר געטאָן ראַדיאָ־מוזיק. די וורובליעס האָבן שטום זיך גענומען צוהערן, ערגעץ צווי־טשערן פייגל אויף גרינעביימער. ס'איז וואַרעם, זוניק, ליב, עסן וויפיל דו ווילסט, ערגעץ רוישט אַ וואַלד און עס מורמלט אַ טייכל... די געשטאַלט איז אויך געבליבן שטיין מיטן שטיק ברויט אין האַנט און עפּעס געמורמלט.

די מוזיק קלאַנגען האָבן זיך מיטאַמאָל אָפּגעריסן. טרייסלענדיק זיך איז די געשטאַלט אַוועק מיט דער חלה. די וורובליעס האָבן נאָך פאַרצווייפלטער דערפילט דעם הונגער. ס'איז קאַלט: ס'איז ניט קיין וואַלד, ניט קיין זומער, ניט קיין טייכל און עסן ווילט זיך אַ שרעק!

י. קרעפּליאַק.





# וואַרימער אויוון

וואוינען זיך מענטשן אין מיטן דער וועלט
רואיק און וואַרים איז זיי.
עסן געפאַנגענע הירשן און פיש,
טרינקען צעגאַנגענעם שניי.

לייגן זיך שלאָפן, ווען ס׳קומט נאָר די נאַכט,
אַלע צוזאַמען אין בעט,
דעקן זיך איבער איבערן קאָפּ,
שלאָפן אין טאָג אַריין שפּעט.

הוליעט אין דרויסן אַ צפון־זייט־ווינט,
נעמט מען אַ האַק און מען שפּאַלט
שייטלאַך נאָך שייטלאַך אין אויוון אַריין,
שייטלאַך פון אייגענעם וואַלד.

באַקן זיך פּלעצלאַך און פּרעגלען זיך פיש,
קאָכט זיך אַ קעסל מיט טיי, —
וואוינען זיך מענטשן אין מיטן דער וועלט
רואיק און וואַרים אין שניי...

ה. לייוויק.

# די פאַבריק



איצטער בין איך שוין אַ גרויסער, דערוואַקסענער מענש, אַמאָל בין איך אַ קליין אינגעלע געווען און מיין וועלט איז געווען דאָס קליינע שטעטעלע מיט די זעקס קליינע, שמאָלע געסלאַך, וואָס האָבן זיך געצויגן, ווי שוואַרצע סטענגעס, — מיט דעם טייכעלע, הינטער אַ שמאָל, קליין געסעלע, וואו מיר פלעגן זיך זומער באָדן.

פלעגט זיך אַמאָל טרעפן, אַז לויפנדיק אַזוי צום טייכעלע פלעגט עמיצנס אַ טאַטע אונז באַגעגענען און אונז אַ רוף טאָן מיט אַ בייזער: וואוהין? פלעגן מיר זיך מאַכן „כלא ידע“, און פלעגן זיך ניט אָפּשטעלן. איז וואָס? שפּעטער וועט מען שמייסן, מילא! וואָס נאָכדעם וועט זיין, האָבן מיר ניט געזאָרגט, מיר זיינען נאָך ניט געווען אַזוי קלוג און „געזעצט“, ווי די „גרויסע“ און מיר האָבן קיין מורא ניט געהאַט פאַר שפּעטער...

---

ס׳איז ווינטער געווען. מיר אינגלאַך זיינען געזעסן אין חדר און האָבן געלערנט.

אָט עפנט זיך אויף די טיר און עס לויפט פריער אַריין אַ ווייסע פאַרע אין חדר, נאָכדעם פאַלט אַריין בערל דער שמיד, אַ חדר־אינגלס אַ טאַטע. ער קומט געוואָר ווערן,

וואָס מאַכט זיין יאָסקע, און גלאַט אַביסל שמועסן מיט אַ אידן אַ „תלמיד חכם“ — מיטן רבי׳ן.

— שלום עליכם, רבי! — ציט דער שמיד אויס דעם רבי׳ן זיין גראָבע, פאַרהאָרעוועטע האַנט.

— עליכם שלום! — ענטפערט דער בייזער רבי און סטאַרעט זיך צו שמייכלען, נאָר דאָס קומט אים זייער שווער אָן.

— זיצט ר׳ בער! — נו, שקצים, — ווענדט זיך דער רבי צו אונז, — זיצט רואיק אַ ווײַלע, קוקט איבער דעם תוספות דערווייל, און איך וועל אַביסל שמועסן מיט ר׳ בער׳ן.

מיר קוקן זיך אַלע איין אין דעם גרויסן ים תוספות, נאָר אונזערע אויערן זיינען אָנגעשטרענגט צו הערן עפּעס נייעס, וואָס בער דער שמיד האָט געבראַכט. ווייל בער דער שמיד ברענגט שטענדיק אַ סך נייעס, ווען ער קומט.

— אַ וועלטעלע געוואָרן, אַ גרויל, אַ גרויל! — הויבט אָן דער שמיד.

— דהיינו, ר׳ בער? — ווערט נייגעריק דער רבי און שטעלט אָן די אויערן צו הערן עפּעס אינטערעסאַנטס.

—אַ גרויל, אַ גרויל! — האַלט זיך אַלץ דער שמיד ביים וואונדערן, — נו, אַ וועלטעלע!

— אדרבא, וואָס אַזוינס!... — טרייבט דער רבי.

— אַ גרויל, אַ גרויל!

מיר קוקן אין תוספות און וואַרטן מיט דער גרעסטער

אומגעדולד אויפ׳ן „גרויל״ וואָס ר׳ בער שמיד וועט מסתמא באַלד דייטלאַכער דערקלערן.

— אַ קליין שטעטעלע, — הויבט אָן דער שמיד, — מישטיינס געזאָגט, זעקס געסלאַך מיט אַ מאַרק, די גוי׳ישע געסלאַך איז דאָך ניטאָ וואָס צו רעכענען. איר פאַרשטייט? אין אַזאַ שטעטעלע זאָל מען גיין שטעלן אַ פאַבריק... אַ פאַבריק! אַ גרויל!

— אַ פאַבריק! — גיב איך אַ קלאַפּ אַ חבר מיטן פוס.

— אין תוספות קוק — גיט אַ געשריי דער רבי.

— אַזוי גאָר! — ווענדט זיך דער רבי צום שמיד. — אַ פאַבריק דאָ אין שטעטל; צי משוגע?

— אַ פאַבריק פון שוועבעלאַך.

— פון שוועבעלאַך! — גיב איך ווידער אַ קלאַפּ אַ חבר מיטן פוס.

— דו קוקסט אין תוספות, צי ניט, גראָבער יונג דו, — שרייט אויס דער רבי נאָך העכער און נעמט מיך אָן פאַרן אויער און דרייט אַ „שלשלת״...

— אַזוי גאָר, פון שוועבעלאַך! וואָס איך הער! — וואונדערט זיך דער רבי און גלאָצט אויס די אויגן.

— יאָ, יאָ, ביי אונז אין שטעטעלע שטעלט מען אַ פאַבריק פון שוועבעלאַך.

— משוגע, פשוט משוגע! — לאַכט דער רבי, — וויפיל שוועבעלאַך דאַרף האָבן אונזער שטעטל? לאָמיר אפילו

רעכענען אַ פּאָר פּעקלאַך אַ וואָך... לוינט עס דען?... פּשוט משוגע...

— רעכנט אייך, — גיט דער שמיד קאַלטבלוטיק צו פאַרשטיין, אַז אַ פאַבריק מאַכט זיך ניט נאָר פאַר אַ שטעטל אַליין. די שוועבעלאַך קאָנען אָנגיין אומעטום אין דער גאַנצער וועלט, איר פאַרשטייט... למשל באָריסאָווער שוועבעלאַך! באָריסאָווער שוועבעלאַך זיינען אַ שם דבר. מען מאַכט דאָרט גאָלדענע געשעפטן.

— אויב אַזוי — זאָגט דער רבי פאַרקרימענדיק דאָס פּנים — אויב אַזוי איז עפּעס אַנדערש, שיקט זיך דאָס! וועט מען מאַכן, קען געמאָלט זיין, פיינע געשעפטן?

— וואָס פרעגט איר! גליקלאַך וועט מען ווערן! — שטעלט פאָר דער שמיד פאַרן רבי׳ן גרויסע גליקן.

— ווער מאַכט די פאַבריק? — פרעגט דער רבי.

— עפּעס אַ גרויסער גביר פון מינסק; האָט אַ מטמון גאָלד און זוכט געשעפט.

— און וואו שטעלט ער די פאַבריק? — פרעגט דער רבי ווייטער.

— אַן אָרט האָט ער אַ גאָלדענעם,ביים טייכל, אַ זעל־טענער פּלאַץ.

— ביים טייכל! — רייסט זיך אַרויס ביי אונז חדר־אינגלאַך ווי אין איין קול אַ געשריי, און מיר קוקן זיך אַלע איבער.

— אין תוספות קוקט! — שרייט דער רבי, — פּוי־ערים, ליידאַקעס!

—ביים טייכל! — קלאפּ איך מיין חבר הינטערן טיש מיטן פוס, און מיין האַרץ ווערט איבערפול מיט עפּעס מאָדנע גליקן, און פאַר מיינע אויגן מאָלן זיך פאַנטאַסטישע בילדער, און איך וויל פאַלן צו די פיס בערע דעם שמיד און וויינען פאַר אים און בעטן אים תחנונים:

— ר' בערע, האָט רחמנות, זאָגט מיט אַן אמת, טאַקע ביים טייכל מאַכט מען די פאַבריק?... טאַקע ביים טייכל?

און מיר גלויבט זיך דאָס גליק ניט...

---

נאָך פּסח איז די פאַבריק פאַרטיק געוואָרן. מיר חדר-אינגלאַך זיינען געקומען צו לויפן אָנקוקן זי. איר אויסזען האָט אונז געשראָקן. די הויכע קוימענס האָבן פון דער ווייטנס אַזוי בייז געקוקט און האָבן אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן וועלן חרוב מאַכן דאָס גאַנצע שטיק פעלד, וואָס געפינט זיך אַרום.

— אָ, סאַראַ הויכע קוימענס! — האָט יאָשקע, אַ חדר-אינגל, פון ווייטן אָנגעוויזן.

— ווי עס הודזיעט! — האָט אַ צווייטער אינגל ווי מיט שרעק אַרויסגעזאָגט.

— קומט נענטער! וואָס האָבן מיר מורא? — האָט זיך איינער געמוטיקט.

— טאַקע, וואָס האָבן מיר מורא? — האָבן מיר זיך אַלע געפּאַסט מוט — קומט!

מיר זיינען צוגעגאַנגען נענטער און האָבן זיך אַוועקגעשטעלט ביים טייכל. דאָס וואַסערל האָט שטיל און טרויי-

עריק גערוישט און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז עס וויינט...
עס האָט מיר אויסגעזען אַז דאָס טייכעלע האָט מורא פאַר דער גרויסער פאַבריק...

און ניט נאָר אויף מיר אַליין האָט דאָס טייכעלע אַזאַ איינדרוק געמאַכט, אַלע חדר אינגלאַך האָבן, אָנשטאָט צו קוקן אויף דער פאַבריק, זיך אין וואַסער איינגעקוקט און איינער האָט זיך צעזיפצט:

— מוטנע וואַסער געוואָרן!

— טאַקע! — האָט אַ צווייטער טרויעריק מודה געווען.

— דאָס איז פון רויך פון די קוימענס...

— אַ רחמנות אויף דעם טייכעלע, — האָט אַ אינגעלע כלומר׳שט לאַכנדיק געזאָגט.

— משוגענער! — האָבן מיר פון אים אָנגעהויבן צו לאַכן, די הערצעלאַך אָבער אינווייניק האָבן אונז געקלעמט און עס האָט זיך געוואָלט וויינען...

---

„ספירה" האָט זיך געענדיקט: עס איז געווען אַ הייסער טאָג, און לערנענדיק מיטן בייזן רבי׳ן האָבן מיר אַ גאַנצן טאָג געקוקט אין פענסטער, צו זען, וואו האַלט שוין דער שאָטן פון די הייזער, ווען וועט שוין די זון אויף אונז רחמנות האָבן און וועט זיך אַריבערפּעקלען ערגעץ ווייט הינטער די הייזער, כדי דער רבי זאָל אונז שוין לאָזן פריי...

און אָט איז שוין די גאַנצע גאַס „שאָטן" געוואָרן. דער פאַסטוך האָט שוין די טשערעדע געטריבן און דער רבי האָט אונז פריי געלאָזט.

— באָדן זיך! — האָבן מיר אין איין קול אויסגעשריען און זיך געלאָזט אַראָפּ פון געסל, צום טייכל.

— הערסט, ווי עס פייפט! — האָט, גייענדיק, איין חבר ווי באַזאָרגט אויסגערופן, צוהערנדיק זיך ווי פון ווייטן פייפט די פאַבריק.

— זאָל פייפן! וועט זיין פריילאַכער זיך צו באָדן, — האָט אַ צווייטער געזאָגט.

— טאַקע! — האָבן מיר מיטגעשטימט, ווי מיר וואָלטן וועלן זיך אַליין אָפּנאַרן.

נאָר וואָס נענטער מיר זיינען געקומען צום טייכל, אַלץ מער האָבן מיר זיך געשראָקן, עפּעס האָט אונז דאָס האַרץ פאָרגעזאָגט טרויעריקעס...

איך האָב זיך געלאָזן לויפן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, ווי איך וואָלט וועלן דערמיט צוגעבן מוט מיינע חברים, נאָר קומענדיק נאָענט צום טייכל בין איך געבליבן שטיין, ווי פאַרגליווערט.

— ניטאָ, ברידער, קיין טייכל! צוריק! — האָב איך ווי מיט אַ געוויין אויסגעשריען.

— דזזזזז!!! — האָבן די קוימענס געפייפט.

— דזזזזז!

די חדר אינגלאַך זיינען נענטער צוגעקומען, האָבן איינגעבויגן די קעפּ אַריינצוקוקן אין טייכעלע און מיר אַלע האָבן אַ לאַנגען זיפץ, ווי נאָך אַ געשטאָרבענעם, אַרויסגעלאָזן.

— אוי!

דאָס וואַסער האָט אויסגעזען ווי אין אַ טעלער פאַרבלי-

בענע קאַלט־געקעכטס, פאַרגליווערט. אויף דעם גליווערייזינען געווען אָנגעוואָרפן העלצעלאַך, צעבראָכענע קעסטעלאַך, און סתם מיסט, און אַלץ האָט געשמעקט מיט אַ מאָדנעם שטיקנדיקן גערוך.

מיר זיינען אַזוי געשטאַנען ווי פאַרשטיינערט אַ פּאָר מינוט, געקוקט מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, פּלוצים האָבן מיר דערהערט אַ גראָבן קול הינטער אונז ריידן:

— וואָס טוט איר דאָ, האַ?

מיר האָבן זיך אומגעקוקט און האָבן דערזען אַ הויכן, גראָבן, בייכיקן אידן, מיט אַ פּליך אויפן קאָפּ; ער איז געשטאַנען און געקוקט אויף אונז און געשמייכלט. מיר האָבן ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

— וואָס טוט איר דאָ? האַ? — האָט ער ווייטער געפרעגט.

— באָדן זיך ווילן מיר! — האָט זיך ביי איינעם אַרויסגעריסן אַ געשריי...

— כאַ, כאַ, כאַ! באָדן זיך! — האָט זיך דער דיקער איד צעלאַכט, — נו, וואָס־זשע וואַרט איר? כי־כי־כי!...

— אַמאָל פלעגן מיר זיך דאָ באָדן, — האָט אַ צווייטער אינגל, ווי דורך טרערן אַרויסגעזאָגט, — אַמאָל איז געווען ריין וואַסער...

— אַמאָל! אַמאָל! — האָט דער הויכער, בייכיקער איד זיך לוסטיק געמאַכט מיט אונז, — אַמאָל איז דען אויך אַ קונץ געווען צו באָדן זיך?... באָדט זיך איצטער... כאַ־כאַ־כאַ!

זיין לאַכן האָט אונז ביז ווייטיק גערייצט. און איינער פון אונז, בלאַס ווי דער טויט, האָט אַ געשריי געטאָן.

— אַ בראַנד אין אייער פאַבריק!...

און האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט.

— כאַ־כאַ־כאַ! — האָט זיך דער בייכיקער, דיקער איד פאַנאַנדערגעלאַכט, — אַהיים, שקצים!...

גייענדיק צוריק אַהיים, האָט מיר געקלונגען אין די אויערן דעם אידס געלעכטער, דער „דזזזז" פון די קוימענס און דאָס אַלץ האָט זיך מיר געלייגט ווי שוועבל אויף מיין האַרץ.

— אַ בראַנד אין דער פאַבריק! — האָט דאָס אינגל דעם גאַנצן וועג געשאָלטן.

— דערשטיקט האָט זי דאָס טייכעלע! — האָט אַ צווייטער געזיפצט...

און לאַנג האָבן מיר דאָס טייכעלע באַוויינט, און נאָך לענגער די פאַבריק געשאָלטן...

א. רייזען.

# נאָך דער אַרבעט.

אויסגעטאָן די אַרבעטס קליידער
פון דער שווערער וואָך,
פריי פון דאגה און פון זאָרגן,
פריי פון לעבנס־יאָך.

ברייט צעלייגט זיך אויף די גראָזן,
העט פון שטאָט אַרוים;
וויגט אַ ווינטל מיך און שלעפערט,
ווי אין מאַמעס שוים.

קושט די זון מיין מידן קערפּער,
קושט מיך מילד און ווייך,
ווייט אין רוים אַ וואָלקן שוועבט זיך,
קרייזלט זיך, ווי רויך.

ווינקט מיך גנב׳יש צו דער וואָלקן:
„מאָרגן פרי באַגינ״...
דער האַמער וואַרט, דער שוך איז גרייט
מיט דראַטוועס צו פאַרצין.

יעקב שטרייכער.

# דער אָרימאַן.

ס'וואָיען הינט ווי מעלאַנכאָליש,
ס'איז אין גאַס קיין מענש פאַראַן;
אויף אַ האַרטער באַנק אין פּאָליש
שלאָפט אַן אַלטער אָרימאַן.

דאָס צעפליקט־פאַרשמאָלצן היטל
ביז די אויגן אַזש פאַרוקט;
און אַ שמייכל פול מיט בטול
פון דער באָרד, דער גרויער ליגט...

רואיק שלאָפט ער אין דעם שאָטן
אויף זיין האָריק־אַלטער פויסט;
ס'בלייכט אַ זוים פון טלית־קטן,
און די ברוסט איז האַלב אַנטבלויזט...

תמיד, תמיד נאָר אין גלות,
טראָגט זיין היימאַט ער אין זיך...
דופט פון גערטנער אין די פּאָלעס,
שטויב פון וועגן אויף די שיך...

שטייט אין ווינקל איצט זיין שטעקן,
און די טאָרבע ביי דער זייט;
ס'וועט די זון אים מאָרגן וועקן,
רופן ווידער ערגעץ וויים...

װעט ער װידער נעמען שפּאַנען,
גײן פון שטאָט צו שטאָט אױפסנײ...
דאָך װער איז ער? און פון װאַנען?
לעבט ער נאָר פון בעטלערײ?...

אָבער קײנער שענקט קײן בליק אים;
ניט דאָס שטעטל, ניט דער רב...
אפשר איז ער פון צדיקים,
פון דער גרױסער ל״ו?...

אפשר איז ער גאָטס שליח,
װעלכער שפּרײזט פון מײל צו מײל?
אַ פאַרבאָרגענער משיח,
װאָס אַנטפּלעקט זיך ניט דערװײל?...

שטילער... שטילער... לאָזט אים שלאָפן,
לאָזט אים אױסרוען דעם גוף...
שאַ... דער מזרח װערט באַלד אָפן,
און די גאָלד׳נע זון גײט אױף...

ל. נײדוס.

# מלחמה און טויט

## אינהאַלט:

1) מלחמה (ליד) — א. רייזען — — — — — — — — — — — 188
2) מאָביליזאַציע — יעקב מעסטל — — — — — — — — — — 189
3) פאַר די זעלנער (ליד) — שרה רייזען — — — — — — — 198
4) נאָכווייען — יעקב מעסטל — — — — — — — — — — — 199
5) איז אַוועק צום קריג דער מלך (ליד) —
א. רייזען (פון קאָנאָפּניצקאַ) — 205
6) אין גרוב — שלום אַש — — — — — — — — — — — 207
7) אהיים (ליד) — שרה רייזען — — — — — — — — — 211
8) נאָך אַלעמען (ליד) — ה. לייוויק — — — — — — — — 213

# מלחמה.

„אָ, מאַמע, כ׳וויל אַביסל מילך,
ס׳איז טרוקן מיר מיין גומען״...
— מיין קינד — אַ בייזער פאַסטוך האָט
די אַלע קי פאַרנומען.

טאָ גיב מיר, מאַמע, ברויט אַ ביס,
דעם הונגער מיר צו שטילן! —
— ניטאָ, מיין קינד, אַ וואַסער האָט
פאַרטרונקען אַלע מילן.

אַ וואַסער ווילד, אַ וואַסער־רויט
האָט זיי אַראָפּגעטראָגן,
און אַלע מילנער זיינען איצט
אַ וועק אין פעלד זיך שלאָגן.

„טאָ, וואו־זשע איז דער טאַטע איצט,
ער זאָל אונז עסן קריגן?״
— דער טאַטע איז אַוועק מיט זיי
אַ שונא צו באַזיגן.

דער טאַטע איז אויך איצט אין פעלד —
הערסט מיין קינד אַ ברומען?
ער איז אַוועק, ער איז ניטאָ,
ער וועט שוין קיינמאָל קומען.

א. רייזען.

# מאָביליזציע.

## א.

ארום מיטנאַכט בין איך ביי דער גרענעץ. אויפן וואָקזאל האַלט וואַך אַ סאָלדאַט אין אַ נייעם, גרויען מונדיר, מיט אַ געפלאַנצט געווער, — אַ 43-יאָריקער פויער פון דער בוקאָווינע. איך נעם זיך ווײצלען מיט אים, ווי אַזוי אַזאַ אַלטער „גאָספּאָדאַר" מאַכט זיך נאָך נאַריש און שפּילט זיך אין זעלנער.

— באַ, זאָגט ער ערנסט — מען האָט גערופן, מוז מען גיין.

דאָס „מוז מען" קומט ביי אים אַרוים ווי ער וואָלט זיך דערביי ווערן מיט אלע כוחות...

דער באַן-באַאַמטער ערקלערט מיר, אז איך קאָן פאָרן ערשט מאָרגן פרי.

— און מאָביליזאַציע? — האָב איך צו אים א טענה.

„וואָס ווייסט ער..."

דרימלענדיק, וואַרט איך איבער די עטלאַכע שעה. קעגן פרימאָרגן שיט זיך אַריין אַ לוסטיק בינטל יונגע סטו-דענטן. — איינער אין א סאָלדאטסקן היטל, דער צווייטער אין זעלנערישע קאַמאַשן, און אַלע מיט אַרמיי-זעקלאך אויף די פּלייצעס — מען פאָרט צו דער מאָביליזאַציע. זיי רעדן דייטש מיט אַ אידישן נוסח. יונג בלוט. דעבאַטירט מען הויך: אָט זעען זיי זיך שוין אויפן שלאכטפעלד, יאָגן זיך

אַרום, מאַכן קונצן, שלאָגן מורא׳דיק, צעשמעטערן די רוסן — אַלץ די רוסן!

איך פאַרברענג שוין מיט זיי ביז דער צוג איז פאַרטיק צום פאָרן.

אין באַן איז „הפקר אַ וועלט!": נישט מען ווייזט און נישט מען פרעגט אויף אַ באַן-בילעט — מען שטופט זיך אַריין און מען פאָרט. מאָביליזאַציע! איך מוז גוט צוזאַמענדריקן איין פוס איבערן אַנדערן, איך זאָל נאָך געפינען אַ שטיקל פּלאַץ אין דער „צווייטער קלאַס". איך פּרואוו צו פאַרקירצן מיין אָפּקומעניש דורכן קוק אויפן זייגער, — אָבער אַז מען פאָרט גאָרנישט אויפן זייגער, נאָר לויט די פּעקלאַך מענטשן! וואָס ווייטער אַ סטאַנציע, גייט דער צוג אַלץ פּאַוואָליער און דאָס געדרענג ווערט אַלץ גרעסער. איך בין שוין ארומגעשטעלט מיט פּאַסאַזשירן, אַז איך זע נישט מער קיין ליכט פאַר די אויגן, און הער נאָר דאָס הייזעריק-קוויטשנדיקע קול׳כל פון דעם יונגענמאַן, וועלכער באַגריסט אויף יעדער סטאַנציע: „האָך עסטרייך! נידער מיט רוסלאַנד!" און אַזוי ווי מען ענטפערט אים עפּעס נישט איבעריק שטאַרק, צעלאָזט ער זיך אויפן קול מיט דער „התקוה", צושרייענדיק צו עמיצן: „זינגט חברה, דער שלאַנג זאָל..."

מיין שכן אויף דער באַנק, א בלאס אידל, הייבט זיך אויף יעדעם מאָל און לאָזט א ביסל אויסרוען זיינע חברים.

—משה — גיט ער זיך פלוצלונג א דריי אוים — דערלאנג דאָס זעקל!

באַקומען דאָס זעקל, הייבט ער אָן זיך טיילן מיט זיינע צוויי חברים: בולקעלאַך, עפּעלאַך.

— איך האָב נאָך געגעסן נעכטן, ביים פאַרפאַסטן — פאַרענטפערט ער זיך גלאַט אין דער וועלט אריין — נישט געוואָלט אָנבייסן ביז איך וועל זיין „אָנגעטאָן", אָבער דאָס האַרץ נאָגט. מילא, וואָס קאָן מען טאָן? מלחמה... גאָט וועט מוזן מוחל זיין.

— אַ שיינער „תשעה באב" — פּרואוו איך זיך וויצלען.

— אוי, א שיינער, אַ שיינער — כאַפּט ער אונטער מיט אַ זיפץ — דאָס מזל אויף פּאָניען...

דער איינציקער אין א סאָלדאטסקן מונדיר איז א עלטערער פעלדפעבל מיט א סך מעדאלן אויף דער ברוסט. האַלט מען אים פאַר א גאנצן גאון אין מלחמה ענינים און מען ווענדט זיך צו אים מיט פארשיידענע קשיות:

— אַיאָ, מיר האָבן אזויפיל רעגימענטער?

דער פעלדפעבל רעכנט אוים א ביסל אנדערש.

— „אונזער אַרטילעריע קאָן שיסן פון טשערנאָוויץ ביז צו דער גרענעץ".

— עס קאָן זיין — קוועטשט ער מיט די פּלייצעס.

— אָבער אונזער קאַוואַלעריע? ריזן!

— און די רוסישע קאָזאקן? — מיינט דער „גאון", אַז עס איז זיין חוב אלץ איבערצושפּארן.

— וואָס קאָזאַקן — ווערן שוין יענע אויפגערעגט — אונזער אינפאנטעריע, אונזערע גענעראלן, אונזערע...

— יאָ, יאָ — שלאָגט זיי איבער דער פעלדפעבעל, —

ווען די רוסן וועלן זיך א לאָז טאָן, וועלן מיר נישט וויסן וואוהין צו אנטלויפן.

זיינע לעצטע ווערטער מאַכן א געפילדער, חברה גיט זיך א לאָז צו אים:

— ווער וויים ווער דאָס איז! — א גוינער! — פשוט א פארעטער!

א געזונטער יונגערמאן בייגט זיך אָן צו אים און רוימט אים איין א „סוד", אלע זאָלן הערן:

— אַן אָפיציר אין ציוויל לאָזט אייך זאָגן, איר זאָלט אויפהערן רעדן, אנישט לאָזט ער אייך תיכף אַרעסטירן.

דער העלד אין מונדיר הייבט אָן ציטערן. דער יונגער־מאָן זעט „באַשיינפערלאך" זיין נצחון, נעמט ער זידלען דעם פעלדפעבל אויפן הויכן קול.

— פאָרט איר אויך צו דער מאָביליזאַציע? — פרעגט איך דעם אויפגערעגטן פאַטריאָט.

— איך פאָר קיין ווין — ענטפערט ער שוין געלאַ־סענער — דאָרט איז פאָרט זיכערער, — ווי מיינט איר?

— און די מאָביליזאַציע?

— איך בין באפרייט פון מיליטער — ענטפערט ער שוין א גאַנץ שטילער.

זיינע בריליאנטן אויף די פינגער פארענטפערן אַלץ...

וואָס נענטער צו דער גאַליצישער גרענעץ, אַלץ מער בייט זיך דאָס מענטשן־געפעק: איניקע שטייגן אוים, אנדערע קומען ארײַן — די מאָביליזאַציע פארטיילט זיך מעכאַניש. און אויף יעדער סטאַנציע דערזעלבער יאָמער און געקלאָג

פון מוטערס, פרויען און שוועסטער, וועלכע געזעגענען זיך מיט די אַוועקפאָרנדיקע: נישט איין ברוסט טוליעט אַציגד דעם טייערסטן צום לעצטן מאָל — נישט איין מוטער־אויג קוקט איצט צום לעצטן מאָל אויף א געציטערטע קינד...

די וויינענדיקע ווייבער, די פשוט׳ע פויערטעס, זיינען אפשר די איינציקע, וועלכע דערפילן די גאַנצע שרעקלאכע גרויסקייט פון מלחמה. די מענער גייען ווי בלינדע, ווי צו אַ שפּיל — זיי הערן נאָר דעם קלאַנג פון זעבל. אָבער די פרוי האָט דערשפּירט בלוט, — וויינען די אָרימע מאַמעס און שוועסטערס — זייערע צאַרטע פרויענהערצער זאָגן זיי אָפּנים קיין גוטס נישט פאָרויס...

אין די גרויסע גלאָז־האַלן פון לעמבערגער הויפּט־באַן־הויף קייקלט זיך אַרום אַ געוואַלדיקער קנויל פון פאַרשי־דענע געשרייען און באַפעלן: טויזנטער מענשן־שטימען האָבן זיך אויסגעמישט, און בילדן מיט די שנעלע, נערוועזע באַוועגונגען און געסטיקולאַציעס אַ מין געזשום פון אַ רי־זיקן וואַסערפאַל. אַ פיאַקער איז נישט מעגלאַך צו באַקומען — די פערד האָט מען רעקווירירט — פאָר איך מיט דעם נעקסטן צוג צום קלענערן וואָקזאַל, וועלכער געפינט זיך אַקעגן אונזער הויז.

ערשט אויף דער קירצער שטרעקע דערקענט מען אַ שטיק פון אמת׳ן קריג: אַלע בריקן און וויאַדוקטן זיינען באַוואַכט. ביי די רעלסן שטייט אַ איד מיט אַ שוואַרצער באָרד, מיט צעפלאָכטענע פאות, אויפן קאָפּ אַ צעקיינטשטע זעלנעריש היטל, און אויף דעם רעכטן אַקסל אַ געפלאַנצט

אַלטמאָדיש געװער — אַ „לאַנדשטורם־מאַן“, װעלכער היט די באַן־שטרעקע. דער אַלטער פּאַטראָנטאַש מאַכט דעם אײַנדרוק װי דער „של ראש“ װאָלט זיך אים אַראָפּגע־גליטשט ביז אויפן בויך. מען מוז שמייכלען.

## ב.

צװישן דעם געמיש פון אָנגעקומענע און אָװעקפאָרנדי־קע סאָלדאַטן דערבליק איך דאָס קלײנע שײגעצל, װעלכעס טראָגט תמיד מײַנע זאַכן.

— אויך צו דער מאָביליזאַציע — לויפט ער מיר אַקעגן מיט זײַן פריילאַך־ערנסט פּנים׳ל.

איך באַגעגן מײַן טאַטן אין דער טיר. ער גיט זיך אַ דרײ אויס אין שטוב אַרײַן, װי אײנער רעדט: „ער איז דאָ!“ די מאַמע לויפט מיר אַקעגן מיט אַ געלעכטערל, צעקוּשט זיך און שאָקלט צו מיטן קאָפּ:

— אַ זעלנער, האַ?

אין די װערטער ליגט איר איראָנישער פאָרװאורף און איר שטילער שטאָלץ. מיר װערט אַ ביסל לײַכטער אויפן האַרצן. מער ערנסט באַגריסט מיך מײַן שװעסטער און די ברידערלאַך: זײ פילן אָפּנים, אַז איך בין זײ נישט אויף לאַנג געגעבן:

— איך האָב שוין געהײסן צו דיר טעלעגראַפירן, — זאָגט דער טאַטע ערנסט, — דער קײזער רופט... װען װילסטו דען פאָרן צום רעגימענט?

— מיטן ערשטן צוג, — כאַפּ איך זיך אַרויס.

די מאַמע פּלאַצט אַרויס מיט אַ געוויין: איר ביז־איצטיקע רואיקייט איז נאָר געווען אַ געצוואונגענע: מען האָט זי געבעטן נישט וויינען, כדי מיך נישט צו באומרו־איקן. מיין שוועסטער וויצלט זיך איבער אירע טרערן, — לויפט אָבער אַריין אין קיך און צעוויינט זיך אַליין...

— אַלץ איז שוין אויסגעפּוצט, —ווישט זיך מיין גוטע מאַמע די טרערן און טראָגט מיר אַקעגן די מיליטער־אוני־פאָרם און דעם זעבל.

איך קוש איר אוים די שוואַרצע, קלוגע אויגן און באַ־רואיק זי, אַז איך וועל נאָך בלייבן איבער נאַכט.

— ווערסטו נישט פאַרשפּעטיקן? — ציטערט זי פאַר פרייד, און איך פיל, אַז זי וועט מיך שוין נישט אַוועקלאָזן.

איך לויף דערווייל איינקויפן עטלאַכע קלייניקייטן.

פון דעם מאַריאַצקי־פּלאַץ דערנענטערט זיך אַ „צוג" מיט אַ קלאַפּנדיקער מוזיק: אפשר אַ זיבעצניעריקער שיי־געץ טראָגט אַ צעשטאָכן בילד פונם צאַר, און נאָך אים שלעפּן זיך נאָך אַ צוויי טוץ קינדער, עטלאַכע אַלטע גוים אין פּוילישע אוניפאָרמען, ענלאַך אויף פּאַפּירענע מאַנעקינען, און אַ פאַרשוויצטער פּאָליציי־קאָמיסאַר מיט צוויי דיקלאַכע פּאָליציי־אַגענטן. פאַר יעדן אָפיציר און פאַר יעדן סאָלדאַט בלייבן זיי שטיין, שפּילן אָפּ צוערשט דעם עסטרייכישן, דערנאָך דעם פּוילישן נאַציאָנאַל־הימן, — אַ פּאָר טרוקענע קולות שרייען אָפּ זייער „נידער מיטן צאַר!" „האָך עסט־רייך!" און מען גייט ווייטער.

— קום, — שמייכלט מיין ברודער, — וועלן מיר נאָך זיין ביים „חמץ פארברענען“.

ביים מיצקעוויטש-מאָנומענט בלייבט מען שטיין: דער זיבצניאָריקער בחור בייגט אָן דעם שטעקן מיטן צאַרס בילד, — פון דריי זייטן שטרעקן זיך אויס הענט מיט אָנ־געצונדענע סירניקלאך — די פויק הייבט אָן דעם „נאַציאָ־נאַל-הימן“, — מען הייבט די היטלען, הייזעריקע קולות שרייען ווידער „נידער מיט רוסלאַנד!“ — מער פאַרברענט דעם פאַפירענעם צאַר.

— קום זיך פאָטאָגראַפירן, — גיט זיך מיין שוועס־טער אַ כאַפּ, ווען מיר גייען פאַרביי אַ פאָטאָגראַף.

מערקווירדיק: מיר אַלע האָבן געהאַט דעם זעלבן געדאַנק. דער עלעקטרישער אַפּאַראַט גיט אַ זעץ אין פּנים, און ביי מיין שוועסטער צעשפּילן זיך טרערן אין די אויגן...

— זאָלסט נישט פאַרשפּעטיקן, — טרייבט מיך דער טאַטע שלאָפן.

עס גלוסט זיך אָבער פאָרט נישט צו פאַרשלאָפן די נאַכט! איך וויל נאָך אַביסל זיצן, זיך אָנזעטיקן מיט מיינע ליבסטע, — אָבער עס נעמט זיך נישט קיין ווערטער, יעדער שווייגט אין מרה-שחורה. איך פּרואוו דערציילן מעשיות, מאַכן וויצן, — עס געלינגט נישט. די מאַמע זעצט זיך נעבן מיר, גלעט מיר דעם קאָפּ, — און ווען איך כאַפּ זיך אויף פאַרטאָג, זיצט זי נאָך אַלץ ביי מיין בעט... האָט זי אין דער נאַכט בכלל צוגעמאַכט אַן אויג?

מיין שוועסטער פועל'ט ביי דער מאַמען, זי זאָל מיך

נישט באַגלייטן צו דער באַן: זי וויל איר פאַרשפּאָרן עגמת־נפש. דער טאַטע האָט שוין געהאַלטן מיין קופערט אין האַנט (ער אַליין האָט געוואָלט אים צוטראָגן...), שטעלט ער אים איצט אַוועק, כמעט פאַרשעמט, — ווי נאָר אַ שטאָלץ, שטיל האַרץ קאָן זיך פאַרשעמען. איך נעם זיין דאַרע האַנט — און מיין טאַטע פאַרגלייסט די אויגן. איך זע דאָס צום ערשטן מאָל. איך גראָב זיך איין מיט די ליפּן אין זיין ציטערדיקער האַנט, און איך דערפיל אַ הייסן טראָפּן אויף מיין נאַקן. אַ לאַנגער קוש פאַרייניקט אונ־זערע ליפּן.

— ...און קום געזונט צוריק — פאַרענדיקט מיין טאַטע.

ערשט אַצינד ברעכט אויס דער גאַנצער ים פון מיין מאַמעס ווייטיק:

— וואָס וויל מען פון מיין קינד!

דאָס האַרץ נעמט צופּן.

אויפן וואָקזאַל דערזע איך אין אַ ווינקל אַן איינגע־הויקערטע, אין אַ שוואַרצן שאַל איינגעוויקלטע פיגור, אַנ־געשפּאַרט אָן אַ סלופּ — מיין מאַמע.

ווי אַנדערש זי איז אַצינד...

דורך די פאַרשווינדנדיקע פענסטער פון וואָקזאַל זע איך זי, דאַכט זיך, נאָכאַמאָל. דער צוג האַלט אין גיין, און איך דערקען קוים איר האַלב־איינגעבראָכענע געשטאַלט. אָבער איך זע, דאַכט זיך, בפירוש, די טרערן אין אירע אויגן.

יעקב מעסטל.

# פאַר די זעלנער

פאַר די זעלנער העמדער
נייט חיימ׳ס ווייבל גערן,
און אויב ס׳איז האַרט די לייוונט,
מאַכט זי עס ווייך מיט טרערן.

און וואָלט זי קענען וויסן,
וועלכע ר׳וועט באַקומען,
וואָלט זי יענע העמד אים,
אויסנייען אין בלומען.

וואָלט זי יענע העמד אים
אויסנייען אין ווערטער
אַ גערוס זאָל האָבן
דאָרט איר באַשערטער.

נאָר די אָרמע וויים ניט,
וואו ס׳איז איר מאַן געבליבן,
צי אין שלאַכט גע׳הרג׳ט,
צי אין „פּלען" פאַרטריבן.

און ווייל די אָרמע וויים ניט,
וואו ר׳איז הינגעקומען,
נייט זי אַלע העמדער
אוים אין טרערן־בלומען.

שרה רייזען.

# נאָכווייען.



איך בין אַפּנים לאַנג געלעגן אַ פּאַר־חלש'טער. די פיינטלאכע אַרטילעריע איז דערווייל שטיל געוואָרן, — מען וואָגט שוין זיך אַ ריר טאָן. איך ווייס נישט וואָס עס גייט דאָ אייגנטלאַך פּאָר. עפּעם קומט מיר אָן זייער שווער צולייגן די האַנט צום שטערן. איך טרעף אָן אויף אַ זאַמדיקער, שמיריקער מאַסע, וואָס באַדעקט מיין פּנים. איך ווייס נאָך אַלץ ניט, פון וואָס דאָס קומט. מיין קאָפּ ליגט ווי צוזאַמענגעשרויפט אין אַ פעסטער קלעם, — איך קאָן אים ניט אויפהייבן. נערוועז נעם איך זיך אַרויסרייסן ווי פון שטאַרקע, אייזערנע הענט, — עס געלינגט מיר: איך הייב אויף דעם קאָפּ. אַ קילער ווינט גיט אַ בלאָז אויף מיינע שלייפן, — אַ קאַלטער ציטער לויפט דורך איבערן קערפּער. איך דערזע אַרום זיך צעוואָרפענע גופים, — איינציקע רירן זיך נאָך. מיטאַמאָל שטייט פאַר מיר דער גאַנצער אמת: קריג־געפאַלענע — פאַרוואונדעטע — אָט ערשט האָט מען געשאָסן... אינסטינקטיוו באַהאַלט איך צוריק דעם קאָפּ. איך דערפיל אַ ווייטיק. אָבער וואו בין איך פאַרוואונדעט? נאָכאַמאָל וויש איך אָפּ מיין צעהיצטן שטערן — אַ פייכטע, קלעפּעדיקע מאַסע בלייבט אויף מיין האַנט. בלוט? ניין. ס'איז אַפּנים דער קאַלטער שוויים, אויסגעמישט

מיט בלאָטע און אַש. עס דראָזשעט אַביסל. יאָ, אַפּנים אין פוס פאַרוואונדט, דען פון דאָרט קומט דער ווייטיק. אָבער וועלכער פוס? איך דערמאָן זיך, אַז נעבן מיר איז געלעגן קאַדעט ע.

— ע. — רוף איך.

קיינער ענטפערט ניט.

— ע., ביסט געזונט? — פּרואוו איך נאָכאַמאָל.

איך האָב מורא זיך אומצוקוקן און נעם נאָר פּאַ־וואָליע זיך אויסדרייען אויף דער צווייטער זייט. מיינע פיס באַוועגן זיך ניט! עס גיט אַ טשאָכק אין האַרצן: — ביידע פיס, צי נאָר איינער? אינגאַנצן, אָדער נאָר שטיקלאַך אָפּגעריסן?

איך האָב מורא אַ בליק צו טאָן... ווײַ, ווען דאָס...? אַ קאַליקע אויפן גאַנצן לעבן!...

עס ווערט שטאַרק טרויעריק אויפן האַרצן.

— ע.? — פרעג איך ווידער, און דערזע פאַר זיך נאָר אַ בערגל ערד.

איז ער דאָרט פאַרגראָבן?

איך דערפיל, אַז איך אַליין בין אויך פאַרגראָבן טיף אין הויפנס ערד — בלייב איך שוין גאַנץ אַ פאַרלאָרענער. איך פרואוו נישט מער זיך אַרויסראַטשקעווען פון דעם באַרג — טאָמער וועל איך נישט אַלע אברים אַרויס־נעמען... איך שמייכל אַליין איבער מיין נאַרישקייט, און דאָך ריר איך זיך נישט, כמעט צופרידן מיט מיין גורל.

— הער פענריך, הער פענריך, איר לעבט? — שאַרט

זיך צו אויפֿן בויך מיין חבר וו. — מיר האָבן געמיינט, אַז...

— אַז שוין? — שמייכל איך צום אים כמעט דאַנק־באַר.

— איר זייט אינגאַנצן געווען צוגעשיט מיט ערד.

— איך בין, דאַכט זיך, פֿאַרוואונדעט. און דו?

— מיר איז גאָרנישט געשען — איז ער פֿול פֿרייד

— איך בין אַריין אין אַ לאָך פֿון אַ גראַנאַט —

יאָ, איך דערמאָן זיך, אַז ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל אויך אַהין אַנטלויפֿן.

מיין טראָמפּייטער מיט נאָך אַ סאָלדאַט נעמען מיך אויסגראָבן.

— וואו איז קאַדעט ע.?

— פֿאַרוואונדעט.

ער איז אַנטלאָפֿן, און אין מיטן וועג האָט עס אים פֿאַרכאַפּט.

דאָס קרעכצן אַרום הערט ניט אויף. רעכטס נעבן מיר ליגט מיינס אַ קאַפּראַל, פֿאַרבייסט די ליפּן פֿאַר ווייטיק — פֿון זיין נאַקעטן פֿוס זעצט אַ פּאַרע: ביים געלענק איז אויסגעריסן אַ גאַנץ שטיק פֿלייש, — די רויטע מוסקולן קוקן אַרוים ווי מיט אַ פּרעכן געלעכטער.

— אויך פֿאַרוואונדעט? — פֿרעג איך, גלאַט צו פֿרעגן.

— דאַכט זיך, אַז מיט דעמזעלבן גראַנאַט וואָס איר, הער פֿענריך.

ווידער גיט מיר אַ טשאָכק אין האַרצן: עס האָט זיך נאָך אַלץ ניט געגלויבט, אַז איך בין פאַרוואונדעט...

מען האָט מיך אויפגעגראָבן.

— אוי, אוי, אוי... — כאַפּט זיך דער טראָמפּייטער פאַרן קאָפּ, קוקנדיק אויף מיינע פיס, — וואָס וועט פון אונז ווערן? וואָס וועט פון אונז ווערן?...

— וואָס איז, אינגל? — בין איך דערשראָקן, אָבער איך שמייכל.

— אוי! — ברעכט ער די הענט — שוין אַזויפיל קאַמעראַדן פאַרלאָרן, אַזויפיל געפאַלן! און אַצינד נאָך דער הער פענריך... אַז דער הער פענריך איז שוין פאַרוואונדעט, וואָס־זשע וועט ערשט מיט אונז זיין?!...

— נו, קינד, וואָס לאָזט זיך טאָן? מיר זיינען דאָך סאָלדאַטן — וויל איך אים טרייסטן.

זיין צערטלאַכקייט רירט מיך ביז טרערן.

— ביידע פיס? — פרעג איך מיין חבר, וועלכער העלפט דעם טראָמפּייטער מיך באַנדאַזשירן.

איך האָב נאָך אַלץ מורא אַ קוק צו טאָן.

— ניין, הער פענריך — טרייסט ער מיך — נאָר צוויי פינגער ביים לינקן פוס. די פּאָדעשווע אַביסל, — אָבער עס איז גאָרנישט.

— אויף די רוסן געזאָגט, די הינט! — איז מיין האָרנבלאָזער שטאַרק אויפגעבראַכט.

ער איז בכלל דער גאַנצער „מאַכער": ער שניידט אַראָפּ דעם שוך, פאַרבינדט, שטרעקט אוים דעם פאַר־

וואונדעטן פּוס, און ענדלאַך ווייזט ער מיר דעם שוך: אַ קנאַפּל, ביי וועלכן עס הענגען נאָך לעדערנע שטשעמ־פּעס — מער איז פון דעם שוך ניט פאַרבליבן.

— אָבער דער פּוס איז ניט אַזוי צעפּלאַסקעט? — וויצל איך זיך און וויל וויסן דעם אמת.

— ניין — לאַכט וו. — אַ גאָרנישט... הלוואי אויף מיר געזאָגט... איר האָט אָבער מזל, הער פענריך...

ער ווערט ערנסט. דער טראָמפּייטער איז דערווייל פאַרטיק געוואָרן מיט דעם באַנדאַזשירן און צערטלט מיין פאַרוואונדעטן פּוס אין זיינע דיקע הענט:

— איך מיין, אַז עס וועט שוין זיין גוט, הער פענריך, איך האָב גוט צוגעבונדן.

— חבר, ברודער טייערער — בעט זיך אַ פאַרוואונ־דעטער — האָב רחמנות! פאַרבינד מיר אויך, איך קאָן שוין לענגער ניט אויסהאַלטן... איך רין אָפּ.

— גיי, גיי — זאָג איך אים, און מיין קול ציטערט שטאַרק — גיי העלף דיינע קאַמעראַדן. עס איז אויף אונז אַלע איין צרה... דו ביסט זייער אַ גוטער יונג... איך וועל עס דיר קיינמאָל נישט...

איך קאָן ווייטער ניט ריידן — די ווערטער שטיקן מיך. מיין גאַנץ פאַרשטיינערט האַרץ האָט מיטאַמאָל זיך געעפנט און פון די אויגן האָט זיך אַ גאָס געטאָן אַ שטראָם טרערן.

— קום אַהער, מיין זון, ביסט זייער אַ גוטער...

איך נעם אָן זיין האַנט, שלעפּ אים צו זיך, און נעם

קושן זיין פאַרשוויצטן, יונגן קאָפּ. דער שייגעץ ווייסט נישט וואָס צו טאָן מיט זיך: ער ציטערט, וויל עפּעס ריידן, — צעכליפּעט זיך אָבער און באַלייגט מיין האַנט מיט האַרציקע, הויכע קושן. מיר וויינען ביידע.

מיין פּוס הייבט אָן קיצלדיק בראָטן. איך דערפּיל אַן אַנגענעמע מאַטקייט אין גאַנצן קערפּער. פאַר די אויגן וועבט זיך אַ דינטשיק הייטל און איך פאַל אַריין, ווי אין אַ דרימל. — — —

יעקב מעסטל.

# איז אַוועק צום קריג דער מלך...

(פון מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ)

איז אַוועק צום קריג דער מלך —
בלאָזן אַלע שופרות פריילאַך;
שופרות בלאָזן, רוישן, ברומען,
אַז ער זאָל בשלום קומען.

איז געגאַנגען סטאַך זיך שלאָגן,
האָט דער טייך גענומען קלאָגן,
און די זאַנגען שטיל צו ציטערן,
אויף זיין מזל, אויף זיין ביטערן...

אויפן שלאַכט־פעלד אונטן, אויבן
פליען קוילן, מענשן ליגן, —
מלכים שלאָגן זיך, ווי לייבן,
כלאָפּעס פאַלן ווי די פליגן...

פאָנען רוישן, שאָסן קראַכן
און די מתנות ציען ווייטער;
ס'האָט אַ קויל געטראָפן סטאַכן,
ס'קומט אַהיים דער מלך הייטער.

ווי געקומען איז דער מלך
עפנען זיך די טויערן פריילאַך:
די טראָמפּייטן רוישן, שאַלן,
און די זון, זי שיט מיט שטראַלן.

ווי מען האָט גענומען גראָבן
פאַר דעם סטאַך אַ גרוב, דאַן האָבן
שטיל געוויינט אין פעלד די גראָזן
און אַ ווינט האָט צוגעבלאָזן...

א. רייזען.



# אין גרוב.



אָסנת האָט זיך געפונען אין זיין גרוב, האָט ער דערפילט עפּעס ווייכס אונטער זיך. ער איז אין דער ערשטער מינוט אויפגעשפּרונגען פאַר שרעק, דערנאָך האָט ער דערהערט אונטער זיך א קול: „האָב רחמנות, ברודער!“. ער האָט זיך צוגעבויגן און דערזען אַ סאָלדאַט אונטער זיך.

— גיב צו טרינקען ברודער, — האָט יענער געקרעכצט, — איך שטאַרב פאַר דאָרשט.

ער האָט אים דערלאַנגט זיין פלאַש, פון וועלכער דער קראַנקער זעלנער האָט געטרונקען.

— וואָס איז דיר, ביסט פאַרוואונדעט? — האָט אים אָסנת געפרעגט, — פאַרוואָס האָבן זיי דיך פון דאַנען נישט אַוועקגענומען?

— נישטאָ קיין צייט, קיינער איז נישט געקומען פרעגן. אַלע אונזערע דאָ אין גרוב זיינען טויט אָדער פאַרוואונדערט. אַ גאַנצן טאָג זיינען די באָמבעס געפאַלן ווי די דונערס פון הימל. גאָטס קללה איז אויף דער וועלט אויסגעגאָסן געוואָרן.

— און ווי אַזוי האָט מען אַריינגעלאָזט טרעטן אויף מענטשן, אויף לעבעדיקע מענטשן? — האָט אָסנת אויסגעשריען.

— מיר האָבן אויך געטראָטן אויף מענטשן. נאָר זע, אונטער מיר ליגט אויך ווער, אַ גאַנצן טאָג איז ער נאָך וואַרים געווען, דאָס וואַסער מיינס האָט ער אויסגעטרונקען, דאָס גאַנצע העמד האָב איך אים אין דער וואונד פאַרשטעקט. איצט איז ער שוין קאַלט. דאָס בלוט איז אים אויסגערונען. פון פאַרנאַכט אָן איז ער קאַלט... גאָט האָט אויף אים רחמנות געהאט. אַ קאַטאָליק געווען, וואַלענטין סטעכאָוויטש האָט ער געהייסן, פון 87טן שיסער־פּאָלק, כ׳געדענק עס גוט, ער האָט מיך געבעטן פאַרן טויט, אז מען זאָל זיין מוטער שרייבן. איצט וועל איך דיר דעם נאָמען איבערגעבן: געדענק אים. איך האָב אים גע׳חזר׳ט אַ גאַנצן טאָג. און מיינעם געדענק: איוואַן מאַלאַדיעץ, פון 14טן שיסער־פּאָלק, 6טע ראָטע. געדענק אים גוט, געדענק אים...

— דו וועסט נאָך לעבן, ברודער! אונזערע זיינען געקומען פיל, זייער פיל, מיר וועלן פאַר אייך נקמה נעמען!

— ניין, ליבער ברודער, ניין, איך וועל עס שוין נישט דורכלעבן, — קרעכצט דער קראַנקער סאָלדאַט, — דו אפשר יאָ, איך שוין נישט! דאָס גאַנצע בלוט רינט אַרויס. אָט לויפט עס פון דער זייט איבער דער האַנט, ווי אַ וואַרים טייכל. און קיין וואַסער איז שוין נישטאָ. דיינס איז אויסגעטרונקען און עס דאַרשט שוין ווידער.

— לאָז, וועל איך אים ארויסטראָגן פון גרוב, וועט דיר באַקוועמער זיין צום ליגן, — זאָגט אָסנת.

— ניין, ברודער, טו דאָס נישט, דאָ איז ער זיכערער! אין דרויסן וועלן אים די גראַנאַטן אַזוי צעהאַקן, אז גאָט

וועט אים נישט דערקענען, גאָטס געזיכט וועלן זיי צע־שטערן, אין הימל וועט ער נישט קענען ארויפקומען. לאָז אים ליגן. עס איז א רחמנות.

— וואו האָסטו די וואונד, גיב אַהער, איך וועל זי דיר פאַרבינדן, — זאָגט אָסנת.

— שוין נישטאָ מיט וואָס: אַלץ, וואָס איך האָב געהאַט, האָב איך צוגעלייגט, נאַס, דאָס בלוט לויפט, אַלץ איז שוין פאַרנעצט.

— איך האָב ביי מיר א האַנטוך, — זאָגט אָסנת און ציט אַרויס דאָס היימישע האַנטוך, וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך, די ברוסט צו פאַרבינדן, — גיט אהער.

דאָס האַנטוך האָט אָבער נישט געהאָלפן. דאָרט וואו די וואונד איז געווען, איז אַרום און אַרום, אויף דער ערד, אויף די קליידער און אויפן קערפּער געוואָרן א פאַרגלי־ווערטע מאַסע, וואָס האָט פאַרבונדן דעם קערפּער מיט דער ערד. אין אַ מינוט אַרום האָט שוין דאָס האַנטוך געהערט צו דער פאַרגליווערטער מאַסע.

אָסנת האָט זיך דערפילט מיט דעם פרעמדן סאָלדאַט פאַרבונדן דורכדעם, וואָס ער האָט אים אָפּגעגעבן זיין האַנטוך.

אַזוי איז ער אָפּגעלעגן אַ האַלבע נאַכט אין גרוב, פאַר־בראַכט אין די געדאַנקען און געקוקט אין דער שוואַרצער נאַכט, אין די פייערלאַך קעגנאיבער. דער קראַנקער סאָל־דאַט האָט נישט אויפגעהערט צו קרעכצן און צו בעטן וואַסער. אָסנת האָט שוין איבערגענומען די פלאַשן וואַסער

פון זיינע שכנים, נאָר דאָרטן האָבן זיי אויך געהאַט קראַנקע חברים, וועלכע זיינען געשטאָרבן פון דאָרש. אַ געוויסע צייט איז דער קראַנקער גאָר פאַרשטילט געוואָרן: עס האָט זיך געדוכט, אַז ער איז איינגעשלאָפן. אָסנת האָט אים נישט געוואָלט וועקן. פלוצלונג, אין אַ צייט אַרום, רופט ער זיך אָפּ:

— ברודער, איך פיל, עס איז שלעכט, צלם מיך פאַרן טויט.

אָסנת האָט געקלערט אַ מינוט, גע'צלמ'ט דעם קראַנקען און זיך אָפּגערופן:

— איך בין נישט קיין קריסט, נאָר דאָך...

אַ מינוט האָט דער סאָלדאַט געשוויגן.

— וואָס, אַ מוסולמאַן? — פרעגט פלוצלונג דער קראַנקער סאָלדאַט.

— ניין, אַ איד, — האָט אָסנת אָפּגעענטפערט.

— אַ איד, — האָט דער קראַנקער סאָלדאַט ווי געזאָגט פאַר זיך, — נו, אַלץ איינס. איין גאָט דאָ אויף דער וועלט. קוש דיך מיט מיר. עס טוט באַנג אַליין צו שטאַרבן.

אָסנת האָט זיך צעקושט מיט אים.

— און פאַרגעס נישט: וואַלענטין סטעכאָוויטש, אַ קאַטאָליק, און איוואַן מאַלאַדיעץ, אַ פּראַוואָסלאַוונער; חזר איבער, וועסטו ניט פאַרגעסן.

— און אסנת מאיר אַ איד, — האָט אָסנת געזאָגט פאַר זיך.

דערויף איז דער סאָלדאַט שטיל געוואָרן. שלום אַש.

# אַהיים

געענדיקט איז דער קריג,
געקומען איז דער שלום.
ער פאָרט אַהיים צוריק,
און דאָס איז ניט קיין חלום.

אַהיים, אַהיים צוריק,
עס זינגט דער צוג אים לידער,
אַהיים, אַהיים צוריק,
דאָרט וואַרטן שוועסטער, ברידער.

די מאַמע אַלט און שוואַך,
צי וועט ער זי דערוויסן ?
צי וועט זי נאָך איר קינד
מיט טרערן הייס באַגיסן ?

די אַלטע ביינער־הענט,
צי וועלן אים אומאַרמען
און וועלן נאָך איר קינד
שטיל גלעטן און דערוואַרמען ?

עס פליט דער צוג גאָר שנעל,
געדאַנקען אָבער שנעלער:
דער זומערדיקער טאָג —
אַ גאָלדענער, אַ העלער.

אויף טאָלן און אויף בערג
די פעלדער זיך צעשפּרייטן,
דער גרינער תבואה־ים,
באַגריסט אים פון דערווייטן.

פעלדער, פעלדער, גרינט!
פאַרדעקט פון בלוט די פלעקן,
און זאַל די תבואה נאָר
און זאָל די תבואה נאָר

אַהיים, אַהיים צוריק,
צו שוועסטער און צו ברידער;
די רעדער פון דעם צוג,
זיי זינגען הימאַטסלידער.

שרה רייזען.



# נאָך אַלעמען

שוין אָפּגעזאָגט דער דאָקטער האָט דאָס לעבן,
און וואָס עס האָט געמוזט איז שוין געשען:
דאָס אויג — פאַרמאַכט, די הענט און פיס —
פאַרגליווערט,
עס וועט ניט זיין שוין מער וואָס איז געווען.

שוין אָפּגעהויבן צו דער ערד דעם טויטן
און אומגעדרייט די שפּיגלען צו די ווענט;
שוין אָפּגעקלאָגט האָט דער, וואָס דאַרף באַוויינען,
די ליכט צוקאָפּנס אַלע אויסגעברענט.

געווען שוין די לויה, שוין פאַרשאָטן,
אַ ברעטל אינם פרישן זאַמד געשטעלט,
צוריקגעבראַכט אין טהרה־שטוב די מטה,
און רואיק, שטיל, ווי קיינער וואָלט געפעלט.

נאָך אַלעמען. שוין אומגעקערט אַהיים זיך.
מען וואַשט די הענט, מען עסט דעם אָוונט ברויט,
מען בלייבט אַזוי זיך זיצן אין די זאָקן,
און רואיק, שטיל. די מעריב־זון פאַרגייט.

ת. לייוויק.

# בענקשאַפט און האָפנונג

## אינהאַלט:


1) עלדאָראַדאָ (ליד) — ז. סעגאַלאָוויטש — — — — — — 214

2) דאָס גאָלדענע טראָמפּייטל — אב. רייזין — — — — — 216

3) אין אַ לאַנד (ליד) — אב. רייזין — — — — — — — — 220

4) ביים וואַסער (ליד) — אב. רייזין — — — — — — — 222


# עלדאָראַדאָ.

איבער באַרג, איבער פעלד
פאָרט אַ ריטער, אַ העלד.
פאָרט און זינגט זיך אַ שטאָלצע באַלאַדע.
עס איז דרייסט זיין געפיל,

אים באַגייסטערט איין ציל,
צו געפינען דאָס לאַנד עלדאָראַדאָ.
נאָר פון וואַנדערן לאַנג
ווערט ער גרוי שוין און קראַנק.

און ער איז זיך מיט טרויער מתודה.
אומעטום שוין געווען,
נישט געהערט, נישט געזען,
נישט געפונען דאָס לאַנד עלדאָראַדאָ.

און אַזוי נישט געבענטשט,
טרעפט אים אָן אַ געשפּענסט,
און פרעגט אים: „זוכסט וואָס אַוודאַי?"
בעט דער ריטער מיט שרעק:

„אָ, באַווייז מיר דעם וועג,
ווייז מיר אָן, וואו דאָס לאַנד עלדאָראַדאָ?"
און עס ענטפערט דאָס קול:
„וואו די זון פאַלט אין טאָל,

„וואו די נאַכט האָט דעם טאָג נישט געלאַדן...
„גיי פאָרויס און פאָרויס,
„מייד דעם גיהנום נישט אויס,
„אויב דו בענקסט נאָך דעם לאַנד עלדאָראַדאָ".

ז. סעגאַלאָוויטש.



# דאָס גאָלדענע טראָמפּייטל



אָ ס איז געווען אַ אינגעלע פון קנאַפּע דריי יאָר, מיט בלויע אויגעלאַך און גאָלדענע הערעלאַך — און אַלץ האָט אין אים געטרוימט: די איי־געלאַך, דאָס קעפּעלע און דאָס הער־צעלע. ער האָט אינגאַנצן אויסגעזען ווי אַ טרוים, ווי אַ בלאָנדער, הימלדיקער טרוים.

ווער האָט דען נישט ליב שיינע טרוימען — בפרט איך! און דאָס גאָלדענע אינגעלע, דאָס דריי־יעריקע קינד האָב איך זייער, זייער ליב געהאַט און אַלץ האָב איך אים נאָכגעגעבן — אַפילו מעשה׳לאַך פאַר אים אויסגעטראַכט.

און דאָס קינד האָט די מעשה׳לאַך שטאַרק ליב גע־האַט. נאָר מער פון אַלץ האָט עס די לעצטע צייט ליב געקראָגן דאָס מעשה׳לע מיטן גאָלדענעם טראָמפּייטל.

עס איז געווען אַ קורץ און איינפאַך מעשה׳לע, וואָס איך האָב ספּעציעל פאַר אים אַליין פאַרפאַסט.

אַ קורץ, קליין, איינפאַך מעשה׳לע.

דאָס מעשה׳לע מיטן גאָלדענעם טראָמפּטייל.

אָנגעהויבן האָט עס זיך אַזוי:

אויפן מאַרק איז דאָ אַ קרעמעלע, אין קרעמעלע איז דאָ אַ גאָלדן טראָמפּייטל. שלאָף, מישינקע, שלאָף, איך וועל מאָרגן מיט מישינקע אין מאַרק אַריינגיין און דאָס

גאָלדענע טראָמפּייטל קויפן, און מישינקע וועט אויף אים שפּילן...

אַ שיינע מעשה?

ער פלעגט זיינע גרויסע בלויע אייגעלאַך אויף מיר אויסשטעלן און, שטאַרק באַגייסטערט פון דעם גליק, וואָס אים שטייט פאָר, פלעגט ער ענטפערן:

— אַ שיינע מעשה!

— אויף מאָרגן פלעג איך אים ווידער דאָס מעשה׳לע מיטן גאָלדענעם טראָמפּייטל דערציילן. אויף איבערמאָרגן ווידער.

אַז עס איז פאַריבערגעגאַנגען אַ וואָך צייט, און דאָס טראָמפּייטל האָב איך אים נאָך אַלץ נישט געקויפט, האָב איך אים אָנגעהויבן אַנאַנדער מעשה׳לע צו דערציילן. צו לאַנג נאַרן אים האָט זיך נישט געוואָלט; איך האָב קיין האַרץ נישט געהאַט אַזוי לאַנג אַ קינד צו נאַרן, און האָב פאַר אים אויסגעטראַכט אַ נייַ מעשה׳לע, נאָך מיין מיינונג, אַ פיל שענערס. דאָס קינד האָט אָבער געמאָנט דאָס מעשה׳לע מיטן גאָלדענעם טראָמפּייטל.

און איך האָב עס אים ווידער דערציילט.

און ער האָט ווידער אויסגעהערט, אויסשטעלנדיק אויף מיר די בלויע אייגעלאַך, און אין זיין יונגנט ריינער פאַנטאַזיע זיך פאָרגעשטעלט דאָס גאָלדענע טראָמפּייטל, וואָס ער וועט זיכער באַקומען, און וועט אַזוי גליקלאַך זיין.

און דאָס מעשה׳לע האָט זיך ווידערהאָלט לאַנג, לאַנג.

און דאָס קינד האָט עס מיטן זעלבן גלויבן אויסגעהערט און קיין אַנדערע מעשה׳לאַך הערן נישט געוואָלט.

ענדלאַך איז מיר נמאס געוואָרן דאָס דאָזיקע ליבע קינד צו נאַרן; עס קען פאַרלירן דעם צוטרויען צו מיר, און דאַן וועל איך נישט האָבן קיין מיטל מיט וואָס צו פאַר־שלעפערן אים...

בין איך אויף מאָרגן אַוועק מיט אים אין מאַרק אַריין, אַריין אין אַ געוועלב פון שפּילצייג און אַ טראָמפּייטל פאַר עטלאַכע קליינע מטבעות אים געקויפט. דאָס טראָמפּיי־טעלע האָט געפינקלט, ווי עכט גאָלד, כאָטש געווען איז דאָס, נאַטירלאַך, נישט קיין גאָלדנס.

— אַ שיין טראָמפּייטל, מישינקע?

— אַ שיינס! — האָט ער געענטפערט, אַריינגעמענדיק דעם מונדשטיק אין זיין מיילכעלע, און אָנגעהויבן אַרומ־צולאָזן אויף אים פאַרשידענע טענער.

אַ פּאָר שעה האָט זיך דאָס קינד געשפּילט מיטן טראָמ־פּייטל. אָבער פאַרן שלאָפן גיין האָט ער עס אַ שמיץ געטאָן און צעבראָכן...

— דערציילן דיר, מישינקע, אַ מעשה׳לע? — האָב איך געפרעגט, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אין זיין בעטעלע גע־לייגט...

— יאָ, דערצייל! — האָט ער אויף מיר ווי מיט געבעט אויסגעשטעלט זיינע בלויע אייגעלאַך און געקוקט אויף מיר ווי מיט חשד...

— דערציילן דיר אַ מעשה׳לע מיטן גאָלדענעם טראָמ-פּייטל?

דאָס קינד האָט מיט קאַפּריז גענומען שאָקלען דאָס קעפּעלע אין ביידע זייטן אויף ניין.

— ווי נישט מיטן טראָמפּייטל...

איך האָב אָנגעשטרענגט מיין פאַנטאַזיע און געזוכט דאָרט עפּעס אַ ניי מעשה׳לע, דאָס ליבע קינד צו פאַרשלע-פערן. עס איז מיר אָבער שוואַך געלונגען; דאָס קינד האָט געהאַלטן אָפן די אייגעלאַך און צוגעהערט זיך צו די מעשה׳-לאַך אָן צוטרויען.

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף דער ערד און האָב דער-זען דאָס טראָמפּייטל ליגן צעבראָכן און האָב אין האַרצן חרטה געהאַט, וואָס איך האָב דאָס טראָמפּייטל געקויפט.

וואָלט איך נישט געקויפט פאַר אים, און ער וואָלט עס נישט געזען, וואָלט איך דעם קינד נאָך לאַנג, לאַנג דאָס מעשה׳לע געקענט דערציילן, און לאַנג, לאַנג וואָלט ער גע-טרוימט פון דעם...

איצט אָבער ליגט דאָס טראָמפּייטל צעבראָכן, און איך האָב נישט קיין אַנדער מעשה׳לע פאַר ליבן, שיינעם קינד...

א. רייזען.



# אין אַ לאַנד

אין אַ לאַנד אַ ווייטן, ווייטן,
אָפּגעשניטן פון דער וועלט,
אין אַ שטיבעלע אַן ענגער —
שמאַכטן זיי פאַר הונגער, קעלט.

אַלע קליידער־שוין צעריסן
און דאָס לעצטע העמד צעפליקט,
פון די באַקן איינגעשרומפּן
פון דעם הונגער, וואָס זיי דריקט.

שווייגן אַלע — און די אויגן
קוקן ערגעץ בלינד און שטאַר;
אויף די פּנים׳ער פאַרגליווערט
ליגט אַ פּחד און אַ צער.

שווייגן אַלע — ביז זיי פאַלן
און זיי שרייען בלויז פון שלאָף,
ווי זיי וואָלטן אין דעם חלום
פון דער וועלט געזען דעם סוף.

איינער בלויז קען דאָרט נישט שלאָפן
און ער שטייט און וואַרט שוין לאַנג;
אין זיין האַרץ האָט נאָך די האָפנונג
ניט געענדיקט איר געזאַנג.

און ער האַלט די אויגן אָפן,
קוקט אין פענסטערל אַרויס;
און ער זעט אַ ים אַ ברייטן
און אַ שיף — זי שווימט פאָרויס!

ס׳קומט די שיף פון ווייטע לענדער
צו באַפרייען זיי פון נויט;
און די שיף איז אָנגעלאָדן
אי מיט קליידער, אי מיט ברויט.

די מאַטראָסן איילן, איילן,
און דער גוטער קאַפּיטאַן
טרייבט די שיף אַלץ פאָרווערטס, פאָרווערטס
וויפל קראַפט ס׳איז נאָר פאַראַן!

ביז ער איז צו לעצט געפאַלן
און איז איינגעשלאָפן טיף;
און מיט צוגעמאַכטע אויגן
נאָך געזען, ווי ס׳שווימט די שיף...

אברהם רייזען.

# ביים וואַסער.

אויפן וואַסער שווימען שיפן,
און איך שטיי ביים ברעג;
די סיגנאַלן רופן, רופן
אין דעם ווייטן וועג...

אויף אַ מאַסטבוים ווייט אַ פאָנע
פון אַ פרעמדן לאַנד,
דאָרטן וואוינען גוטע מענשן,
פאַר מיר — אומבאַקאַנט.

דאָרטן איז דער הימל לויטער,
און די ערד איז גרין;
און ווי פאַלמען אַלע מיידלאַך,
צעדערן — די זין.

דאָרטן וואָלט איך יונג געוואָרן,
אָפּגעפרישט מיין בליק;
דאָרט געפונען וואָלט איך אפשר
מיין פאַרלוירן גליק...

אויפן וואַסער שווימען שיפען,
און איך שטיי ביים ברעג;
די סיגנאַלן רופן, רופן
אין דעם ווייטן וועג...

א. רייזען.

# אינהאַלט:


1) אַ מאַמע (אַן אונגאַריש פֿאָלקס־מעשה'לע) — ל. מלאך 6
2) ביים קינדס וויגל (בילד) — ז. מאָוד 11
3) אַ מאַמע — י. קרעפּליאַק 12
4) די מאַמע (ליד) — ז. ווײַנפּער 19
5) אונזער באַבעשי — מ. קאָנאָפּניצקאַ (אידיש מ. ציווין) — 20
6) אין אַ שטיבל (ליד) — ה. לייוויק 24
7) ערשטע טריט (בילד) — מילעט 25
8) אַ אינגעלע אַזאַ (ליד) — י. י. סיגאַל 26
9) דריי קעפּלאַך — שלום עליכם 27
10) קינדער (ליד) — י. דאָברושין 35
11) פאַר'ן שלאָף (ליד) — נפתלי גראָס 36
12) די דריי טרובעס — ר. אייזלאַנד 37
13) קראַנקע קינדער (ליד) — נפתלי גראָס 43
14) בום־בום — זשול קלאַרעטי (איד. מנוחה ר.) 44
15) קינדער — מ. ספּעקטאָר 57
16) אין קלאַס (בילד) — זשאָפּראָי 69
17) אַ תּפילה (ליד) — אברהם רייזען 70

1) דער אַלטער סופר (בילד) — איזראַעלס 72
2) איך שרייב אויפ'ן זאַמד — א. קאַצאָוויטש 73
3) אַ חדר־מעשה (ליד) — שמעון פרוג 76
4) מיין ערשטער רבי שטאָפּט מיך מיט תּורה —
א. קאַצאָוויטש — 78
5) חדר יאָרן — י. קאָפּעלאָוו 82
6) ליכט (ליד) — א. רייזען 90
7) דאָס חדר — י. קאָפּעלאָוו 91
8) אין טלית און תּפילין (בילד) — מאַרק שאַנאַל 94
9) דער נייער זמן (ליד) — ה. רויזענבלאַט 99
10) די צוויי ברידערלאַך — א. רייזען 100
11) די צוויי ברידערלאַך (בילד) — ז. מאָוד 112
12) דאָס ליד פון ישיבה־בחור (ליד) — א. רייזען 113
13) דער גימנאַזיסט — א. רייזען 115
14) פראַנצויזיש־אַראַבישע שול (בילד) — זשאָפּראָי 122

1) מאַמעניו מיינע (ליד) — יהואָש — 124
2) אויף מבינות — א. רייזען — 126
3) פון דער חופּה (ליד) — י. ראָלניק — 135
4) שרה'קעס חתונה — י. אָפּאַטאָשו — 137
5) קלעזמער (בילד) — י. ב. ריבאַק — 145
6) יאָסל קלעזמער (ליד) — נ. גראָס — 146

1) אין שטעטל (ליד) — נחום י. — 148
2) באַגינען (ליד) — י. ראָלניק — 150
3) אַרבעט זוכן (ליד) — ה. לייוויק — 151
4) זיבן גוטע יאָר — י. ל. פּרץ — 152
5) דער פעטער איצע (ליד) — משה קולבאַק — 159
6) צו דער אַרבעט (בילד) — מילעט — 161
7) שאַכטער ליד (ליד) — ז. סעגאַלאָוויטש — 162
8) הונגער — י. קרעפּליאַק — 163
9) דער וואַסער־טרעגער (בילד) — בולאַנגער — 173
10) וואַרימער אויוון (ליד) — ה. לייוויק — 174
11) די פאַבריק — א. רייזען — 175
12) נאָך דער אַרבעט (ליד) — יעקב שטרייכער — 184
13) דער אָרימאַן (ליד) — ל. ניידוס — 185

1) מלחמה (ליד) — א. רייזען — 188
2) מאָביליזאַציע — יעקב מעסטל — 189
3) פאַר די זעלנער (ליד) — שרה רייזען — 198
4) נאָכווייען — יעקב מעסטל — 199
5) איז אַוועק צום קריג דער מלך (ליד) — א. רייזען (פון קאָנאָפּניצקא) — 205
6) אין גרוב — שלום אַש — 207
7) אַהיים (ליד) — שרה רייזען — 211
8) נאָך אַלעמען (ליד) — ה. לייוויק — 213

1) עלדאָראַדאָ (ליד) — ז. סעגאַלאָוויטש — 214
2) דאָס גאָלדענע טראָמפּייטל — א. רייזען — 216
3) אין אַ לאַנד (ליד) — א. רייזען — 220
4) ביים וואַסער (ליד) — א. רייזען — 222


ספּעציעלע באַצירונגען פון א. קאַפּלאַן.